STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10810

MOTL PEYSI DEM KHAZNS

Sholem Aleichem

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Гр. Ингар
1947

שאָלעמ־אַלייכעמ

מאָטל פּייסי דעמ כאזנס

קסאָווימ פונ א ייִנגל א יאָסעמ

אָ ג י ז
מעלוכע־פארלאג „דער עמעס", מאָסקווע 1947

I

הײַנט איז יאָמטעוו — מע טאָר נישט וויינען!

א

איך גיי מיט אײַך אין געוועט, אַז וויפל איר ווילט, אַז קיינער אין דער וועלט איז נישט געווען אַזוי צופרידן מיטן ווארעמען ליכטיקן נאָך־פּייסעך, ווי איך, פּייסי דעם כאַזנס יינגל, מאָטל, און דעם שאָכנס קעלבל, וואָס מע רופט דאָס „מעני״ (דאָס האָב איך, מאָטל, דעם אַ נאָמען געגעבן „מעני״).

ביידע גלײַך האָבן מיר דערפילט די ערשטע שטראַלן פון דער ווארעמער זון אינעם ערשטן ווארעמען נאָך־פּייסעכדיקן טאָג, ביידע גלײַך האָבן מיר דערשמעקט דעם רייעך פונעם ערשטן גרינעם גרעזעלע, וואָס קריכט, שפּראָצט אַרויס פון דער נאָרוואָס אָפּגעדעקטער ערד, און ביידע גלײַך זײַנען מיר אַרויסגעקראָכן פונעם פינצטערן ענגשאַפט צו מעקאַבל־פּאָנעם זײַן דעם ערשטן זיסן ליכטיקן ווארעמען פרילינגס־מאָרגן. איך, פּייסי דעם כאַזנס יינגל, מאָטל, בין אַרויס פון אַ טוואַנג, פון אַ קאַלטן נאַסלעכן קעלער, וואָס שמעקט מיט זויערטייג און מיט רעפּועס פון דער אַפּטייק; און מעני, דעם שאָכנס קעלבל, האָט מען אַרויסגעלאָזט נאָך פון אַן ערגערן איפּעש: פון אַ קליינ, פינצטער, בלאָטיק, פאַרפּאַסקודיקט שטעלעכל מיט אויסגעקרימטע צעפּליקטע ווענט, וואָס ווינטער בלאָזט אַרײַן אַהין דער שניי און זומער שמײַסט אַרײַן דער רעגן.

אַרויסגעכאַפּט זיך אויף גאָטס פרײַע ליכטיקע וועלט, האָבן מיר ביידע, איך און מעני, אויס דאַנקבאַרקײַט צו דער נאַטור, זיך גענומען אויסדריקן אונדזער צופרידנקײַט. איך, פּייסי דעם כאַזנס יינגל, האָב אויפגעהויבן ביידע הענט אַרויף, אויפגעעפנט דאָס מויל און אַרײַן־

געצויגן אין זיך די פרישע ווארעמע לופט אזויפיל, וויפל איך האָב געקאָנט, — און עס האָט זיך מיר אויסגעדאכט, אז איך וואקס אין דער הייך, און עס ציט מיך ארויף-ארויף, אין דער טיפער-טיפער בלויער יארמעלקע ארײַן, דאָרט, ווו די שיטערע רויכיקע וואָלקנס שוועבן, דאָרט, ווו די ווײַסע פויגלען טוקן זיך, באווײַזן זיך און ווערן פאר-שווונדן מיט א קוויטש און מיט א צוויטשער, און עס רײַסט זיך ארויס פון מײַן אָנגעפילטער ברוסט, אָן מײַן וויסן, א מין געזאנג, נאָך שענער ווי יאָמטעוו מיטן טאטן באם אָמעד[1], א געזאנג אָן ווערטער, אָן נאָטן, אָן א שום מאָטיוו, א מין נאטור-געזאנג פון א וואסערפאל, פון יאָגנדיקע כוואליעס, א מין שיר-האשירים, א געט-לעכע היספּײַלעס, א הימלשע באגײַסטערונג: אוי-ווי, טאטע! אוי-ווי, פאָטער! אוי-ווי, לעבעדיקער גאָאָאָאָט!!!

אָט אזוי האָט ארויסגעוויזן זײַן צופרידנקײַט מיטן ערשטן פרי-לינג-טאָג פייסי דעם כאזנס יינגל. גאנץ אנדערש האָט דאָס אויס-געדריקט מעני, דעם שאָכנס קעלבל.

מעני, דעם שאָכנס קעלבל, האָט קודעם ארײַנגעשטעקט די שווארצע נאסע מאָרדע אין מיסט ארײַן, א שאר געטאָן מיטן פאָדערשטן פיסל די ערד אונטער זיך אמאָל דרײַ, פאריסן דעם עק, אופגעשפרונגען נאָכדעם אף אלע פיר און ארויסגעלאָזט א טומפיקן „מע"! דער „מע" האָט מיר אויסגעוויזן אזוי קאָמיש, אז איך האָב מיך געמוזט צעלאכן און נאָכמאכן פונקט דעם אייגענעם „מע" מיטן זעלביקן נוסעך[2], וואָס מעני. מעניז איז דאָס, ווײַזט אויס, געפעלן, וואָרעם עס האָט לאנג נישט גענומען, האָט דאָס קעלבל איבערגעכאזערט דאָס אייגענע נאָכ-אמאָל, מיטן זעלביקן נוסעך און מיטן זעלביקן שפרונג. זעלבסטפאר-שטענדלעך, אז איך האָב דאָס באלד נאָכגעטאָן מיט אלע פּישטשעווּ-קעס, מיטן קאָל און מיטן שפרונג. אזוי עטלעכע מאָל: איך א שפרונג, דאָס קעלבל א שפרונג; דאָס קעלבל א „מע", איך א „מע". ווער ווייסט, ביזוואנען דאָס שפיל וואָלט זיך אזוי געצויגן, ווען ניט א שנײַד פון הינטן אין האלדז ארײַן פון מײַן עלטערן ברודער עליע מיט אלע זײַנע פינף פינגער:

— אײַנגעזונקענע זאָלסטו ווערן! א באָכערל פון קימאט נײַן יאָר שטעלט זיך אוועק טאנצן מיט א קעלבל!.. אין שטוב ארײַן גיי, דו הולטײַ איינער!.. דער טאטע וועט דיר שוין געבן!..

---

1 א שטענדער פארן כאזן אין בעסמעדרעש.

2 מאניר, אופן.

דאָס קעלבל א „מע", איך א „מע".

ב

בלאָטע! דער טאַטע וועט מיר ניט „געבן" גאָרניט. דער טאַטע איז קראַנק. ער דאַוונט שוין ניט פֿאַרן אָמעד פֿון סימכאַס־טוירע אָן. גאַנצע נעכט הוסט ער. עס גייט צו אונדז דער שוואַרצער דאָקטער, א גראָבער, מיט שוואַרצע וואָנצעס און מיט לאַכנדיקע אויגן — א פֿריילעכער דאָקטער. מיך רופֿט ער „פּופּיק" און שנעלט מיר מיט די פֿינגער אין בײַכל אַרײַן. ער זאָגט אָן אַלעמאָל דער מאַמען, מע זאָל מיך ניט שטאָפּן מיט קיין קאַרטאָפֿליעס און דעם קראַנקן זאָל מען געבן נאָר בוליאָן און מילך, מילך און בוליאָן. די מאַמע הערט אים אויס, און אַז ער גייט אַוועק, באַהאַלט זי דאָס פּאָנעם אין פֿאַרטעך און די אַקסלען טרייסלען זיך בא איר... נאָכדעםווישט זי אויס די אויגן, רופֿט אָפּ מײַן ברודער עליע אָפּ א זײַט, און מע סוידעט זיך שטילערהייט. וואָס זיי ריידן — ווייס איך ניט. נאָר מיר דאַכט, זיי קריגן זיך. די מאַמע שיקט אים ערגעץ, ער וויל ניט גיין. ער זאָגט צו איר:

— איידער אָנקומען צו זיי, וועל איך דיר בעסער גיין אין דער ערד אַרײַן!.. איך וועל בעסער שטאַרבן הײַנטיקן טאָג!..

— בײַס דיר אָפּ די צונג, מעשומעד[1] איינער, וואָס רעדסטו?

אַזוי ענטפֿערט אים די מאַמע שטיל, ציפּעט צונויף די ציין, מאַכט צו אים מיט די הענט, איז גרייט אים דורעס זײַן. זי ווערט אָבער באַלד ווייך און מאַכט צו אים:

— וואָס זאָל איך טאָן, מײַן זון, א ראַכמאָנעס אָפּן טאַטן... מע מוז דאָך אים ראַטעווען!..

— פֿאַרקויפֿט מען עפּעס. — זאָגט מײַן ברודער עליע און כאַפּט א קוק אָפּ דער גלעזערנער שאַפֿע. און די מאַמע קוקט אויך אָפּ דער זעלבער שאַפֿע, ווישט די אויגן און זאָגט שטיל:

— וואָס זאָל איך פֿאַרקויפֿן? די נעשאָמע? שוין נישטאָ וואָס צו פֿאַרקויפֿן. סײַדן די ליידיקע שאַפֿע?

— פֿאַ־וואָס ניט? — זאָגט איר מײַן ברודער עליע.

— רויצייעך! — ענטפֿערט אים די מאַמע מיט רויטע אויגן. — פֿונוואַנען האָבן זיך צו מיר גענומען אַזעלכע ראָצכים קינדער?!

די מאַמע פֿײַערט און קאָכט, ווייגט זיך אויס, ווישט אויס די אויגן און בעט זיך באַלד איבער. אַזוי איז געווען אויך מיט די

---

1 דאָ געמיינט: אויסוואורף.

ספּאָרים, מיט דער זילבערנער אטאָרע[1] פונעם טאַלעס, מיט די צוויי געגילטע בעכערלעך, מיט איר זײַדן מאַלבעש, און מיט אַלע איבע־ריקע זאַכן, וואָס זײַנען פאַרקויפט געוואָרן בײַ אונדז אײנציקווײַז, און אַלעמאָל אַן אַנדער קוינע.

די ספּאָרים האָט אוועקגעקויפט מיכל דער פּאַקנטרעגער, אַ ייִד מיט אַ שיטער בערדל, וואָס ער האַלט דאָס אײן אײן קראַצן. מײַן ברו־דער עליע איז נעבעך געגאַנגען צו אים דרײַ מאָל, אײדער ער האָט אים אַראָפּגעבראַכט. די מאַמע האָט זיך מעכײַע געווען, אַז זי האָט אים דערזען, און באַוויזן אים מיטן פינגער, ער זאָל ריידן שטיל, בײַכדיי דער טאַטע זאָל נישט הערן. מיכל האָט פאַרשטאַנען, פּאַריסן דעם קאָפּ אַרויף אַפּ דער פּאָליצע, זיך געקראַצט אונטערן בערדל און אַ זאָג געטאָן:

— אַנו, ווײַזט, וואָס האָט איר דאָרטן?

מיט אַ ווונק האָט מיר די מאַמע באַוויזן, איך זאָל אַרויף אַפּן טיש און דערלאַנגען די ספּאָרים. צוויי מאָל איבערכאַזערן איז נישט געווען נײטיק. איך בין מיט אײן שפּרונג אַרויף מיט אַזאַ געדולע, אַז איך האָב מיך אויסגעצויגן איבערן טיש און נאָך געכאַפּט אַ צו־גאָב פון מײַן ברודער עליע, איך זאָל ניט שפּרינגען, ווי אַ מעשו־גענער. מײַן ברודער עליע האָט זיך אַליין מאַטריעכ געווען אַפּן טיש און האָט דערלאַנגט מיכלען אַלע ספּאָרים. מיכל האָט מיט אײן האַנט געבלעטערט די ספּאָרים, מיט דער אַנדערער זיך געקראַצט דאָס בערדל און געזאָגט כעסרוינעס. יעדער סײפער האָט זײַן כיסאָרן: דאָרט איז דער בונד געווען נישט גוט. בײַ דעם איז דער רוקן שטאַרק צעגעסן. דאָ איז דער סײפער אַליין קײן סײפער ניט. און אַז ער האָט שוין גאַנץ גוט איבערגעקוקט אַלע ספּאָרים, מיט אַלע בונדן, מיט אַלע רוקנס, האָט ער זיך אַ קראַץ געטאָן אין בערדל:

— ס׳זאָל זײַן מישנײַעסן[2], אַ גאַנצער גאַנג, וואָלט איך זיי עפּשער אוועקגעקויפט.

די מאַמע איז געוואָרן טויט ווי די וואַנט, און מײַן ברודער עליע איז, פאַרקערט, געוואָרן רויט ווי פײַער; ער איז אָנגעפאַלן אַפּן פּאַקנטרעגער:

— האָט איר דאָך לעכאַטכילע געקאָנט זאָגן, אַז איר קויפט

---

1 באַפּוצונג אַפּן אײבערשטן זוים פון אַ טאַלעס.

2 דער עלטערער גרונט־טײל פון טאַלמוד.

נאָר בײַשנײַעסנ! וואָס זײַט איר געקומענ דולנ א ספּאָדעק אונ דרייענ א מויעכ?

— לאָז זײַנ שטיל! — בעט זיכ בא אים די מאמע, אונ עס הערט זיכ א הייזעריקע שטימ פונעמ צווייטנ אלקער, ווו דער טאטע ליגט:

— ווער איז דאָרטנ?

— קיינער ניט! — ענטפערט אים די מאמע אונ שיקט אָפּ מײַנ ברודער עליענ צומ קראנקנ, אונ אליינ האנדלט זי מיט מיכל דעמ פּאקנטרעגער, פארהאנדלט אים די ספּאָרימ, אָפּאָנעמ, פאר זייער ווינציק געלט, וואָרעמ אז מײַנ ברודער עליע קומט ארויס פונעמ טאטנס אלקער אונ פרעגט זי: „וויפל?" — שטופּט זי אים אָפּ אונ זאָגט אימ: „ס'איז ניט דײַנ אייסעק!"... אונ מיכל כאפּט די ספּאָרימ גיכ-גיכ, פּאקט זיי אײַנ אינ א זאק ארײַנ אונ מאכט פּלייטע.

ג

פונ די אלע זאכנ, וואָס מיר האָבנ אויספארקויפט פונ שטוב, האָט מיר קיינע פונ זיי ניט צוגעשטעלט אזויפיל פארגעניגנ, ווי די גלעזערנע שאפע.

עמעס, די זילבערנע אטאָרע פונעמ טאטנס טאלעס, אז מע האָט באדארפט אָפּטרענענ, איז אויכ געווענ פאר מיר א שטיקל יאָמטעוו. קוידעמ — דאָס דינגענ זיכ מיט יאָסל דעמ גאָלד-שמיד, א בלייכער ייִד מיט א רויטער פלאמע אפנ פּאָנעמ. דרײַ מאָל איז ער אוועקגעגאנגענ צוריק — אונ אויסגעפירט האָט ער. נאָכדעמ האָט ער זיכ אוועקגעזעצט א פוס איבער א פוס צומ פענצטער מיטנ טאטנס טאלעס, ארויסגענומענ א קליינ מעסערל מיט א געל קלעצל פונ הירשנביינ, אויסגעבויגנ דעמ מיטלסטנ פינגער אונ גענומענ טרענענ די אטאָרע אזוי קונציק, אז ווענ איכ קענ אזוי טרענענ אטאָרעס, וואָלט איכ, דאכט זיכ, געווענ אײנער א גליקלעכער! אונ פונדעסטוועגנ, האָט איר באדארפט אָנקוקנ דעמלט די מאמע מײַנע, וויאזוי זי האָט זיכ עס א ביכל צעוויינט! אפילע מײַנ ברודער עליע, וואָס ער איז שוינ א באָכער אונ א כאָסנ, האָט זיכ עפּעס אויכ מאָדנע אויסגעבויגנ מיטנ פּאָנעמ צו דער טיר, קלוימערשט געשנײַצט די נאָז מיט איינ פינגער, פארקרימט דאָס פּאָנעמ אונ ארויסגעלאָזט א מאָדנעמ קוויטש פונעמ האלדז אונ געווישט מיט דער פּאָלע די אויגנ.

— וואָס איז דאָרטנ? — פרעגט דער טאטע פונ זײַנ קראנקנ אלקער.

— גאָרניט! — ענטפערט אים די מאמע און ווישט די רויטע אויגן, און די אונטערשטע ליפּ מיט איר גאנצן האלבן פּאָנעם טרייסלט זיך אזוי, אז מע דארף זײַן שטארקער פון אײַזן, מע זאָל ניט פּלאצן פאר געלעכטער.

נאָר ווי קומט דאָס צו דער גלעזערנער שאפע?

ערשטנס, וואָס הייסט מע וועט זי צונעמען? מיר האָט זיך טאָמיד געדאכט, אז אונדזער גלעזערנע שאפע איז צונויפגעוואקסן מיט דער וואנט, — וויאזוי וועט מען זי נעמען? צווייטנס, ווו וועט די מאמע פארשליסן דאָס ברויט, מיט דער כאלע, מיט די טעלער, מיט די בלײַענע לעפל און גאָפּלען (צוויי זילבערנע לעפל און איין גאָפּל א זילבערנעם האָבן מיר געהאט, האָט זיי די מאמע שוין לאנג פארקויפט!), און ווו וועלן מיר האלטן פּייסעך די מאצע? די געדאנקען זײַנען מיר געקומען אפן קאָפּ, בעשאס נאכמען דער סטאָליער איז געשטאנען און געמאָסטן די שאפע מיט זײַן גרויסן רויטן נאָגל פונעם גראָבן פינגער פון דער אויסגעשמירטער האנט. ער האָט אלץ געדרונגען, אז די שאפע וועט ניט ארויס פון דער טיר. א סימען: אָט האָט איר אײַך דיברייט פון דער שאפע און אָט האָט איר די טיר — אָסער אויב זי וועט ארויס!

— וויאזוי זשע איז זי ארײַן? — פרעגט אים מײַן ברודער עליע.

— גיי פרעג זי! — ענטפערט אים נאכמען מיט קאס. — איך ווייס, וויאזוי זי איז ארײַן? מע האָט זי ארײַנגעטראָגן, איז זי ארײַן!..

איין מינוט איז געווען אזעלכע, וואָס איך האָב מוירע געהאט פאר דער שאפע. דאָס הייסט, איך האָב געמיינט, זי בלײַבט בא אונדז. עס האָט אָבער לאנג נישט גענומען, און נאכמען דער סטאָליער איז געקומען מיט זײַנע צוויי באָנים, אויך כטאָליארעס און מע האָט געגעבן א נעם אונדזער גלעזערנע שאפע, טאקע נאָר ווי דער רועך דעם מעלאמעד; פריער איז געגאנגען נאכמען, נאָכדעם ביידע באָנים, הינטן — איך. דער פאָטער האָט געקאָמאנדעוועט: „קאָפּל, אָן א זײַט! מענדל, רעכטס! קאָפּל, ניט לויף! מענדל, האלט!"... איך האָב זיי געהאָלפן נאָכטאנצן. די מאמע און מײַן ברודער עליע האָבן ניט געוואָלט העלפן. זיי זײַנען געשטאנען, געקוקט אפ דער ליידיקער וואנט, וואָס איז געווען באדעקט מיט שפּינוועבס, און האָבן געוויינט... אן אקציע מיט די צוויי — נאָר זיי וויינען!.. פּלוצעם — טרראכ! סאמע בא דער טיר האָט געפּלאצט דאָס גלאָז, און דער סטאָליער מיט די באָנים האָבן גענומען זידלען זיך, ארופּלייגן איינס אפ דאָס אנדערע די באָד: „א ריר פון א בלײַענעם פויגל!" „בערישע פּיס!" „דער רועך

פּאַפּט אים אוועק!" „ברעכ דעמ קאָפּ, צו-נ-אַלדי שוואַרצע יאָר!"...

— וואָס איז דאָרטנ? — הערט זיכ א הייזעריק קאָל פונעמ קראַנקנ אַלקער.

— גאָרנישט! — ענטפערט די מאַמע אונ ווישט די אויגנ.

ד

די בעסטע סימכע פונ אַלע סימכעס איז געווענ בא מיר, אז ס'איז געקומענ צו מײַנ ברודער עליעס קאַנאַפּקע אונ צו מײַנ בעטל. מײַנ ברודער עליעס קאַנאַפּקע איז פריִער געווענ א קאַנאַפּע, וואָס מע פלעגט אפ איר זיצנ. נאָר זינט מײַנ ברודער עליע איז געוואָרנ א כאָסנ אונ האָט אָנגעהויבנ צו שלאָפנ אפ דער קאַנאַפּע אונ איכ אפ זײַנ בעטל, איז די קאַנאַפּע געוואָרנ א „קאַנאַפּקע". אמאָל, אינ די גוטע יאָרנ, אז דער טאַטע איז געווענ געזונט אונ געדאַוונט מוסאָפים[1] אינ דער קאַצאָווישער קלויז מיט פיר מעשוירערים[2], האָט די קאַנאַפּע געהאַט אינ זיכ „שפּרינזינעס". איצט זײַנענ שוינ די „שפּרינ-זינעס" געווענ מײַנע. איכ האָב פונ זיי געמאַכט קאָל-האַמיניִמ פּאָקוסנ שע-באָוילאָמ[3]: צעקאַליעטשעט די הענט, שיר ניט אַרויסגענומענ זיכ אַנ אויג, אָנגעטאָנ זיי איינמאָל אפנ האַלדז אונ געשטאַנענ א מינוט אפ צו דערוואָרגנ ווערנ. ביז מײַנ ברודער עליע האָט מיכ גוט אָנגעבוכעט אונ פאַרוואָרפנ די „שפּרינזינעס" אפנ בוידעמ אונ צוגענומענ דעמ לייטער.

אָפּגעהאַנדלט די קאַנאַפּע מיטנ בעטל האָט כאַנע די יידענע. איידער כאַנע האָט דאָס מעבל אָפּגעקויפט, האָט זי די מאַמע נישט צוגעלאָזט אַרײַנקוקנ אינוויינִיק אינ טאָכ אַרײַנ: „אָט דאָס, וואָס איר זעט, דאָס קאָנט איר האַנדלענ; קוקנ איז נישטאָ וואָס!" נאָר אז כאַנע האָט זיכ אויסגעדונגענ אונ געגעבנ אַנ אופּגאָב, איז זי צוגע-גאַנגענ צו דער קאַנאַפּע אונ צומ בעטל, אופגעהויבנ דאָס בעטגעוואַנט, פאַרוואָלינקע אַרײַנגעקוקט אינ אַלע פאַרבאָרגענע ערטער אונ האָט שטאַרק געשפּיגנ... די מאַמע איז געווענ באַרויגעז פאַרנ שפּײַענ, גע-וואָלט אומקערנ דעמ אופגאָב, האָט זיכ אַרײַנגעמישט מײַנ ברודער עליע:

— געקויפט, איז פאַרפאַלנ!

1 מערצאָל פונ „מוסעף" — די צווייטע העלפט פונ אינדערפריִקנ שאַבעסדיקנ אונ יאָמטעוודיקנ דאַוונענ.

2 זינגערס בא א כאַזנ.

3 קאָלערליי פּאָקוסנ אפ דער וועלט.

אויסגעבעט אפֿ דער ערד, האָבן מיר זיך אויסגעצויגן ביידע, איך און מײַן ברודער עליע, ווי די גראפֿן, צוגעדעקט זיך ביידע מיט איין קאָלדרע (זײַנע האָט מען פֿאַרקויפֿט), און ס'איז מיר געווען זייער אײַנגענעם צו הערן פֿון מײַן עלטערן ברודער, אַז אפֿ דער ערד צו שלאָפֿן איז גאָר ניט אַזוי שלעכט.

איך וואַרט אָפּ, ביז ער לייענט אָפּ קריַשמע און ווערט אַנשלאָפֿן, דעמלט נעם איך מיך קאַטשען איבער דער גאַנצער ערד. פּלאַץ איז הײַנט דאָ, באָרעכ־האַשעם, גענוג. א פֿעלד, א פֿאַרגעניגן, א גאַנײַדן!..

ה

— וואָס טוט מען װײַטער?

אַזוי זאָגט די מאַמע צו מײַן ברודער עליע איינמאָל אין א פֿרימאָרגן און באַטראַכט מיט א געקנייטשטן שטערן די ליידיקע פֿיר ווענט. איך און מײַן ברודער עליע העלפֿן איר באַקוקן די פֿיר ווענט. מײַן ברודער עליע קוקט אפֿ מיר פֿאַרזאָרגט און מיט רחמנות.

— גיי אין דרויסן! — מאַכט ער צו מיר שטרענג. — מיר דאַרפֿן דאָ עפּעס ריידן...

אפֿ איין פֿוס שפּרינג איך אַרויס אין דרויסן אַרויס — און, פֿאַרשטייט זיך, גלײַך צום שאָכנס קעלבל.

די לעצטע צײַט האָט זיך „מעני” געגעבן א הייב אפֿ די פֿיסלעך, קיין אײַנהאָרע אויסגעוואַקסן, געוואָרן שיין, דאָס שוואַרצע מאָרדעלע כיינעוודיק, די קײַלעכדיקע אויגן קלוג, מיט פֿאַרשטאַנד, ווי לעהאַוודל א מענטש, א באַרדאַס, קוקט אַרויס, מע זאָל דעם עפּעס געבן אין מויל אַרײַן, האָט ליב, אַז מע קראַצט דעם מיט צוויי פֿינגער אונטערן העלדזל.

— שוין? דו האָסט זיך שוין ווידער צונויפֿגעקאָמפּאַניעט מיטן קעלבל? קאָנסט זיך גאָר ניט צעשיידן מיט דײַן טײַערן כאַווער.

אַזוי זאָגט צו מיר מײַן ברודער עליע שוין אָן קלאָלעס און נעמט מיך פֿאַר א האַנט און זאָגט, אַז ער גייט מיט מיר צו הערשבער דעם כאַזן. בא הערש־בער דעם כאַזן, זאָגט ער, וועט מיר זײַן גוט, ערשטנס, זאָגט ער, וועל איך האָבן וואָס צו עסן. אין דער היים איז ניט גוט, זאָגט ער; דער טאַטע, זאָגט ער, איז קראַנק, מע דאַרף אים, זאָגט ער, ראַטעווען. מיר ראַטעווען אים, זאָגט ער, ווי ווײַט מיר קאָנען. און מײַן ברודער עליע צעשפּיליעט די קאַפּאָטע און ווײַזט מיר אָן זײַן זשילײעט:

— אָט האָב איך געהאַט א זייגער, א מאַטאָנע פון מײַן מעכוטן, האָב איך אים פאַרקױפט. דער מעכוטן זאָל װיסן, װאָלט זיך געטאָן כױשעך! די װעלט װאָלט זיך איבערגעקערט!..

איך דאַנק און לױב גאָט, װאָס זײַן מעכוטן װײסט ניט פונעם זײגער און װאָס די װעלט קערט זיך נאָך ניט איבער. װײ! װײ! װען כאָלילע, די שאָ זאָל גאָר ניט זײַן, עס קערט זיך איבער די װעלט, װאָס װאָלט דעמלט זײַן מיט מעניו, מיטן שאָכנס קעלבל? א שטומע צונג!..

— אָט זײַנען מיר געקומען! — מאַכט צו מיר מײַן ברודער עליע, װאָס װערט צו מיר אַלע מינוט מער צוגעלאָזט און פרײַנטלעך.

הערש-בער דער כאַזן איז א ייִד א „מענאַגן"[1]. דאָס הײסט, ער אַלײן קען ניט זינגען; ער האָט געבעך קײן קאָל נישט. אַזױ האָב איך געהערט פון טאַטן. נאָר ער פאַרשטײט נעגינע[2]. און זינגערלעך האָט ער א שטיקלעך פופצן, און איז א בײזער מענטש — סאַקאָנעס! ער פאַרהערט מיך זינגען. איך זאָג אים א „מאָגײן-אָװױס"[3] מיט א „דרײדל". ער גלעט מיך און זאָגט מײַן ברודער, אַז איך האָב א „סאָפּראַנאָ". מײַן ברודער זאָגט, אַז ניט נאָר א סאָפּראַנאָ, נאָר א סאָפּראַנאָ שעבעסאָפּראַנאָ!.. מײַן ברודער עליע דינגט זיך מיט אים, נעמט אַן אױפגאָב און זאָגט מיר, אַז איך בלײַב שױן דאָ, בײַ רעב הערש-בער דעם כאַזן. איך זאָל אים פאָלגן, זאָגט ער, און איך זאָל ניט בענקען!..

אים איז גרינג צו זאָגן, איך זאָל נישט בענקען! װיאַזױ זאָל איך ניט בענקען זומער-לעבן? די זון באַקט, דער הימל איז װי א קרישטאָל, די בלאָטע האָט שױן לאַנג אױסגעטריקנט. אין דרױסן בײַ אונדז נעבן שטוב ליגן קלעצער. נישט אונדזערע, דאָס איז יאָסיע דעם נאָגידס קלעצער. ער קלײַבט זיך בױען א שטוב, האָט ער צוגעגרײט קלעצער, האָט ער ניט װוּ זײ אָפּצולײגן, האָט ער זײ אָפּגעװאָרפן נעבן אונדז. לאַנג לעבן זאָל ער, יאָסיע דער נאָגיד! װאָרעם פון די קלעצער קאָן איך מיר מאַכן א „קרעפּאָסט", און צװישן די קלעצער װאַקסן שטעכלקעס מיט קריגעלעך. די שטעכלקעס זײַנען גוט אָפּ צו שטעכן, און די קריגעלעך בלאָזט מען אָן און מע טוט זײ א קנאַק אָן שטערן — פּלאַצן זײ.

---

1 א זינגער.

2 געזאַנג.

3 א טפילע.

מיר איז גוט. מעניק, אונדזער שאָכנס קעלבל, איז אויך גוט. איך און מעני זײַנען די איינציקע באלעבאטים אָט דאָ, „אינווייניק אין דרויסן“, און וויאַזוי זאָל איך ניט בענקען נאָך מעניק אונדזער שאָכנס קעלבל?..

ו

עס איז שוין באלד דרײַ וואָכן, ווי איך בין בײַ הערש-בער דעם כאזן, און זינגען זינג איך קימאט גאָר ניט. איך האָב אן אנדער ארבעט. איך טראָג מיך ארום מיט זײַן דאָבציען. דאָבציע איז א קינד א הויקער. קיין צוויי יאָר אלט, און כּוּנדעסטוועגן איז זי, קיין אײַנאָרע, א שווערינקע, שווערער פון מיר. איך רײַס מיר אײַן דאָס געזונט, זי טראָגנדיק. דאָבציע האָט מיך ליב. זי כאפט מיך ארום מיט אירע דארע הענטלעך און טשעפּעט זיך אָן מיט די דינע פינגערלעך. זי רופט מיך „קיקאָ“. וואָס עפּעס קיקאָ, ווייס איך ניט. דאָבציע האָט מיך ליב. לאָזט מיך ניט שלאָפן גאנצע נעכט. „קיקאָ, קי!“ — דאָס הייסט, איך זאָל זי וויגן. דאָבציע האָט מיך ליב. אז איך עס, רײַסט זי בײַ מיר פון מויל: „קיקאָ, פּי!“ — דאָס הייסט: גיב עס מיר!.. עס ציט מיך אהיים. דאָס עסן איז דאָ אויך ניט אײַ-אײַ-אײַ... יאָמטעוו. שוועס אף דער נאכט. עס ווילט זיך גיין אין דרויסן זען, ווי דער הימל שפּאַלט זיך[1]. דאָבציע לאָזט ניט. דאָבציע האָט מיך ליב: „קיקאָ, קי!“ — איך זאָל זי וויגן. איך וויג זי און וויג זי און ווער אנשלאָפן. און עס קומט צו מיר א גאסט — מעניק דעם שאָכנס קעלבל, קוקט אף מיר מיט אויגן, ווי א באָרדאס, און זאָגט מיר: קום! און מיר לאָזן זיך גיין בארג-אראָפּ, צום טײַך. נישט לאנג געטראכט, פארקאטשע איך די הייזלעך: האָפּ! איך בין שוין אין טײַך. איך שווים, און מעניק שווימט מיר נאָך. אף יענער זײַט איז גוט. ניטאָ קיין כאזן, ניטאָ קיין דאָבציע, ניטאָ קיין קראנקער טאטע... איך כאפּ זיך אוף — ס'איז נאָר א כאָלעם. אנטלויפן! אנטלויפן! אנטלויפן! וויאַזוי אנטלויפט מען? וווהין? אהיים, געווייינטלעך. הערש-בער דער כאזן איז שוין אָבער אופּגעשטאנען פריער פון מיר. ער האָט א גרויסן קאמערטאָן, פּרוּווט אים מיט די ציין, טראָגט צו צום אויער. ער הייסט מיר אָנטאָן זיך אפּגיך און גיין מיט אים אין שול. מע וועט הײַנט צו מוסעף זאָגן „אן אויסגעשטעלטע זאך“. אין שול זע איך מײַן ברודער עליע. ווי קומט ער אהער? ער דאוונט דאָך

[1] אן איבערגלויבונג, אז שוועס באנאכט שפּאַלט זיך דער הימל.

נאָר בא די קאַצאָווים, דאָרט, ווו דער טאטע איז כאזן! וואָס באדייַט עס?.. מייַנ ברודער עליע רעדט עפּעס מיט הערש-בער דעם כאזנ. הערש-בער דער כאזנ איז ניט צופרידנ. ער זאָגט:

— גערענק זשע, לעמאַנ-האַשעם, טייקעף נאָכנ עסנ!..

— קומ! וועסט זיכ זענ מיטנ טאטנ! — אזוי זאָגט צו מיר מייַנ ברודער עליע, אונ מיר גייענ אהיים אינצווייענ. ער גייט, אונ איכ שפּרינג. איכ לויף, איכ פלי.

— האָב צייַט! וואָס פליסטו אזוי? — זאָגט צו מיר מייַנ ברודער עליע אונ האלט מיכ צו. אימ ווילט זיכ, אפּנעם, מיט מיר א ביסל ריידנ.

— דו ווייסט? דער טאטע איז קראנק, זייער-זייער קראנק!.. גאָט ווייסט, וואָס ס'וועט זייַנ מיט אימ... מע דארפ אימ ראטעווענ, ניטאָ מיט וואָס... קיינער וויל ניט העלפנ... אינ „העקדעש" וויל די מאמע אימ נישט לאָזנ בעשום-אויפנ! זי וועט פריִער שטארבנ, זאָגט זי, איידער לאָזנ אימ אינ העקדעש!.. שא, אָט גייט די מאמע.

ז

מיט אויסגעשטרעקטע הענט גייט אונדז די מאמע אקעגנ, פאלט מיר אפנ האלדז, אונ איכ פיל אפ מייַנע באקנ א פרעמדע טרער. מייַנ ברודער עליע גייט צומ קראנקנ טאטנ, אונ איכ מיט דער מאַמענ בלייַבנ שטיינ אינ דרויסנ. מע האָט זיכ אונדז ארומגעשטעלט פונ אלע זייַטנ: אונדזער שאָכנס וויַיב פעסיע די גראָבע, אונ איר טאָכטער מינדל, אונ איר שנור פערל, אונ נאָכ א צוויי ווייַבלעכ.

— איר האָט א גאסט אפ שוועס? גאָט ליב אייַכ מיט אייַער גאכט!

די מאמע לאָזט אראָפ די אָנגעשוואָלענע אויגנ.

— א גאסט. מישטיינס-געזאָגט, א קינד. געקומענ געוואָר ווערנ דעם קראנקנ טאטנ. פאָרט א קינד...

אזוי זאָגט די מאמע צו דער גאנצער קנופּיע[1] ווייַבער, אונ צומ שאָכנס ווייַב, צו פעסיענ, זאָגט זי עקסטרא, שטילערהייט, בעשאס פעסיע שאָקלט מיטנ קאָפּ:

— א שטאָט! עמעצער זאָל זיכ אפילע ארומקוקנ... דרייַ אונ צוואנציק יאָר אָפּגעקלאָפּט באמ אָמעד... דאָס געזונט אוועקגעלייגט... איכ וואָלט אימ עפּשער ראטעווענ — נישטאָ מיט וואָס... אלצ, באָרעכ-האַשעמ, פארקויפט... דאָס לעצטע קישעלע... דאָס קינד באַשטעלט בא א כאזנ... אלצ צוליבנ קראנקנ...

1 קאָמפּאַניע.

אזוי באקלאָגט זיך די מאַמע פאַר איר שכיינע פעסיע, שטייענ-דיק אינ דרויסנ. איך דריי דעם קאָפּ אפּ אַלע זייטנ.

— וועמענ זוכסטו?—מאכט צו מיר די מאמע.

— וועמענ זוכט א קונדעס? דאָס קעלבל מינאסטאמ...

אזוי זאָגט פעסיע אונדזער שכיינע אונ מאכט צו מיר מיט א מאָדנע פריינטשאפט:

— ע, ייִנגעלע! נישטאָ קיינ קעלבל! געמוזט פארקויפנ דאָס דעם קאצעוו. א ברייטרע האָט מענ? גענוג, אז מע דארפ האָדעווענ איינ סקאטינע—נאָכ צוויי סקאטינעס טראָגנ אפנ קאָפּ!..

איז שוינ בא איר דאָס קעלבל, דאנקענ גאָט, אויכ געוואָרנ א סקאטינע?..

א מאָדנע ייִדענע אָט די פעסיע. אומעטום שטופּט זי אריינ איר נאָז. זי דארפ וויסנ, צי האָבנ מיר א מילכיקע סודע?

— אקעגנ וואָס פרעגט איר דאָס?—פרעגט בא איר די מאמע.

— גלאט אזוי!—זאָגט פעסיע, הייבט אופ די שאַל אונ שטופּט דער מאמענ א טעפּל מיט סמעטענע. די מאמע שטופּט אָפּ דאָס טעפּל מיט ביידע הענט.

— גאָט איז מיט אייכ, פעסיע! וואָס טוט איר דאָס? וואָס זיי-נענ מיר! כאָלילע עפּעס ווייס איכ וועה? איר קענט מיכ נישט?

— אדעראבע,—פארענטפערט זיכ פעסיע,—טאקע וויל איכ קענ אייכ. דאָס בעהיימעלע, קיינ אייננאָרע ניט, האָט זיכ די לעצטע צייט פארייכט. פאראנ, קיינ אייננאָרע, קעז אונ פוטער. איכ לייג אייכ אויס... איר וועט מיר, אימירצעשעם, אָפּגעבנ...

אונ פעסיע די שכיינע רעדט נאָכ לאנג מיט דער מאמענ, אונ מיר ציט דאָס הארצ צו די קלעצער, צום קעלבל, צום קעלבל, צום קעלבל!.. איכ זאָל מיכ ניט שעמענ, וואָלט איכ מיכ צעוויינט...

— אז דער טאטע וועט דיכ פרעגנ, זאָלסטו זאָגנ: א דאנק גאָט!

אזוי זאָגט מיר אָנ די מאמע, אונ מיינ ברודער עליע גיט דאָס מיר צו פארשטיינ א ביסל ברייטער:

— זאָלסט זיכ ניט באקלאָגנ, ניט דערציילנ קיינ פּיזמוינעס[1], נעכ-טיקע טעג. זאָלסט נאָר זאָגנ: א דאנק גאָט. דו הערסט, וואָס מע רעדט צו דיר?

אונ מיינ ברודער עליע פירט מיכ ארייננ אינ קראנקנ כיידער. דער טיש איז אָנגעשטעלט מיט פלעשלעכ, פודעלעכ, באנקעלעכ. סע

---

1 דאָ געמיינט: מייסעס.

שמעקט אפטײק. דאָס פענצטער איז צוגעמאכט. לעקאָוועד שוועס האָט מענ אימ צוגעקליבנ דעמ כײדער מיט גרינס, צוקאָפנס איבערנ בעטל האָט מענ אופגעהאנגענ א מאָגנ-דאָוויד פונ „ליוביסטיק[1]". דאָס איז מײַנ ברודער עליעס ארבעט. אפ דער ערד איז אויסגעשפרײט שמעקנדיק גראָז. דער טאטע דערזעט מיכ, רופט מיכ צו צו זיכ מיט א לאנגנ דארנ פינגער. מײַנ ברודער עליע שטופט מיכ אונטער. איכ גײ צו צומ טאטנ. איכ האָב אימ קוימ דערקענט. דאָס פאָנעמ ווי לײמ. די גרויע האָר גלאנצנ, שטארצנ אײנציקווײַז, ווי ארײַנגעשטרײַכטע, פרעמדע האָר. די שווארצע אויגנ זיצנ טיפ, ווי ארײַנגעפאסטע, פרעמדע אויגנ. די צײנ זעענ אויס, ווי ארײַנגעזעצטע, פרעמדע צײנ. דער האלדז איז אזוי דינ, אז קוימ וואָס דער קאָפ האלט זיכ אײַנ אפ אימ. א גליק, וואָס ער קאָנ ניט זיצנ... מיט די ליפנ מאכט ער עפעס מאָדנע, ווי א מענטש, בעשאס ער שווימט: מפפו!.. ער לײגט ארופ אפ מײַנ פאָנעמ א הײסע האנט מיט בײנעריקע פינגער, דאָס פאָנעמ מאכט א קרומענ שמײכל, ווי א מעס.

אינ דעמ קומט אָנ די מאמע. נאָכ איר דער דאָקטער, דער פרײלעכער שווארצער דאָקטער מיט די גרויסע וואָנצעס. ער באגעגנט מיכ, ווי אנ אלטנ גוטנ ברודער. ער איז מיכ מעכאבעד מיט א שנעל אינ בײַכל אונ מאכט צומ טאטנ פרײלעכ:

— איר האָט א גאסט אפ שוועס? גאָט ליב אײַכ מיט אײַער גאסט!

— א דאנק! — זאָגט די מאמע אונ ווינקט צומ דאָקטער, ער זאָל באטראכטנ דעמ כוילע אונ זאָל אימ עפעס פארשרײַבנ. דער שווארצער דאָקטער עפנט דאָס פענצטער מיט א ראש אונ בײזערט זיכ אפ מײַנ ברודער עליע, פארוואָס מע האלט דאָס פענצטער צו.

— איכ האָב אײַכ טויזנט מאָל געזאָגט, אז א פענצטער האָט ליב, אז מע האלט אימ אָפנ!

מײַנ ברודער עליע ווינקט אפ דער מאמענ, אז דאָס איז די מאמע שולדיק: זי לאָזט נישט עפענענ קײנ פענצטער, האָט מוירע פארנ טאטנ, ער זאָל זיכ כאָלילע נישט פארקילנ. די מאמע ווינקט צומ דאָקטער, ער זאָל שוינ באטראכטנ גיכער דעמ כוילע אונ זאָל אימ עפעס פארשרײַבנ... דער שווארצער דאָקטער נעמט ארויס דעמ זײגער, א גרויסנ גאָלדענעמ זײגער. מײַנ ברודער עליע קוקט זיכ אײַנ מיט בײדע אויגנ אינעמ דאָקטערס זײגער. דער דאָקטער באמערקט דאָס.

1 ליבשטאָק. א שמעקעדיק גראָז.

— איר ווילט וויסן, ווי האלט דער זייגער? אָן פיר האלב עלף. וויפל איז בא אייך?

— מײַן זייגער שטייט, — ענטפערט אים מײַן ברודער עליע און ווערט מאָדנע רויט פון דעם שפּיץ נאָז ביז אף יענער זײַט אויערן.

די מאמע רוט ניט. זי וואָלט גערן, מע זאָל שוין באטראכטן דעם כוילע און אים עפּעס פארשרײַבן... דער דאָקטער האָט אָבער צײַט. ער פרעגט זיך אויס בא דער מאמען זײַטיקע איניאָנים: ווען איז מײַן ברודערס כאסענע? און וואָס זאָגט הערש־בער דער כאזן אף מײַן שטים? בא מיר דארף זײַן, זאָגט ער, א גוטע שטים. א שטים, זאָגט ער, גייט בעירושע. די מאמע עקט זיך! מיטאמאָל טוט זיך דער דאָקטער א דריי אויס מיטן בענקל צום קראנקן טאטן, נעמט אים אָן בא דער טרוקענער הייסער האנט:

— נו, כאזן, וויאזוי דאווענט מען עפּעס בא אונדז הײַנטיקן שוועס?

— א דאנק גאָט! — ענטפערט אים דער טאטע מיט א שמייכל פון א מעס.

— דעהײַנע? ווינציקער געהוסט? גוט געשלאָפן? — פרעגט אים דער דאָקטער און בייגט זיך אײַן צו אים גאנץ נאָענט.

— ניין! — ענטפערט אים דער טאטע, קוים וואָס ער כאפּט דעם אָטעם. — אדערעבע... הוסטן הוסט מען... און שלאָפן שלאָפט מען דאפקע ניט.. נאָר דאנקען גאָט... ס'איז שוועס... אזא טאָג... מע־קאבל געווען די טוירע...[1] הײַנט א גאסט... א גאסט אף שוועס...

אלעמענס אויגן קוקן אפן „גאסט", און דער „גאסט" קוקט אראָפּ אף דער ערד, און דער קאָפּ איז אים אינ דרויסן, ערגעץ בא די קלעצער, בא די שטעכלקעס, וואָס שטעכן, בא די קריגעלעך, וואָס קנאקן, באם שאָכנס קעלבל דעם בארדאס, וואָס איז שוין געוואָרן א „סקאטינע", באם טײַכל, וואָס רוישט דאָרט בארג־אראָפּ, אָדער גאָר אינ דער הויכער, ברייטער, טיפער, בלויער יארמעלקע, וואָס מע רופט דאָס הימל...

ח

דאָס ביטל „מילכיקס", וואָס אונדזער שכיינע, פעסיע די גראָבע, האָט אונדז „אויסגעליִען", איז אונדז, נישקאָשע, צונוץ געקומען. איך און מײַן ברודער עליע האָבן דאָס געמאכט א מילכיקע סודע, גע־

---

[1] די רעליגיעזע יידן גלייבן, אז גאָט האָט אינ דעם טאָג (שוועס) געגעבן די יידן די „טוירע".

טונקענ ביידע פֿונ איינ שאָל פֿרישע כאַלע אינ דער קאַלטער סמעטענע, אונ ס'איז טאקע געווענ גאָר ניט שלעכט.

„איינ כיסאָרנ, וואָס אזוי ווינציק".— האָט באמערקט מײַנ ברודער עליע, וואָס איז אינ דעמ טאָג געווענ זייער האָפֿערדיק, אזוי האָפֿערדיק, אז ער האָט מיר צוליב געטאָנ, איכ זאָל ניט גיינ אזוי גיכ צוריק צו הערש-בער דעמ כאַזנ אונ איכ זאָל זיכ נאָכ א ביסל שפּילנ אינ דער היימ.

— דו ביסט דאָכ בא אונדז אנ אוירעכ אפֿ שוועס,— האָט ער מיר געזאָגט אונ דערלויבט צו שפּילנ זיכ אינ דרויסנ אפֿ די קלעצער, נאָר מיט א טנײַ, איכ זאָל ניט קלעטערנ צו פֿיל אונ כאָלילע ניט צערײַסנ די איינציקע פֿאָר הייזלעכ.

כא-כא-כא! נישט צערײַסנ די איינציקע פֿאָר הייזלעכ? נישטאָ ווער ס'זאָל לאכנ, ווי איכ בינ א ייִד! איר זאָלט זענ א פֿאָר הייזלעכ — נו — נו! לאָמיר בעסער ניט ריידנ פֿונ קיינ הויזנ!.. לאָמיר בעסער ריידנ פֿונ יאָסיע דעמ נאָגידס קלעצער. איײַ, קלעצער, קלעצער! יאָסיע דער נאָגיד מיינט, אז די קלעצער זײַנענ זײַנע קלעצער. א נעכטיגער טאָג! די קלעצער זײַנענ מ ײַ נ ע קלעצער! איכ האָב מיר געמאכט פֿונ זיי א פּאלאץ מיט א ווײַנגאָרטנ. איכ בינ דער פּרינצ. דער פּרינצ שפּאצירט ארומ פּראנק אונ פֿרײַ בא זיכ אינ ווײַנגאָרטנ, רײַסט אָפּ א קריגעלע — א קנאק אָנ שטערנ, נאָכ א קריגעלע — א קנאק אָנ שטערנ... אלע זײַנענ מיר מעקאנע. אפֿילע יאָסיע דעמ נאָגידס ייִנגל מיטנ אייגל פֿארגינט מיר ניט מײַנ גוטס. ער גייט פֿארבײַ אינ זײַנע ליוסטרינענע מאלבושימלעכ אונ ווײַזט מיר אפֿ מײַנע הויזנ אונ לאכט אונ קרימט דאָס אייגל אונ זאָגט צו מיר:

— זע נאָר, זאָלסט עפּעס ניט פֿארלירנ...

— גיי בעסער אוועק מיט גוטנ,— זאָג איכ אימ,— אניט, רופֿ איכ ארויס מײַנ ברודער עליע!..

פֿאר מײַנ ברודער עליע האָבנ אלע ייִנגלעכ דערעכ-ערעצ, אונ הענעכ מיטנ אייגל טראָגט זיכ אָפּ, אונ איכ בלײַב ווידער אליינ, ווידער דער זעלבער פּרינצ בא זיכ אינ ווײַנגאָרטנ... אנ אווײַדע נאָר, וואָס „מעני" איז דאָ ניטאָ! אונדזער שאָכנס קעלבל איז שוינ מער קיינ קעלבל, ס'איז שוינ א „סקאטינע" (אזוי זאָגט אונדזער שכיינע פּעסיע). וואָס הייסט דאָס א סקאטינע? אונ צוליב וואָס האָט מענ דאָס פֿארקויפֿט צומ קאצעוו? שוינ זשע אפֿ אוועקצוקוילענ? צוליב דעמ איז דאָס געבוירנ געוואָרנ, מע זאָל דאָס נאָכדעמ קוילענ?.. צו וואָס ווערט געבוירנ א קעלבל אונ צו וואָס ווערט געבוירנ א מענטש?..

פלוצעם דערהער איך פון שטוב ארויס א מאָדנע אויסגעשריי מיט א געוויין... איך דערקען דער מאמעס קאָל... איך הייב אוף די אויגן — אַן אײַנגעלויפ בא אונדז אין שטוב... ייִדן און ווײַבער... דער ארויס, דער ארײַן... איך ליג אפ א קלאָץ מיטן בויך אראָפּ. מ׳ר איז גוט!.. שאַט-שאַט! אָט גייט יאָסיע דער נאָגיד! יאָסיע דער נאָגיד איז גאַבע אין דער קאַצאָווישער קלויז, דאָרטן, ווו מײַן טאַטע איז כאזן שוין דרײַ און צוואנציק יאָר. יאָסיע איז אליין געווען אמאָל א קאַצעוו. הײַנט האנדלט ער מיט אָקסן און מיט פעל און איז א נאָגיד, א גרויסער נאָגיד! יאָסיע מאַכט מיט די הענט, בייזערט זיך אפ דער מאמע און טײַנעט:

— סטײַץ, סטײַץ! וואָס האָט מען מיר ניט געזאָגט, אז פייסי דער כאזן איז אזוי סלאַפּ? (ער קאָן ניט אויסריידן קיין שין). וואָס האָט איר געסוויגן?

— וואָס זאָל איך שרײַען? — פארענטפערט זיך פאַר אים די מאמע און גיסט מיט טרערן. — די גאַנצע שטאָט האָט געזען, ווי איך מוטשע מיך, געוואָלט אים ראַטעווען.. און ער אליין האָט איך געבעטן זיך, מע זאָל אים ראַטעווען...

און די מאמע קאָן נישט ריידן ווײַטער, פארברעכט מיט די הענט, פארוואַרפט מיטן קאָפּ. מײַן ברודער עליע־כאַפּט זי אונטער:

— מאמע! וואָס דאַרפסטו זיך פארענטפערן? מאמע! פארגעס ניט, מאמע, ס׳איז יאָמטעוו, ס׳איז שוועס, מע טאָר ניט וויינען, מאמע!..

און יאָסיע דער נאָגיד הערט ניט אוף צו פײַערן אפ מײַן מאמע:

— וואָס דערציילט איר מיר — די גאַנצע סטאָט! ווער איז די סטאָט? זאָגן זאָלט איר מיר! לעמאַן-האַסעם, צו מיר! אלצדינג אפ מײַן כעסבן! כעוורע-קאַדיסע, סאַמאָסים, טאַכריכים — אלץ אפ מיר, אלצדינג אפ מײַן כעסבן!.. און טאָמער דאַרף מען עפּעס טאָן פאַר די יעסוימ׳ים, זאָלט איר גיין צו מיר, איר זאָלט זיך גאָר ניט סעמען!

יאָסיע דעם נאָגידס ווערטער באַרויִקן אָבער ווינציק וואָס מײַן מאמע. זי האַלט אין איין יאָמערן און אין איין כאַלעשן בא מײַן ברודער עליע אפ די הענט. און מײַן ברודער עליע, וואָס האַלט אליין אין וויינען, הערט נישט אוף צו דערמאָנען איר, אז „הײַנט איז יאָמטעוו, מאמע, הײַנט איז שוועס, מאמע! מאמע, מע טאָר ניט וויינען, מאמע!“...

און מיטאַמאָל ווערט מיר אלץ קלאָר. און עס טוט מיר א קלעם

דאָס הארצ, א צי בא דער נעשאָמע, און עס גלוסט זיך מיר וויי־נען, און איך ווייס ניט אפ ווּעמען... און ראכמאָנעס האָב איך אפ דער מאמע, און איך קאָן ניט זען, ווי זי ווּיינט, און ווי זי כאלעשט, און ווי זי צאפּלט בא מײַן ברודער אפ די הענט. און איך פארלאָז מײַן פּלאצ, מיט מײַן ווײַנגאָרטן, און איך גיי צו צו איר פון הינטן, און איך זאָג איר מיטן זעלבן לאָשן, וואָס מײַן ברודער עליע, און טרערן קאפּען פון מײַנע אויגן:

— מאמע! הײַנט איז יאָמטעוו, מאמע, הײַנט איז שווּעס, מאמע! מאמע, מע טאָר ניט ווייגען, מאמע!..

II

מיר איז גוט — איך בין א יאָסעם!

א

פון זינט איך בין צו מײַן סייכל געקומען, געדענק איך ניט, איך זאָל זײַן אזא מעיוכעס, ווי אצינד. וואָס איז מיט מיר דער ייִכעס? — מײַן טאטע, פּייסי דער כאזן, ווייכט איר דאָך, איז געשטאָרבן דעם ערשטן טאָג שווּעס, און איך בין געבליבן א יאָסעם.

פון דעם ערשטן טאָג נאָך שווּעס האָבן מיר אָנגעהויבן זאָגן קאדעש — איך און מײַן ברודער עליע. ער טאקע האָט מיך אויסגע־לערנט זאָגן קאדעש.

מײַן ברודער עליע איז א געטרײַער ברודער, אָבער נישט קיין גוטער רעבע. ער איז א קײַסן, ער שלאָגט זיך! ער האָט אופגעעפנט א סידער און האָט זיך אוועקגעזעצט מיט מיר און האָט אָנגעהויבן מיט מיר שטודירן:

— ייִסגאדאל וועיִסקאדאש שמיי ראבאָ... ער וויל, אז איך זאָל שוין קענען אויסנווייניק. ער כאזערט איבער מיט מיר נאָכאמאָל און נאָכאמאָל, פון אָנהייב ביזן סאָף, און הייכט מיר, אז איצט זאָל איך שוין זאָגן אליין. איך זאָג אליין, אָבער עס גייט ניט.

ביז „וועיאצמאך פּורקאָנײ״ איז נאָך ווי-עס-איז, אין קומט צו „וועיאצמאך פּורקאָנײ״, כאפּטשעפּע איך מיך. דערלאנגט ער מיר מיטן עלנבויגן און זאָגט מיר, אז דער קאָפּ איז מיר, אפּאָנעם, ערגעץ אין דרויסן (גלײַך ווי געטראָפן) אָדער ערגעץ באם קעלבל (גלײַך ווי ער איז געווען דערבײַ)... ער פוילט זיך ניט און כאזערט אײַן מיט מיר

נאָכאַמאָל. איך האָב מיך קוים דערשלאָגן ביז „לעילאָ אולעיילאָ מין קאָל בירכאָסאָ וועשירואָסאָ טושבעכאָסאָ" — און ווײַטער נישט א טראָט! ער נעמט מיך אָן פארן אויער און זאגט, אז דער טאַטע זאָל אופשטיין און זען, וואָס פאר א זון ער האָט!..

— וואָלט איך פארשפּאָרט זאָגן קאדעש...

אזוי זאָג איך צו מײַן ברודער עליע און כאַפּ פון אים א געשמאקן פּאַטש מיט דער לינקער האנט אין דער רעכטער באק ארײַן. דערהערט די מאמע און גיט אים א פּסאק, ער זאָל מיך ניט שלאָגן, ווארעם איך בין א יאָסעם.

— גאָט איז מיט דיר! וואָס טוסטו! וועמען שלאָגסטו! האָסט פארגעסן, אפּאָנעם, אז דאָס קינד איז א יאָסעם?!

שלאָפן שלאָף איך מיט דער מאמען אינעם טאַטנס בעט — דאָס אײנציקע שטיקל מעבל אין שטוב. די קאָלדרע גיט זי אָפּ קימאַט אינגאנצן מיר.

— דעק דיך אײַן, זאָגט זי צו מיר, און ווער אנשלאָפן, מײַן טײַערער יאָסעם. עסן איז ניטאָ וואָס...

דעקן דעק איך מיך אײַן, אָבער שלאָפן שלאָף איך ניט. איך כאזער מיר דעם קאדעש אָפּ אויסנווייניק. אין כײדער גיי איך ניט, לערנען לערן איך ניט, דאַוונען דאוון איך ניט, זינגען זינג איך ניט. פּאָטער פון אלצדינג.

מיר איז גוט — איך בין א יאָסעם.

ב

מאזלטאָוו! איך קאָן שוין גאנץ קאדעש אָפּ אויסנווייניק. ראבאָנאָן-קאדעש אויך. אין שול שטיי איך אָפּ א באנק און קלאַפּ דעם קאדעש, ווי א מאזיק. א קאָל-נעגינע[1] האָב איך אויך, בעיערושע פון מײַן טאטן, אן עמעסע סאָפּראנאָ. אלע ייִנגלעך שטעלן זיך אויס ארום מיר און זײַנען מיר מעקאנע. ווײַבער וויינען. באלעבאטים שענקען מיר א קאָפּעקע. יאָכיע דעם נאָגידס ייִנגל, הענעך מיטן אייגל (ער איז א מוירעדיקער ניט־פארגינער!), אז עס קומט צו ראבאָנאָן־קאדעש, שטעלט ער מיר ארויס א צונג, — ער וויל, ער גייט אויס, ער כאלעשט, איך זאָל מיך צעלאכן. אים אפּצולאָכעס וועל איך ניט לאכן! האָט דערזען ארן דער שאמעס, האָט ער אים גענומען

1 א קאָל צום זינגען.

פאַר אַן אויער און האָט אים צוגעפּיִרט צו דער טיר. א מיצווע אַף אים! מאַכמעס איך זאָג קאַדעש אײַנדערפרי און אָפּדערנאַכט, גיי איך שוין מער ניט צו הערש-בער דעם כאַזן און טראָג מיך ניט אום מיט זײַן דאַווענען. איך בין פרײַ. א גאַנצן טאָג געפין איך מיך באַם טײַך — אָדער איך כאַפּ פיש, אָדער איך באָד מיך. כאַפּן פיש האָב איך מיך אויסגעלערנט פון זיך אַליין. אַז איר ווילט, קאָן איך אײַך אויך אויסלערנען. מע טוט אויס דאָס העמד און מע פאַרקניפּט דעם אַרבל און מע גייט פּאַוואָליע ביזן האַלדז אין וואַסער. מע דאַרף גיין לאַנג — לאַנג. אַז איר פילט, אַז דאָס העמד איז שווער, איז א סימען, אַז ס׳איז פול, גייט איר אַרויס וואָס גיכער און טרייסלט אויס דאָס גאַנצע גראָז מיט דער בלאָטע און קוקט זיך גוט צו. אין גראָז ליגן פאַרפּלאָנטעט אָפּטמאָל קליינע זשאַבקעלעך — וואַרפט זיי אַרײַן צוריק אין וואַסער אַרײַן, ס׳א צאַר-באַלעכאַיִם. אין דער געדיכטער בלאָטע קאָנט איר אַמאָל געפינען א פּיאַווקע. פּיאַווקעס איז געלט — פאַר א צענדליק פּיאַווקעלעך קאָנט איר באַקומען דרײַ גראָשן, אָנדערהאַלבן קאָפּעקעס. עס גייט נישט צופּוס... קיין פיש זאָלט איר ניט זוכן. אַמאָל איז געווען פיש אויך, הײַנט איז נישטאָ. איך יאָג זיך ניט נאָך קיין פיש. איך בין צופרידן, עס זאָל כאָטש זײַן פּיאַווקעס. ניט אַלעמאָל איז דאָ פּיאַווקעס. הײַנטיקן זומער איז ניט געווען אײַן פּיאַווקע! פּונוואַנען האָט זיך דערוווּסט מײַן ברודער עליע, אַז איך כאַפּ פיש — ווייס איך ניט. ער האָט מיר שיִר ניט אָפּגעריסן אַן אויער פאַר די פיש. א גליק, וואָס פּעסיע די גראָבע, אונדזער שכיינע, האָט דערזען. אַן אייגענע מאַמע דאַרף זיך אַזוי ניט אײַנשטעלן פאַר איר קינד.

— אָט אַזוי שלאָגט מען א יאָסעם?..

מײַן ברודער עליע האָט זיך פאַרשעמט און האָט מיר אָפּגעלאָזט דעם אויער. אַלע שטעלן זיך אײַן פאַר מיר. מיר איז גוט — איך בין א יאָסעם.

ג

אונדזער שכיינע פּעסיע די גראָבע האָט זיך אין מיר פאַרליבט. זי האָט זיך צוגעטשעפּעט צו דער מאַמען, ווי א קלעשטש, איך זאָל דערווײַלע זײַן באַ איר, באַ פּעסיען הייסט עס.

— וואָס וועט אײַך אַרן? — האָט זי געטײַנעט. — עס גייען באַ מיר צום טיש צוועלף, וועט ער זײַן א דרײַצנטער. באַ דער מאַמען האָט זי קוים געפּועלט. האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט מײַן ברודער עליע.

— ווער וועט אַפֿ אים אַכטונג געבן, ער זאָל גייִנ זאָגנ קאַדעש?

— איכ וועל אַכטונג געבנ, ער זאָל גייִנ זאָגנ קאַדעש. נו, שוינ? האָט איר צו מיר גאָרניט?

פּעסיע איז ניט קיינ גווירטע. איר מאַנ איז אַנ אײַנבינדער אונ הייסט מוישע. ער האָט אַ שעמ פֿאַרנ בעסטנ באַלמעלאָכע. דאָס אַלייִנ איז אָבער קאַרג. מע דאַרפֿ נאָכ האָבנ מאַזל אויכ. אַזוי זאָגט פּעסיע צו מײַנ מאַמענ. מײַנ מאַמע גיט איר נאָכ. זי זאָגט, אַז צום שלי-מאַזל דאַרפֿ מענ אויכ האָבנ מאַזל. פֿאַר אַ סימענ נעמט זי מיכ. אָט בינ איכ אַ יאָסעמ, אונ אַלע ווילנ מיכ. פֿאַראַנ באַלאָנימ, וואָס ווילנ מיכ צו זיכ אַפֿ שטענדיק, נאָר ווי לאַנג קרענקענ אירע סאָנימ, ווי לאַנג זי וועט מיכ אָוועקגעבנ אַפֿ שטענדיק! אַזוי זאָגט די מאַמע אונ וויינט. זי האַלט זיכ אַנ אײַצע מיט מײַנ ברודער עליע.

— ווי מיינסטו? זאָל ער זײַנ דערוויִל באַ פּעסיענ?

מײַנ ברודער עליע איז שוינ אַ גרויסער. אַניט, וואָלט מענ זיכ מיט אימ ניט געהאַלטנ קיינ אײַצע. ער גלעט זיכ מיט דער האַנט דאָס רייִנע נאָכ ניט באַוואַקסענע פּאָנעמ, גלײַכ ווי ער וואָלט שוינ געהאַט אַ באָרד, אונ רעדט ווי אַ גרויסער.

— מאַכטייסע, אַבי ער זאָל נאָר ניט זײַנ קיינ שייגעץ.

אונ עס בלײַבט, אַז איכ וועל זײַנ דערוויִל באַ אונדוער שכיינע פּעסיע, נאָר ביטנײַ, איכ זאָל ניט זײַנ קיינ שייגעץ. אַלצדינג הייסט באַ זיי אַ שייגעץ! אָנהענגענ דער קאַץ אַ פּאַפּיר אַפֿנ עק, זי זאָל זיכ דרייענ — הייסט באַ זיי אַ שייגעץ. קלאַפּנ מיט אַ שטעקל איבער די גדאַטעס פֿונעמ גאַלעכס הויפֿ, אַלע הינט זאָלנ זיכ צונויפֿ-לויפֿנ — הייסט באַ זיי אַ שייגעץ. אָפּשטעקנ באַ לייבקע דעמ וואַ-סערפֿירער דעמ צאַפֿנ פֿונ דעמ פֿאַס, ס'זאָל אויסלויפֿנ העכער האַלב וואַסער — הייסט באַ זיי אַ שייגעץ.

— דײַנ גליק, וואָס דו ביסט אַ יאָסעמ! — זאָגט צו מיר לייבקע דער וואַסערפֿירער. — אַניט, וואָלט איכ דיר איבערגעבראָכנ אַ האַנט מיט אַ פֿוס! מעגסט מיר גלייבנ אַפֿ נעמאָנעס.

איכ גלייב אימ אַפֿ נעמאָנעס. איכ ווייס, אַז איצט וועט ער מיכ ניט אָנרירנ, ווײַל איכ בינ אַ יאָסעמ.

מיר איז גוט — איכ בינ אַ יאָסעמ.

ד

אונדזער שכײנע פּעסיע, זאָל מיר מוחל זײַן, האָט געזאָגט אַ גרויסן ליגן. צוועלף, האָט זי געזאָגט, גײען בײַ איר צום טיש. לויט מײַן רעכענונג, בין איך דער פֿערצנטער. אַפּאָנעם, זי האָט פֿאַרגעסן אַרײַנצורעכענען דעם בלינדן פֿעטער באָרעך. און אפֿשר האָט זי אים ניט אַרײַנגעשטעלט צווישן די עסערס דערפֿאַר, ווײַל ער איז שוין זייער אַלט און האָט קײן צײן ניט אָפּ צו קײַען. איך וועל מיך ניט שפּאַרן. קײַען קאָן ער נישט, דערפֿאַר אָבער שלינגט ער, ווי אַ גאַנדז, און כאַפּט. אַלע כאַפּן זײ. זײער כאַפּן איז כוץ לע-דערעך האַטעוועס[1]. איך כאַפּ אויך. שלאָגן זײ מיך. מיט די פֿיס אונ-טערן טיש שלאָגן זײ מיך. מער פֿון אַלע שלאָגט זיך וואַשטי. וואַשטי איז אַ רויטצײיעך. הײסן הײסט ער הערשל, נאָר מאַכמעס ער האָט אַ גאָליע אָפּן שטערן, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן „וואַשטי“. אַלע האָבן זײ דאָ נעמען און צונעמען: „קלעצל“, „קאָטער“, „טשערנאָ-הוז“[2], „בופּלאַקס“, „פּעטעלעלע“, „גיב-מיר-נאָך“, „שמיר-מיט-פּוטער“...

האָט קײן יעסורים ניט — יעדער נאָמען האָט זיך זײַן שוירעש[3]. פּיניע הײסט „קלעצל“ דערפֿאַר, ווײַל ער איז גראָב און קײַלעכיק, ווי אַ קלעצל. וועלוול איז אַ שוואַרצער, רופֿט מען אים „קאָטער“. כאַים איז אַ בופּלאַקס, הײסט ער „בופּלאַקס“. מענדל האָט אַ שפּי-צעכיקע נאָז, איז ער „טשערנאָהוז“. „פּעטעלעלע“ האָט מען אַ נאָמען געגעבן פּיטלען דערפֿאַר, ווײַל ער קען ניט רײדן. בערל איז אַ גרויסער נאַשער: אַז מע גיט אים אַ שטיקל ברויט מיט שמאַלץ, זאָגט ער: „גיב מיר נאָך“. זאַרעכן האָט מען געגעבן אַ מיעסן נאָמען „שמיר-מיט-פּוטער“ איבער אַ מיעסן כיסאָרן, וואָס ניט ער איז שולדיק. שולדיק קען זײַן איז די מוטער, וואָס זי האָט דאָס פֿאַרלאָזט און קינדווײַז ווינציק געצוואָגן. און אפֿשר איז זי אויך ניט שולדיק? איך וועל זיך ניט גײן שפּאַרן. שלאָגן זיך אַוואַדע ניט! קורץ, ס'איז אַ שטוב, וואָס יעדער האָט אַ צונעמעניש, וואָס דאַרפֿט איר מער — די קאַץ, שוין גאָר אַ שטומע צונג, שוין געוויס גאָט די נעשאָמע שול-דיק, הײסט זי בײַ זײ: „פּײגע-לײע די גאַבעטע“. איך ווײסט, פֿאַר-וואָס? דערפֿאַר, וואָס זי איז אַ גראָבע, און פּײגע-לײע נאָכמען דעם

1 אומנאַטירלעך, אומגעוויינטלעך.

2 אַ בושעל.

3 וואָרצל, גרונט, אָפּשטאַם.

גאבעס ווײַב איז אויך א גראָבע. וויפל, מיינט איר, האָבן זיי שוין געכאפּט פּעטש דערפאר, זיי זאָ״ן ניט רופן קיין קאץ מיט א מענטשלעכן נאָמען? ווי אַנ ארבעס אינ וואַנט! האָבן זיי געגעבן עמעצן א צונעמעניש, איז פארפאָלן!

ה

מיר האָבן זיי א נאָמען געגעבן — טרעפט וויאַזוי? „מאָטל מיט די לעפּצן". לעפּצן איז א דײַטשעס וואָרט. אפּ אונדזער לאָשן הייסט דאָס „ליפּן". אפּאָנעם, זיי איז ניט געפעלן מײַנע ליפּן. זיי זאָגן, אז איך עס, מאך איך מיט די ליפּן. איך וואָלט וועלן זען יענעם מענטשן, וואָס זאָל עסן און ניט מאכן מיט די ליפּן! איך בינ ניט פונ די האָנאָריסטע, וואָס מע טאָר זיי ניט אָנרירן זייער קאָוועד. נאָר איך וויים ניט פארוואָס — מיר איז דאָס צונעמעניש שטארק נישט געפעלן! און ווײַל ס'איז מיר ניט געפעלן, רייצן זיי זיך מיט מיר און רופן מיך דאפקע אזוי. אײַנגעגעסענע ברויִם — איר האָט נאָך אזעלכע ניט געזען! פריִער האָב איך בא זיי געהייסן: „מאָטל מיט די לעפּצן". נאָכדעם: גלאט „מיט די לעפּצן". שפּעטער: „די לעפּצן".

— לעפּצן! ווו זײַט איר געווען?

— לעפּצן! ווישט אָפּ די נאָז!

עס פארדריסט מיך און עס ברענט מיך, און איך וויינ. דערזעט דער פאָטער זייערער, פעסיעס מאן, מוישע דער אײַנבינדער, איינ-מאָל, אז איך וויינ, פרעגט ער מיך: וואָס וויינ איך? זאָג איך אים: וויאַזוי זאָל איך ניט וויינען, אז איך הייס מאָטל און מע רופט מיך „לעפּצנ"! פרעגט ער: ווער? זאָג איך: „וואשטי". וויל ער שלאָגן „וואשטי", זאָגט „וואשטי": ס'איז ניט איך, ס'איז „קלעצל". וויל ער שלאָגן „קלעצלען", זאָגט „קלעצל": ס'איז ניט איך, ס'איז „קאָטער".

איינער אפּן אנדערן, דער אנדערער אפּן דריטן — א מײַסע אָן אַנ עק! איז זיך מעיאשעוו דער פאָטער, מוישע דער אײַנבינדער, און לייגט זיי אוועק אלע איינציקווײַז און שמײַסט זיי אָפּ מיט א טאָוול פונ א „קאָרבנ-מינכע[1]" און זאָגט:

— מאמזיירים! איך וועל אײַך ווײַזן, וויאַזוי צו לעצעווען פונ א יאָסעם! עס וועט א רוער אינ אײַער טאטנס ערד ארײַנ!..

אָט אזוי. יעדער נעמט זיך אָן מײַנ קריוודע. אלע, אלע שטעלן זיך אײַנ פאר מיר.

מיר איז גוט — איך בינ א יאָסעם...

---

1 אזא סידער.

III

וואָס וועט זײַן פֿון מיר?

א

אַנו, טרעפֿט, ווו איז דער גאַניידן? איר וועט ניט טרעפֿן. ווייסט איר, פֿאַרוואָס? ווײַל בא איטלעכן איז ער אַף אַן אַנדער אָרט. לעמאָשל, די מאַמע זאָגט, אַז דער גאַניידן איז דאָרטן, ווו מײַן טאַטע, פּייסי דער כאַזן, געפֿינט זיך. דאָרטן, זאָגט זי, געפֿינען זיך אַלע ערלעכע נעשאָמעס, וואָס זײַנען נעבעך אָפּגעקומען אַף דער וועלט; דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן ניט די וועלט, קומט זיי יענע וועלט. דאָס איז דאָך קלאָר, ווי דער טאָג. דער בעסטער באַווײַז איז טאַקע דער טאַטע מײַנער. וואָרעם ווו דען זאָל ער זײַן, אַז ניט אין גאַניידן? קאַרג האָט ער זיך אָנגעמוטשעט אַף דער וועלט?.. אַזוי זאָגט די מאַמע מײַנע און ווישט זיך בעשאַס-מײַסע די אויגן, ווי איר שטייגער איז, אַז זי רעדט פֿונעם טאַטן. פֿרעגט זשע אָבער מײַנע כאַוויירים, וועלן זיי אײַך דערציילן מײַסעס, אַז דער גאַניידן געפֿינט זיך ערגעץ אַף אַ באַרג פֿון סאַמע קרישטאָל, הויך ביזן הימל. ייִנגלעך לויפֿן דאָרט אַרום פּראַנק און פֿרײַ, לערנען לערנט מען ניט, נאָר מע באָדט זיך גאַנצע טעג אין מילך און מע עסט האָניק מיט פֿולע הויפֿנס. זײַט איר שוין פֿאַרטיק? קומט צו גיין אַ ייִד אַן אײַנבינדער און טוט זיך אַ זאָג, אַז דער עמעסער גאַניידן איז גאָר פֿרײַטיק אין באָד. איך האָב עס אַלײן געהערט פֿון אונדזער שכיינעס מאַן, מוישע דעם אײַנבינדער, איך זאָל אַזוי הערן אַלדאָס גוטס! הײַנט גייט דערגייט אַן עק! מע זאָל, אַשטייגער, פֿרעגן מיך, וואָלט איך געזאָגט, אַז דער גאַניידן — דאָס איז מענאַשע דעם רויפֿעס גאָרטן. זינט איר לעבט, האָט איר נאָך אַזאַ גאָרטן ניט געזען. דאָס איז דער איינציקער גאָרטן ניט נאָר אַף אונדזער גאַס, ניט נאָר בא אונדז אין שטאָט, — איך האָב מוירע, אַז אַף דער גאַנצער וועלט איז ניטאָ נאָך אַזאַ גאָרטן. נישט געוועזן און סע וועט ניט זײַן! דאָס וועלן אײַך אַלע זאָגן. וואָס ווילט איר, זאָל איך אײַך באַשרײַבן פֿריִער: מענאַשע דעם רויפֿע מיט זײַן ווײַב מענאַשעכע די רויפֿעטע? צי איך זאָל אײַך פֿריִער מאָלן דעם גאַניידן, מיין איך דעם גאָרטן זייערן? איך רעכן, אַז פֿריִער פֿון אַלץ זאָל איך אײַך דערציילן פֿון מענאַשען מיט מענאַשעכען. זיי זײַנען דאָך די באַלעבאַטים, קומט זיי פֿריִער דער קאָוועד,

ב

מענאשע דער רויפע טראָגט סײַ ווינטער סײַ זומער א הענגקאָלנער. ער טוט נאָך דעם שווארצן דאָקטער. איין אויג האָט ער א קליינס, און דאָס מויל איז אים, ניט אין מײַן מאָס, א ביסל אַף אַ זײַט. דאָס הייסט, ניט א ביסל, נאָר א סאך, טאקע גאָר א סאך. פון א ווינטל איז דאָס אים געקומען. אזוי זאָגט מענאשע דער רויפע אליין. איך פארשטיי ניט, וויאזוי ווערט דאָס פון א ווינטל דאָס גאנצע מויל אַפ א זײַט? וויפל ווינטן, גרויסע און קליינע, בין איך, אשטייגער, אויסגעשטאנען אין מײַן לעבן! דער גאנצער קאָפּ וואָלט שוין אצינד באדארפט זײַן בא מיר פון יענער זײַט פלייצעס. איך רעכן, אז ס'איז נאָר א רעגילעס, וויאזוי מע געוווינט זיך איַין. אָט, לעמאָשל, פאראן בא מיר א כאוועך בערל, פינטלט ער מיט די אויגן. נאָך א כאוועך האָב איך, וועלוול, זופט ער לאָקשן מיט יויך, ווען ער רעדט. אלצדינג אַפ דער וועלט איז א רעגילעס. און כאָטש דאָס מויל איז אים אַפ א זײַט, פינדעסטוועגן מאכט מענאשע בעסער פון אלע דאָקטוירים. ערשטנס, איז ער בא זיך ניט אזא פּאָרעץ, ווי אנדערע דאָקטוירים. אז מע דופט אים, קומט ער באלד צו לויפן א פארשוויצטער. און צווייטנס, איז בא אים ניִשט קיין מאָדע שרײַבן רעצעפּטן. רעפּועס מאכט ער אליין. אנומלטן האָט מיך א כאַפּ געטאָן א מין שטעכעניש מיט א קעלט מיט א ציטערניש (אפּאָנעם, פון צופיל ליגן אין טײַך?), איז די מאמע באלד אוועקגעלאָפן און האָט ארויפגעבראכט מענאשע דעם רויפע. האָט ער מיך באטראכט און א זאָג געטאָן מיטן קרומען מויל צו דער מאמען:

— איר האָט זיך ניט וואָס צו שרעקן. ס'איז א געלעכטער. דער שייגעץ האָט זיך צוגעקילט די לונג.

און מיט די ווערטער נעמט ער ארויס פון קעשענע א בלויפלעשעלע און שיט אויס אין זעקס שטיקלעך פּאפּיר עפּעס א ווײַסע זאך. דאָס ווערט אָנגערופן „פּראָשקעס". איין פּראָשעק הייסט ער מיר, איך זאָל אײַנעמען באלד. דריי איך מיך און קנייטש מיך אַפ אלע זײַטן. דאָס הארץ זאָגט מיר, אז עס דארף זײַן ביטער, ווי דער טויט. קאך-האווע[1]. איך האָב דאָך טאקע געטראָפן! ביטער צו ביטער איז ניט גלײַך. פרישע קאָרע פון קליינע ביימעלעך האָט איר אמאָל פארזוכט? אָט אזא טאם האָבן זײַנע פּראָשקעס. איר זאָלט האָבן א

1 אזוי איז עס טאקע געווען.

קלאל: ווײַבאלד פראָשקעס, מוזנ זײ זײַנ ביטער. עס האָט מיר ניט גע-האָלפנ קײנ שומ ריבוינע-שעל-אוילעמ. איכ האָב דעמ פראָשעק אײַנגע-נומענ אונ געזוענ זיכ מיטנ טויט... די איבעריקע פינפ פראָשקעס, האָט ער אָנגעזאָגט דער מאמענ, זאָל איכ אײַנעמענ אלע צוויי שאָ א פראָשעק. געפונענ א באלנ אפ אײַנעמענ גאל! די מאמע האָט זיכ נאָר אָפגעקערעוועט אפ א מינוט, געגאנגענ אָנזאָגנ מײַנ ברודער עליע, אז איכ בינ קראנק, האָב איכ אלע פינפ פראָשקעס אויכגעשאָטנ אינ פאָמעניצע אונ אָנגעשאָטנ אינ די פאפירלעכ א ביסל מעל. א גוט שטיקל ארבעט האָט אפ זיכ געהאט די מאמע: אלע צוויי שאָ האָט זי געמוזט לויפנ צו אונדזער שכײנע פעסיע קוקנ אפנ זײגער. נאָכ יעדנ פראָשעק, וואָס איכ האָב אײַנגענומענ, האָט זי באמערקט, אז עס ווערט מיר בעסער. נאָכ דעמ זעקסטנ פראָשעק בינ איכ אופגע-שטאנענ א געזונטער מענטש.

— אָט דאָס הײסט א דאָקטער! — האָט זי געזאָגט אונ נישט גע-לאָזט מיכ גײנ אינ כײדער, געהאלטנ א גאנצנ טאָג אינ שטוב אונ געגעבנ מיר זיסנ טײ מיט ווײַסער בולקע.

— מענאשע איז מער דאָקטער פונ אלע דאָקטוירימ, געבנ זאָל אימ גאָט געזונט אונ א סאכ יאָרנ! ער האָט אזעלכע פראָשקעס, וואָס זײַנען מעכײַע מײסימ, מאכנ פונ טויט לעבעדיק...

אזוי האָט זיכ די מאמע נאָכדעמ בארימט פאר דער גאנצער וועלט, בעשאַס-מײַסע זיכ געווישט די אויגנ, ווי איר שטײגער איז.

ג

מענאשע דעמ רויפעס ווײַב רופט מענ אפ איר מאנס נאָמענ: „מענאשעכע די רויפעטע". זי איז א טרײפע יידענע. אזוי זאָגנ אלע. ווײסט איר פארוואָס? ווײַל זי איז א ראָשעטע. א פאָנעמ האָט זי, ווי אפצעלאָכעס, א מאנצבלשנ, א קאָל פונ א מאנצבל, טראָגט מאנצבל-שע שטיוול, אונ אז זי רעדט, דאכט זיכ אײַכ אויס, אז זי בײ-זערט זיכ, זי האָט א שײנעמ שעמ אפ דער וועלט. זינט זי לעבט, האָט נאָכ קײנ זרעמאנ בא איר קײנ שטיקל ברויט ניט אופגעגעסנ. אונ א שטוב איז בא איר פונ קאָל-טווו[1]. בא איר קענט איר געפי-נענ אײַנגעמאכטסנ פונ פאראיאָרנ, פונ פארדרײַיאָרנ אונ פונ פאר-צעניאָרנ. וואָס דארפ זי, לעמאָשל, אזויפיל אײַנגעמאכטס? ברעגט זי,

1 אלדאָס גוטס.

אשטייגער, ווייסט זי אליין ניט. אָט אזא טעווע איז בא איר. א פאר־פאלענע זאך, איר וועט זי שוין ניט איבערמאכן. זי ווייסט, אז עס קומט דער זומער, האלט זי אין איין פרעגלען אייַנגעמאכטס. איר מיינט, זי פרעגלט אַפּ קוילן? ווער—וואָס? זי קאָן באשטיין אַפּ שטעכל־קעס, ש־שקעס, אָפּגעפאלענע בלעטלעך. זי מאכט אָן אזא רויך אַפּ דער גאנצער גאס, אז מע קאָן דערשטיקט ווערן. טאָמער וועט זיך אייַך מאכן אמאָל קומען צו אונדז זומער־צייַט, און איר וועט דער־פילן א רויך פון „סמאלינע“, זאָלט איר זיך ניט שרעקן, ס'איז ניט קיין סרייפע. דאָס פרעגלט מענאשעכע די רויפעטע אייַנגעמאכטס, אליין, מיט אירע אייגענע הענט, פון אירע אייגענע פיירעס, אין איר אייגענעם גאָרטן. און אָט אזוי קומען מיר צו צום גאָרטן, וואָס כ'האָב אייַך צוגעזאָגט.

ד

וואָס פארא פיירעס געפינט איר ניט אינעם דאָזיקן גאָרטן? עפל, און בארן, און ווייַנשל, און פלוימען, און קארשן, און אגרעסן, און ווייַמפערלעך, און פערשקעס, און שפּאָנקעס, און מארעלן, און מאלינעס, און אָזשעניצעס, און שאָלקאָוויצעס, און וואָס ניט? וואָס דארפט איר מער — אפילע ווייַנטרויבן ערעוו ראָשעשאָנע אַפּ שעכעיאָנו[1] ווו קריגט מען? — בא איר, בא מענאשעכע דער רויפעטע! עמעס, די ווייַנטרויבן, אז מע פארזוכט, דערזעט מען קראָקע מיט לעמבערג. אזוי שארק זויער זייַנען זיי! פונדעסטוועגן, נעמט זי אָפּ פאר זיי גוט געלט! פון אלצדינג מאכט זי געלט. אפילע פון די סאָנישניקעס. גאָט זאָל אייַך היטן, איר זאָלט בא איר בעטן אויסרייַסן א סאָניש־ניק! זי וועט אייַך ניט געבן! א צאָן זיך אויסרייַסן פונעם מויל איז בא איר גרינגער, ווי אויסרייַסן א סאָנישניק בא איר פונעם גאָרטן. הייַנט ווער רעדט פון אן עפל, א באר, א ווייַנשל, א פלוימ? כייַעס ניט זיכער! איך בין באקאנט מיטן דאָזיקן גאָרטן, ווי א ייִד אין אשריי[2]. איך ווייס אפילע, ווו איטלעכס ביימעלע געפינט זיך און וואָס עס וואקסט אַפּ דעם, און צי ס'איז הייַנטיקס יאָר געראָטן אָדער ניט אזוי געראָטן. פונוואנען ווייס איך דאָס? שרעקט אייַך ניט, איך בין דאָרטן נאָך קיינמאָל ניט געווען. וויאזוי האָב איך געקאָנט זייַן,

---

1 דאָ: א בראָכע, וואָס מע מאכט באם עסן דאָס ערשטע מאָל פרוכטן פון א נייַער גערעטעניש.

2 א טפילע, וואָס רעליגיעזע ייִדן זאָגן דרייַ מאָל א טאָג און ווייסן זי גע־ווייַנטלעך גוט אַפּ אויסווייניק.

אז דער גאָרטנ איז ארומגעצוימט מיט א הויכנ פארקאנ, איבערגע־דעקט מיט מוירעדיקע שטעכלקעס! זעט איר שוינ פארטיק? איז אינ־ווייניק דאָ א הונט. נישט קיינ הונט, נאָר א וואָלף! אפ א לאנגנ שטריק שטייט ער צוגעבונדנ — אָט דער דאָזיקער קעלעוו שעביקלאָווים, אונ אנו, לאָז נאָר עמעצער דורכגיינ פארבײַ, אָדער לאָז זיכ אים דאכטנ, אז עמעצער גייט פארבײַ, הייבט ער אָנ צו רײַסנ זיכ, שפרינ־גענ אונ בילנ מיט אזא קאַס, גלײַכ ווי דער רועכ כאפט אים אוועק! פרעגט זיכ א קאשע: וויבאלד אזוי, ווי קום איכ אינ גאָרטנ ארײַנ? הערט זשע, וועל איכ אײַכ דערציילנ.

ה

מענדל דעם שויכעטס קענט איר, צי ניינ? קענט איר דאָכ מענדל דעם שויכעטס דירע אוואדע נישט. זי איז די אנדערע פונ מענאשע דעם רויפעס אונ קוקט גלײַכ צו אימ אינ גאָרטנ ארײַנ. בא מענדל דעם שויכעטס, אז מע זיצט אפנ דאכ, קאָנ מענ זענ אלצדינג, וואָס בא מענאשע דעם רויפע אינ גאָרטנ טוט זיכ. די גאנצע קונצ איז, וויאזוי קלעטערט מענ ארופ צו מענדל דעם שויכעטס אפנ דאכ? מיר איז דאָס גאָרנישט. ווייסט איר, פארוואָס? ווײַל מענדל דעם שויכעטס דירע איז די אנדערע פונ אונדז אונ איז א סאכ נידעריקער פונ אונדזער דירע. אז מע דראפעט זיכ ארופ צו אונדז אפנ בוידעמ (איכ טו דאָס אָנ א לייטער; איכ וועל אײַכ עפשער אמאָל זאָגנ ווי־אזוי), אונ שטעלט איר ארויס א פוס פונעמ קליינעמ פענצטערל, אזוי זעט איר שוינ בא מענדל דעם שויכעטס אפנ דאכ. דאָרטנ לייגט איר זיכ אוועק וויאזוי איר ווילט: אָדער מיטנ פּאָנעמ ארופ, אָדער מיטנ פּאָנעמ אראָפ. יעדנפאלס, לייגנ זיכ מוזט איר, אניט — קאָנ מענ אײַכ כאָלילע דערזענ: וואָס טוט איר בא מענדל דעם שויכעטס אפנ דאכ? איכ האָב אויסגעקליבנ טאָמיד א צײַט פארנאכטלעכ, צווישנ מינכע[1] אונ מײַרעוו[2], ווענ איכ בינ געגאנגענ אינ שול ארײַנ קא־דעש זאָגנ. דעמלט איז ניט טאָג אונ ניט נאכט, די בעסטע צײַט. פונ דאָרטנ אראָפּגעקוקט אינ גאָרטנ ארײַנ, שווער איכ אײַכ, אז ס'איז א גאנ־עיידנ שעבעגאנעיידנ!..

אז דער זומער הייבט זיכ אָנ, אונ דיביימער הייבנ אָנ צו

---

1 דאָס מארנאכטיקע דאווענ.

2 דאָס פאָווטיקע דאווענ.

אונ שטעלט איר ארויס א פוס פונעמ קלײנעמ פענצטערל,
אזוי זײַט איר שוינ בא מענדל דעמ שױכעטס אפנ דאכ.

122—3

בליִענ, זיכ באדעקנ מיט ווײַסע פעדערלעכ, קאָנט איר האָפנ, אז ניט הײַנט איז מאָרגנ — וועלנ זיכ באווײַזנ אינ די קורצע שטעכלדיקע ביימעלעכ גרינע אגרעסנ, דאָס איז די ערשטע פיירע, וואָס עס גלוסט זיכ אײַכ פארזוכנ. פאראנ מענטשנ, וואָס וואַרטנ ביז די אגרעסנ ווערנ רויט. נאראָנים! איכ זאָל האָבנ די בראָכעס, וואָס גרינערהייט זײַנענ זיי א סאכ מער באטאמט אונ געשמאק. איר וועט זאָגנ, זיי זײַנענ זויער? עס ווערט פונ זיי הײַליק די ציינ? נו, וואָס זשע איז? א זויערס קוויקט דאָס הארצ, אונ צו הײַליקע ציינ איז דאָ א סגולע: זאלצ. מע שיט ארופ זאלצ אפ די ציינ אונ מע האלט אָפנ דאָס מויל אקעגנ א האלבע שאָ, קאָנ מענ נאָכדעמ עסנ ווידעראמאָל די זעלבע אגרעסנ. נאָכ די אגרעסנ קומענ אופ די ווײַמפערלעכ. רויטינקע, מיט שווארצע פיסקעלעכ, מיט געלע קערעלעכ, אינ צענדליקער-צענדליקער אפ איינ צווײַגעלע. איינ צווײַגעלע, אז איר פירט דורכ צווישנ די ליפנ, באַקומט איר א פולע מויל מיט ווײַמפערלעכ, ווײַניקע, שמעקנדיקע, מעכײַע-נעפאָשעס! אז זיי קומענ אופ, קויפט מיר די מאמע פאר א גראָשנ א קווערטעלע ווײַמפערלעכ אפ שעכעיאָנע — עס איכ זיי מיט ברויט. בא מענאשעכע דער רויפעטע אינ גאָרטנ זײַנענ דאָ צוויי רייענ קליינע ביימעלעכ, האַרט בא דער ערד, אָנגעזעצט מיט ווײַמפערלעכ. אפ דער זונ ברענענ זיי אונ פינקלענ אָפ, אונ עס גלוסט זיכ כאָטש איינ צווײַגעלע, כאָטש איינ ווײַמפערל מיט צוויי פינגער געבנ א ריס אָפ אונ גלײַכ אינ מויל ארײַנ! איר וועט מיר גלייבנ? אז איכ רייד פונ גרינע אגרעסנ מיט רויטע ווײַמפערלעכ, ווערט מיר שוינ הײַליק די ציינ. לאָמיר בעסער ריידנ פונ ווײַנשל. ווײַנשל האלטנ זיכ ניט לאנג גרינ. ווײַנשל ווערנ גיכ פארטיק. איכ קאָנ אײַכ שווערנ, בא וואָס איר ווילט, אז איכ אליינ האָב באמערקט, ליגנדיק בא מענדל דעמ שויכעטס אפנ דאכ, עטלעכע ווײַנשעלעכ זײַנענ אינדערפרי געווענ גרינ אזוי ווי גראָז. איכ האָב זיי גוט באמערקט, געמאכט אפ זיי א סימענ. באטאָג האָבנ זיי פונ דער זונ באקומענ רויטע בעקעלעכ. דעמ זעלבנ טאָג פארנאכט זײַנענ זיי שוינ געווענ רויט ווי פײַער! ווײַנשל פלעגט מיר אויכ די מאמע ברענגענ אפ שעכעיאָנע. אָבער וויפל ווײַנשל? פינפ שטיק אפ א פאָדעמ. וואָס טוט מענ מיט פינפ ווײַנשל? מע שפילט זיכ מיט זיי אזוי לאנג, ביז מע ווייסט ניט, ווו זיי זײַנענ אהינגעקומענ...

ו

ווּפל שטערן אין הימל — אַזוי פֿיל ווײַנשל בײַ מענאַשע דעם רופֿע אין גאָרטן. איר קאָנט פֿאַרשטײן, אַז איך בין אַ באַלן געוועזן אַף אײן צווײַגעלע איבערציילן די ווײַנשל. האָב איך געציילט און נישט געקאָנט איבערציילן!.. ווײַנשל האָבן אַ טעווע, זיי האַלטן זיך שטאַרק אַף די ריטלעך. זעלטן-זעלטן ווען עס פֿאַלט אַראָפּ אַ ווײַנשל אַף דער ערד — ער מוז שוין זײַן איבערצײַטיק, שוואַרץ אַזוי ווי אַ פֿלוים. זעט איר, פֿערשקעס — די פֿאַלן אָפּ, ווײַבאַלד נאָר זיי ווערן רעכט געל. אַך, פֿערשקעס! פֿערשקעס! איך האָב זיי ליב מער פֿון אַלע פּײרעס. איך האָב אַף מײַן לעבן געגעסן נישט מער ווי אײן פֿערשקע, ליגט זי מיר נאָך אין טאַם. דאָס איז געווען מיט עטלעכע יאָר פֿריִער, איך בין דעמאָלט נאָך נישט אַלט געווען קײן פֿינף יאָר. מײַן טאַטע האָט נאָך געלעבט, און אין שטוב איז נאָך געווען בײַ אונדז אַלצ-דינג: די גלעזערנע שאַפֿע, מיט דער קאַנאַפּקע, מיט די ספֿאָרים, מיטן גאַנצן בעטגעוואַנט. קומט צו גײן אײנמאָל דער טאַטע פֿון שול אַהײם און מאַכט צו מיר און צו מײַן ברודער עליע, און לײגט אַרײַן די האַנט אין דער הינטערשטער קעשענע, דאָרט, וווּ מע האַלט די נאָז-פֿאַטשײלע:

— קינדער! פֿערשקעס ווילט איר עסן? איך האָב אײַך געבראַכט פֿערשקעס. אַ פּאָר פֿערשקעס.

און ער נעמט אַרויס די האַנט פֿון דער הינטערשטער קעשענע, דאָרט, וווּ מע האַלט די נאָז-פֿאַטשײלע, און טראָגט אונדז אונטער, מיר און מײַן ברודער עליע, צווײ גרויסע געלע קײַלעכיקע שמעקנדיקע פּײרעס. מײַן ברודער עליע האָט קײן צײַט נישט. ער מאַכט אַ בראָכע, הויך אַף אַ קאָל, „בוירע פּרי האָעיץ“, און כאַפּט אַרײַן די גאַנצע פּײרע אין מויל אַרײַן. איך קאָן באַשטײן פֿריִער זיך אָנשפּילן, זיך אָנשמעקן, אָנשפּיגלען, און נאָכדעם שוין וועל איך זי עסן. אי דאָס — נישט אַף אײן מאָל, נאָר שטיקלעכווײַז און מיט ברויט. פֿערשקעס זײַנען גוט מיט ברויט. פֿון דעמאָלט אָן האָב איך מער קײן פֿערשקעס נישט פֿאַרזוכט, נאָר דעם טאַם פֿון יענער ערשטער פֿערשקע קאָן איך נישט פֿאַרגעסן! איצטער שטײט פֿאַר מיר אַ גאַנצער בוים מיט פֿערשקעס, און איך ליג בײַ מענדל דעם שויכעטס אַפֿן דאַך און קוק און זע, ווי עס פֿאַלט אַ פֿערשקע נאָך אַ פֿערשקע. אײנע אַ געלע, אַזש אַ רויטלעכע, האָט זיך פֿאַרשפּאָלטן אין געעפֿנט. עס זעט זיך אַרויס פֿון איר דאָס בײַכיקע קערל. וואָס וועט זי טאָן, די

רויפּעטע, מיט אזויפיל פערשקעס? זי וועט זיי אָפּטרייסלען מינאס־טאם און וועט פרעגלען פון זיי אײַנגעמאכטס. דעם אײַנגעמאכטס וועט זי פארוקן ווײַט אין דער הרובע. ווינטער וועט זי אים אוועקשטעלן אין קעלער ארײַן, און דאָרטן וועט ער שטיין אזוי לאנג, ביז ער וועט ווערן געצוקערט און כאפּן א שימל.

נאָכ די פערשקעס קומען אופ פלוימען. נישט אלע פלוימען מיטאמאָל. איכ האָב צוויי סאָרטן פלוימען בא מענאשע דעם רויפע אין גאָרטן. איין בוים האָב איכ מיט „טשערקינעס". דאָס איז א מין קײַלעכיקע, זיסע, הארטע, שווארצע פלוים. דער אנדערער בוים איז א בוים פון פּראָסטע פלוימען. דאָס איז א מין פלוימען, וואָס מע דופט זיי „עמער־פלוימען". מע פארקויפט זיי אפּן עמער. זיי האָבן א דינ הײַטל, זײַנען גליטשיק און קלעפעדיק און וואסערדיק אפּן טאם. פונדעסטוועגן זײַנען זיי ניט אזוי שלעכט, ווי איר מיינט. האלעווײַ וואָלט מען זיי נאָר וועלן געבן. מענאשע די רויפּעטע איז אָבער ניט פון די איבעריקע געבערקעס. זי מאכט בעסער פון די פלוימען פּאָווידלע אפּן ווינטער. ווען וועט זי אופּעסן אזויפיל פּאָווידלע?

ז

אראָפּגעפּאטערט די ווײַנשל מיט די פערשקעס מיט די פלוימען, הייבט זיכ אָן פאר מיר א סעדרע עפּל. עפּל דארפט איר וויסן, איז ניט קיינ בארן. בארן, זיי מעגן זײַן די בעסטע בארן אין דער וועלט („בערגאמאָטן"), וויבאלד זיי זײַנען ניט רעכט פארטיק, קאָנט איר מיט זיי גאָרניט מאכן. גייט קײַט האָלצ! עפּל מעגן זײַן ווי גרין, די קערעלעכ מעגן זײַן ווי ווײַס, האָבן זיי שוין א טאם פון עפּל. איר שטעקט ארײַן די ציינ אין א גרינעם עפּל, ווערט אײַכ זויער אין מויל. ווייסט איר, וואָס איכ וועל אײַכ זאָגן? איכ וועל אײַכ ניט אוועקגעבן קיינ האלבן גרינעם עפּל פאר צוויי צײַטיקע. אפּ צײַטיקע דארפ מען ווארטן ביז העט־העט, און גרינע עפּל קאָנט איר האָבן טייקעפּ נאָכ דעם, ווי דאָסביימעלע האָט אָפּגעבליט. עס ווענדט זיכ נאָר אין דער גרייס. וואָס ווײַטער אן עפּל וואקסט, ווערט ער גרעסער, ווי, לעהאוודל, א מענטש... עס איז ניט קיינ רײַע, אז א גרויסער עפּל דארפ זײַן גוט. אמאָל מאכט זיכ, א קליינ עפּעלע זאָל זײַן בעסער פונעם גרעסטן עפּל. לעמאָשל, נעמט „ערעצ־ייִסראָעל־עפּעלעכ". זיי זײַנען ווײַניק, אָבער געשמאק. צי אשטייגער, קיסליצעס, אָדער קוואס־עפּעלעכ, וואָס גייט זיי אָפּ? הײַנטיקן זומער איז

אפ זיי א מוירעדיק גערעטעניש. עס וועט זײַן אזויפיל, אז מע וועט זיי פירן מיט וועגנס. אזוי האָב איך געהערט פון מענאַשעכע דער רויפעטעס מויל. זי האָט דאָס געזאָגט צו „רוונ דעם עפּל-ייִד", בעשאס די עפּל זײַנען נאָך געווען אינ רעכטנ בליִען. רוונ דער עפּל-ייִד איז געקומען צו גיינ אָנקוקנ דעם גאָרטנ. ער האָט געוואָלט אָפּהאנדלען בא איר די עפּל מיט די בארג אפנ בוים. אפ עפּל אונ אפ בארג איז רוונ שוינ איינמאָל א מייוונ. ער, אז ער טוט א קוק מיט איינ אויג אפ א בוים, וועט ער אײַך באלד זאָגנ, וויפל פאַרנאָסע דער בוים קאָנ געבנ. ער וועט אײַך קיינמאָל נישט האָבנ קיינ טאָעס אפ אָט אזויפיל. סײַדנ עס וועלנ זײַנ גרויסע ווינטנ, אונ די עפּל וועלנ אָפּפאלנ פאר דער צײַט, אָדער א וואָרעם וועט זיך ארײַנכאפּנ, א „האָסעניצע"[1] וועט זיך זעצנ. דאָס איז אלץ אזעלכע זאכנ, וואָס א מענטש קאָנ ניט וויסנ. א ווינט איז דאָך פונ גאָט, אונ „האָסעניצעס" אויך. כאָטש אפילע איך ווייס ניט, אפ וואָס דארף גאָט ווערעם מיט „האָסעניצעס"? סײַדנ צוליב דעם, זיי זאָלנ צונעמענ בא רוונ דעמ עפּל-ייִד דאָס שטיקל ברויט?.. רוונ זאָגט, אז ער פארלאנגט נישט מער פונ א בוים, ווי א שטיקל ברויט. ער האָט, זאָגט ער, א ווײַב אונ קינדער אונ זוכט פאר זיי א שטיקל ברויט. מענאַשעכע זאָגט אים צו נישט נאָר א שטיקל ברויט, נאָר ברויט מיט פלייש. זי ווינטשט זיך אזא מאזל, וואָס פארביימער זי גיט אים. ס'איז דענ ביימער? ס'איז גאָלד, ניט קיינ ביימער.

— איר ווייסט, אז איך בינ אײַך, כאָלילע, נישט קיינ סוינעטע. — זאָגט אים מענאַשעכע. — וואָס איך ווינטש אײַך, מעג עס מיר אָנקומענ.

— אָמיינ! — מאכט צו איר רוונ מיט א שמייכל אפ זײַנ גוט רויט פּאָנעם, וואָס סע שיילט זיך פונ דער זונ. — איר גיט מיר ארויס א קסאוו[2] פאר ווינטנ, ווערעם אונ האָסעניצעס, גיב איך אײַך נאָך מער, וויפל איר ווילט.

מענאַשעכע טוט אפ אים א מאָדנעם קוק פונ אונטנ ארופ אונ מאכט צו אים מיט איר מאַנצבלשער שטימ:

— גיט מיר ארויס א קסאוו, אז איר גייט אוועק פונדאַנענ אונ גליטשט זיך ניט אויס אפנ גלײַכנ וועג אונ ברעכט זיך ניט אויס א פוס.

— פונ אויסגליטשנ זיך אונ אויסברעכנ זיך א פוס איז קיינער

---

1 רויפע.

2 דאָ געמיינט: א קאָנטראקט, א גאראנטיע.

ניט באוואָרנט! — זאָגט רוווג און קוקט אפ איר מיט זײַנע גוטע שמייכלענדיקע אויגנ. — דאָס קאָנ זיכ טרעפנ מיט א נאָגיד נאָכ גיכער ווי מיט אנ אָרעמאנ, וויַיל א נאָגיד האָט מיט וואָס צו קרענקענ.

— איר זיַיט א ייִד א כאָכעמ! — ענטפערט אימ מענאשעכע מאָלע גאזלענ, — נאָר א מענטש, וואָס ווינטשט איינער דעמ אנדערנ זיכ אויכברעכנ א פוס, קאָנ אימ אָפדארנ די צונג אזוי, אז ער זאָל גאָר ניט וויסנ, פונוואנענ ס'איז צו אימ געקומענ.

— פארוואָס ניט? — זאָגט זיכ רוווג אלצ מיטנ זעלבנ שמייכעלע. — פאר נויט איז א צונג אויכ נישקאָשע, אבי נישט כאָלילע באמ קאפצנ...

ח

אנ אוויירע, וואָס דער גאָרטנ איז ניט אריבער צו רוווג דעמ עפל-ייִד אינ רעשוס אריַינ. מיר וואָלט דאָס געווענ א סאכ מער ניכע, ווי בא דער מעכאשעפטע. איר האָט נאָכ אזא צאָרע ניט געזענ. לאָז אראָפכאלנ איינ עפעלע א ווערעמדיקס, אנ איַינגעדארטס, אנ איַינגעקנייכשטס, ווי בא אנ אלטער באבעצע דאָס פאָנעמ, וועט זי זיכ ניט פוילנ זיכ אָנבייגנ, אופהייבנ, אריַינלייגנ אינ פארטעכ אריַינ אונ אוועקטראָגנ. וווהינ טראָגט זי זיי? אפאָנעמ, אכנ בוידעמ, אונ עפשער אינ קעלער? עס וויַיזט אויס, אז אינ קעלער, מאכמעס איכ האָב געהערט דערציילנ, אז כאראיאָרנ איז בא איר פארפוילט געוואָרנ א קעלער מיט עפל. איז נישט א מיצווע, מע זאָל בא איר רייסנ עפל? יאָ, אָבער וויאזוי רייַסט מענ זיי? אריַינכאפנ זיכ אינ גאָרטנ באדערנאכט, ווענ אלע שלאָפנ, אונ אָנשטופנ פולע קעשענעס, וואָלט אוואדע געווענ א מייכל. וואָס זשע וועט אָבער זאָגנ דער קעלעוו? אונ ווי אפצולאָכעס וואקסנ היַינטיקנ זומער עפל איינס אינ איינס, זיי בעטנ זיכ, זיי כאלעשנ, מע זאָל זיי אָפריַיסנ! וואָס טוט מענ? ס'זאָל זיַינ אזא שפרוכ, א מינ קישעפ, די עפל זאָלנ גיינ צו מיר!.. איכ קלער אזוי לאנג, ביז איכ דערקלער. נישט קיינ שפרוכ אונ נישט קיינ קישעפ, נאָר אנ אנדער זאכ. א שטעקן, א לאנגנ שטעקנ מיט א צוואָק באמ שפיצ. מיט דעמ שטעקנ אבי איר טרעפט נאָר מיטנ צוואָק באמ הענגעויל פונעמ עפל אונ טוט א צי צו זיכ — איז דער עפל איַיערער. איר דארפט נאָר זענ האלטנ דעמ שטעקנ אזוי, אז דער עפל זאָל כאָלילע ניט אראָפפאלנ אפ דער ערד. אונ טאָמער פאלט דער עפל אראָפ, איז אויכ אָנ אנ אומגליק. זי וועט מיינענ, אז דאָס האָט אימ דער ווינט אראָפגעשליַידערט. פארשטייט

זיך. איר דאַרפט דעם עפּל ניט אַנרירן מיטן צוואָק, זי זאָל זיך ניט שטויסן... איך שווער אײַך בענעמאָנעס, אַז איך האָב איין עפּל נישט צעשלאָגן. און אַראָפּגעפאַלן איז בא מיר אויך ניט. בא מיר פאַלן נישט קיין עפּל. איך ווייס, וויאַזוי מע דאַרף האַלטן א שטעקן, אַז מע רײַסט עפּל. דער איקער איז, מע זאָל זיך ניט כאַפּן. וואָס האָט איר קיין צײַט ניט? איר האָט דערטאַפּט אַן עפּל? עכט אים אויף שטילערהייט, רוט זיך אָפּ א ביסל און רײַכט ווײַטער. איך בין אײַך אָרעוו, אַז קיין פויגל וועט נישט וויסן!

גייט זײַט א נאָווי, אַז די מאַכשייפע וועט גאָר וויסן דעם כעזשבן פון די עפּל נאָך אַפּן בוים! אַפּאָנעם, זי האָט זיי איבערגעציילט באַ-טאָג און האָט זיך געכאַפּט אַפּ מאָרגן, אַז עס פעלן איר עטלעכע שטיק. האָט זי זיך באַהאַלטן בא זיך אַפּן בוידעם און געגומען אונטער-קוקן זיך, טאָמער וועט איר געראָטן כאַפּן דעם גאַנעוו. אַזוי דענק איך. מאַכמעס פונוואַנען דען האָט זי געקאָנט דערוויסן זיך, אַז איך ליג בא מענדל דעם שויכעטס אַפּן דאַך און אַרבעט מיטן שטעקן? נעכײַ וואָלט זי מיך כאָטש געכאַפּט אליין אָן איידעס, וואָלט איך מיך געקאָנט אָפּבעטן בא איר. פּאָרט א יאָסעם — טאָמער וועט זי האָבן אַף מיר ראַכמאָנעס? איז זי זיך אָבער מעיאַשעוו און גייט אַוועק צו בײַן מאַמען און צו אונדזער שכיינע פעסיע און צו דער שויכעטקע און נעמט זיי אַלע דרײַ מיט זיך און קלעטערט מיט זיי אַרויף צו אונדז אַפּן בוידעם (א מאַכשייפע קאָן!). פונעם בוידעם איז זיי שוין געווען ניט שווער צו זען דורכן פענצטערל, וויאַזוי איך אַרבעט מיטן שטעקן.

— נו? וואָס זאָגט איר אַף אײַער טאַכשיט? אַצינד גלייבט איר שוין?

די ווערטער האָבן געהערט צו דער רויפעטע. איך האָב דערקענט איר מאַנצבלשע שטים. איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום בוידעם און האָב דערזען אַלע פיר ווײַבער. איך האָב דעם שטעקן מיטן עפּל ניט אַוועקגעוואָרפן. זיי זײַנען גלייך אַרויסגעכאַלט. א גליק, וואָס איך אליין האָב מיך געהאַלטן אַף די פיס. איך האָב נישט גע-קאָנט קוקן קיינעם אין די אויגן אַרײַן. דער הונט זאָל ניט ליגן אין גאָרטן, וואָלט איך זיך דערהאַרגעט פאַר ביזאָיען. ערגער פון אַלץ איז מיר געווען דער מאַכעס טרערן. זי האָט ניט אויפגעהערט צו קלאָגן און צו יאָמערן און צו באַוויינען מיך:

— וויי איז מיר! ווינד איז מיר! צו וואָס איך האָב מיך דער-לעבט! איך האָב געמיינט, אַז מײַן יאָסעם גייט אין שול אַרײַן זאָגן

קאַדעש נאָכן טאַטן, צום סאָף ליגט ער גאָר אַפּ אַ בוידעם, אַ דו־נער איז מיר, און רײַסט עפּל פון אַ פרעמדן גאָרטן!..

און די מאַכשייפע שטייט איבער איר און לייגט צו מיט איר מאַנצבלשער שטימ:

— שמײַסן דאַרפ מען אים, אָט אַזאַ מעשומעד! קאַטעוועס! גנאָטעוועס, בלוט זאָל גיין! אַ ייִנגל זאָל וויסן דאָס אַנדערע מאָל, וויִאַזוי צו זײַן אַ ג...

די מאַמע דערלאָזט נישט אַרויסזאָגן דאָס וואָרט „גאַנעוו".

— ער איז אַ יאָסעמ! נעבעך אַ יאָסעמ! — טײַנעט די מאַמע צו דער דויפּעטע און קושט איר אין די הענט אַרײַן און בעט בא איר, אַז זי זאָל מיר מויכל זײַן, אַז מער וועט דאָס שוין ניט זײַן! זי שווערט איר מיט קאָל האַשוועס שעבאָוילאָמ[1], אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, אַניט — זאָל זי אָדער אַליין שטאַרבן, אָדער זי זאָל, כאָלילע, מיך באַגראָבן!..

— לאָז ער שווערן, אַז ער וועט שוין מער אַפילע ניט אַרײַנ־קוקן צו מיר אין גאָרטן אַרײַן! — פּאָדערט די דויפּעטע מיט איר מאַנצבלשער שטימ אָן אַ קאָפּ דאַכמאָנעס צו אַ יאָסעמ.

— לאָז מיר אָפּדאַרן די הענט! לאָז מיר אַרויס די אויגן! — זאָג איך און גיי מיט דער מאַמען אַה״ים און הער אויס איר מוסער מיט איר וויינען, און צעווײַנ מיך אַליין אויך גאַנץ געשמאַק.

— איך פרעג דיך נאָר, וואָס וועט פון דיר זײַן? — פרעגט מיך די מאַמע מיט טרערן, און שטעלט מיר צו אַ בענקעלע פאַר מײַן ברודער עליע. מײַן ברודער עליע הערט אויס די מײַסע מיט די עפּל און ווערט בלאַס. אַפּאָנעמ, פאַר קאַס. די מאַמע דערזעט, אַז ער איז אויסער זיך. זי האָט מוירע, ער זאָל מיך ניט שלאָגן. זי דוימט אים אײַן אַ סאָד, ער זאָל מיך ניט שלאָגן, וואָרעמ איך בין אַ יאָסעמ.

— ווער טשעפּעט אים? — זאָגט מײַן ברודער עליע — איך בין נאָר אַ באַלן וויסן, וואָס וועט זײַן פון אים? וואָס וועט זײַן פון אים?!!

אַזוי זאָגט מײַן ברודער עליע און קריצט מיט די ציין און קוקט אַפּ מיר, איך זאָל אים זאָגן, וואָס וועט זײַן פון מיר? איך וויים, וואָס וועט זײַן פון מיר? עפּשער ווייסט איר, וואָס וועט זײַן פון מיר?

---

1 געמיינט: מיט קאָלערליי שווועס.

נו? וואָס זאָגט איר אַפּ אײַער טאַכשיט?

IV

מײַנ ברודער עליע האָט כאסענע

א

מאזלטאָוו! איר ווייסט? מײַנ ברודער עליע האָט כאסענע!

וויי-וויי, וואָס סע טוט זיכ! עס קאָכט די שטאָט. די וועלט וויגט זיכ! אזוי זאָגט אונדזער שכיינע, פעסיע די גראָבע. זי זאָגט, אז עס וועט זײַנ א געהויבענע כאסענע. אזא כאסענע, זאָגט זי, איז שוינ לאנג ניט געווענ בא אונדז אינ שטאָט!

וואָס איז די מײַסע? נאָר מיצאד ראכמאָנעט. מאכמעס די מאמע איז אנ אלמאָנע אונ דער כאָסנ איז א יאָסעם. אונ א ביסל איז טאקע צוליב זכוס-אָוועס[1]. דעם טאטנס נאָמענ! דער טאטע, אָלעוו-האשאָלעמ, האָט איבערגעלאָזט א שיינעמ נאָמענ! פארנ לעבנ האָט מענ עפעס ניט געהערט, עמעצער זאָל פונ אים אזוי שטארק ריידנ. איצט, נאָכנ טויט, איז פייסי דער כאזנ געהייכט אונ געקרוינט. סאקאָנעס-נעפאָשעס! איכ הער, וואָס מענטשנ זאָגנ דער מאמע מײַנער. זיי זאָגנ איר, אז דער מעכוטנ איז ניט קראנק צו נעמענ אפ זיכ אלע הוי-צאָעס אונ נאָכ עפעס צוצאָלנ אויכ. ער טאָר ניט פארגעסנ, זאָגנ זיי, אז ער נעמט פייסי דעמ כאזנס זונ פאר א כאָסנ! מײַנ ברודער עליע הערט דאָס. ער פארשעמט זיכ, גלעט זיכ דאָס בערדל, ווי א גרויסער, ווי א מאנצבל. ער איז שוינ א מאנצבל. ערשט אָט דאָ ניט לאנג האָט זיכ אימ אָנגעהויבנ שיטנ א בערדל. געוויס איז דאָס אימ געקומענ פונ רייכערנ. פונ זינט דער טאטע איז געשטאָרבנ, האָט ער אָנגעהויבנ רייכערנ. די ערשטע צײַט האָט ער זיכ געמו-טשעט, פלעגט זיכ פארהוסטנ. איצט פארציט ער זיכ שוינ אונ קענ ארויסלאָזנ דעמ רויכ דורכ דער נאָז. א טײַערע מעציע! איר מיינט, אז איכ קענ דאָס ניט? די גאנצע צאָרע, וואָס איכ האָב ניט קיינ טיטונ! רייכער איכ פאפיר, רייכער איכ שטרוי, רייכער איכ דער רועכ ווייסט וואָס. איז געוואָר געוואָרנ דערפונ מײַנ ברודער עליע. האָט ער מיר געגעבנ! ער מעג, אונ איכ טאָר ניט! בײַשער איכ בינ נאָכ ניט אלט קיינ גאנצע נײַנ יאָר, אימקיינ[2] וואָס בינ איכ שול-דיק? איכ האָב אימ געגעבנ דאָס וואָרט, איכ האָב אימ געשוואָרנ

1 די פארדינסטנ פונ די עלטערנ.

2 אויב אזוי.

בא א כומעש, אז אנ עק, מער רײַכער איכ ניט. ווי מײנט איר, לאנג האָב איכ געהאלטנ וואָרט? איכ בעט אײַכ, ווער רײַכערט ניט הײַנטיקע צײַטנ?

ב

באלד וועט זיכ איבערקערנ די וועלט. אזוי זאָגט פעסיע, אונדזער שכיינע. זי איז געקומענ צו גײנ פונעם מעכוטנ א געקאָכטע. ס'איז א מיִעסע מײַסע. דער מעכוטנ איז געוואָר געוואָרנ, אז דער כאָסנ (מײַנ ברודער עליע) האָט ניט דעם זײגער. דער זײגער איז געווענ א גוטער זײגער, אנ עמעסער א זילבערנער זײגער. דאָס האָט אימ דער מעכוטנ געקויפט א מאטאָנע. ווו איז אהינגעקומענ דער זײגער? ער האָט אימ, כאָלילע, ניט פארשפילט אינ קאָרטנ. ער האָט אימ פארקויפט אונ דאָס געלט אויסגעגעבנ אפ דאָקטוירימ אונ רעפועס. ער האָט געוואָלט ראטעווענ דעמ טאטנ — וואָס קומט אימ דערפאר? אזוי האָט געטײַנעט פעסיע. דער מעכוטנ איז אָבער א פראָסטער ייִד. ער פרעגט, וואָס געהער זיכ אָנ א פרעמדער טאטע צו זײַנ זײגער? ער איז ניט מעכויעוו, זאָגט ער, מיט זײַנע זײגערס אויסצוהאלטנ פרעמדע טאטעס. פונעמ זײגער איז שוינ בא אימ געוואָרנ „זײגערס“ אונ פונעמ טאטנ — „טאטעס“! פעסיע זאָגט, אז פונ א כאזערשנ עק קאָנ מענ קײנ שטרײַמל ניט מאכנ!.. דאָס מײנט זי אונדזער מעכוטנ. ער איז א פראָסטער נעפעש. א בעקער איז ער אונ הײסט יוינע דער בײגלבעקער. ער באקט בײגל. „איר מעגט שוינ ליגנ אינ דער ערד אונ באקנ בײגל“. אזוי זאָגט אימ פעסיע, מיסטאמע אפ קאטאָװעס. אונ עפשער מײנט זי טאקע אפדערעמעסנ? איכ פארשטײ ניט, וויאזוי קאָנ מענ ליגנ אינ דער ערד אונ באקנ בײגל: ווער וועט זײ דאָרטנ קויפנ?.. ער איז א ייִד א נאָגיד, אונדזער מעכוטנ. פעסיע דרינגט, אז ער איז אנ אדיר[1]! זי זאָגט אימ אינ די אויגנ, אז ווענ זי פארמאָגט האלב פונ אימ, טוט זי מיט אימ קײנ שידעכ ניט. זי האָט פײַנט א כאזער. ער מוז אָפשווײַגנ, וואָרעמ צו איר, אז מע פאלט ארײַנ, איז דאָס נעסטע — שווײַגנ. ער איז שוינ מויכל דעם כאָסנ דעמ זײגער, אבי לאָז דאָס האָבנ א סאָפ. זאָגט אָבער פעסיע, אז זי איז ניט מויכל. זי וויל, ער זאָל קויפנ דעמ כאָסנ א נײַעמ זײגער. עס פאסט ניט, זאָגט זי, א כאָסנ זאָל גײנ צו דער כופע אָנ א זײגער. טײַנעט ער: וואָס פאר א שײַכעס האָט זי מיט

---

1 א שטארק רײַכער.

זײַנ כאָסנ? זאָגט זי: עס האָט א שײַכעס. דערפאַר, וואָס דער כאָסנ איז פייסי דעמ כאזנס א זונ, און ער, יוינע דער בייגלבעקער, איז ביידע זאכנ: אי א נאָגיד, אי א כאזער. פאַרדוויסט דאָס אימ, טוט ער א קלאפּ מיט דער טיר און זאָגט: „לאָז דאָס גיינ אינ דער ערד אריַינ!" זאָגט אימ פּעסיע: „אפּ גיינ אינ דער ערד אריַינ זײַט איר בילכער — איר זײַט א בעקער!"...

די מאמע האָט שטארק מוירע, טאָמער כאָלילע שיקט ער אָפּ די טנאָיִמ. זאָגט איר פּעסיע, זי זאָל שלאָפנ רויִק: א יאָסעמ שיקט מענ נישט אָפּ קיינ טנאָיִמ. איר מיינט, ווער האָט אויסגעפירט? מיר! דער מעכוטנ האָט געקויפט דעמ כאָסנ (מײַנ ברודער עליע) א נײַעמ זייגער, אויכ א זילבערנעמ. נאָכ א בעסערנ פונ יענעמ. דער מעכוטנ האָט אימ אליינ געבראכט צו טראָגנ. אוי, ווענ איכ האָב אזא זייגער! וואָס, מיינט איר, וואָלט געווענ? קוידעמ וואָלט איכ ארויסגענומענ די געדערימ און דערגאנגענ דעמ סייכל, פארוואָס א זייגער גייט. און נאָכדעמ? נאָכדעמ ווייס איכ שוינ, וואָס ס'וואָלט געווענ. די מאמע ווינטשעוועט אימ, דעמ מעכוטנ, ער זאָל דערלעבנ אימ קויפנ א גאָלדענעמ זייגער. דער מעכוטנ ווינטשעוועט איר אָפּ צוריק, זי זאָל דערלעבנ כאסענע מאכנ דעמ מעזיניק. דאָס מיינט מענ מיכ. איכ בינ צופרידנ אפילע הײַנטיקנ טאָג, אבי א זייגער. די מאמע גלעט מיכ און זאָגט, אז עס וועט נאָכ גענוג וואסער איבערלויפנ, און בעשאַס-מײַסע זײַנענ איר די אויגנ נאַס. איכ פארשטיי ניט, וואָס דארפ לויפנ אזויפיל וואסער, איידער איכ גיי כאסענע האָבנ, און וואָס דארפ מענ דערבײַ וויינענ? וויינענ איז בא איר א וואָכעדיקער גאנג. און דאָס מוז זי אלע טאָג. וויינענ איז בא איר, ווי, לעמאָשל, בא אײַכ דאווענ, אָדער עסנ. דער שנײַדער האָט אָפּגעבראכט דעמ כאָסנ די מאלבושימ, וואָס דער מעכוטנ האָט באשטעלט — דארפ זי וויינענ. פּעסיע האָט איר אָפּגעבאקנ לעקעכ צו דער כאסענע — דארפ מענ וויינענ. מאָרגנ אינ דער צײַט איז די כופּע — ווידער געוויינט! איכ פארשטיי ניט, פונוואַנענ נעמענ זיכ בא מענטשנ אזויפיל טרערנ?..

ג

עס גיט זיכ אויס אמאָל א טאָג — א גאנ־יידנ! אינ דרויסנ איז כאָצע-עלעל[1], און טאקע כאָצע-עלעלדיק. די זונ בראָט ניט אפּ

---

1 אינ העלפט כוידעש עלעל (אנ ערעכ סאָפ אווגוסט).

צו שוויצן, אפ צו וועלן באָדן זיך. זי ווארעמט און גלעט און קושט אזוי ווי א מאמע. דער הימל איז אויסגעצוואָגן שאבעסדיק. דער גאנצער אינדרויסן פרייט זיך, וואָס מײַן ברודער עליע האָט כאסענע. גאנצ פרי האָט זיך אויסגעשטעלט א יאריד אין שטעטל. וויבאלד א יאריד, מוז איך דאָרטן זײַן. איך האָב ליב א יאריד דאָס כּיעס. יידן לויפן ארום, ווי פארסאמטע מײַז. שוויצן, שרײַען, פילדערן זיך, רײַסן די גויִים פאר די פּאָלעס, גייען אויס לייזן געלט — א טעאטער מיט זיי! און די גויִים האָבן צײַט; זיי גייען דאפקע פּאוואָליע, די היטלען ארוף, קוקן, טאפן, קראצן זיך, דינגען זיך, ווילן האנדלען מעציִעס. גויעס מיט מעשונע-מאָדנע שלייערס, מיט ברייטע אָפענע פאזוכעס, מע זעט ארויס די בריסט. אין די פאזוכעס כאפּן זיי ארײַן אמאָל, אז מע זעט ניט, א שטיקל סכוירע. יידן ווייסן שוין, קוקן מיט אויגן. אז מע דערזעט, טרייסלט מען אויס, און עס ווערט א כאסענע. אמאָל מאכט זיך, אז אן ארײלעס[1] קויפט א ליכטל אין קלויסטער ארײַן און פארשטעקט דאָס אין שלייער. יונגעלײַט האָבן ניט וואָס צו טאָן, ווילן זיך מאכן א שטיקל יאָמטעוו, ציִנדן זיי איר אָן שטילערהייט דאָס ליכטל. אלע קוקן אפ דער ארײלעס און לאכן. די ארײלעס ווייסט ניט, וואָס די יידן לאכן. הייבט זי אָן צו שעלטן אלע יידן מיט טויטע קלאָלעס. לאכט מען נאָך מער. אמאָל ווערט דערפון א געשלעג צווישן גויִים און יידן. איך זאָג אײַך — מע דארף נישט קיין טעאטער!.. שענער פון אלץ איז די „קאָנע". ווייסט איר, וואָס דאָס הייסט? דאָס איז דער פערד-מארק. דאָרט קויפט מען און מע פארקויפט פערד. דאָרט זעט איר פערד, ציגײַנער, בײַטשן, יידן, גויִים און פריצים. דער טומל איז דאָ כוצ לעדערעכ האטעווע, מע קאָן טויב ווערן. די ציגײַנער שווערן זיך, יידן פאטשן איבער די הענט, פריצים קנאקן מיט די בײַטשן און פערדלעך לויפן אהין און אהער פײַל אויסן בויגן. איך האָב ליב צו קוקן, ווי פערדלעך לויפן, און ווער שמועסט לאָשעקלעך! איך גיי אויס, איך שטארב נאָך א לאָשעקל! און נישט נאָר קליינע לאָשעקלעך האָב איך ליב — אלצדינג, וואָס איז קליין: קליינע הינטלעך, קליינע קעצלעך. איר ווייסט? אפילו אוגערקעלעך קליינינקע, קארטאָפל יונגיטשקע, ציבעל-קעלעך, קנעבעלעך — אלץ, וואָס קליין איז ליב. אכוצ כאזיירימלעך. כאזיירים האָב איך פײַנט אפילו קליינערהייט... איך קער מיך אום צו די פערדלעך. די פערד לויפן. די לאָשעקלעך לויפן נאָך די

[1] א שאָוויניסטישער צונאָמען פאר א ניט-יידישער פרוי.

פערד. איך לויף נאָך די לאָשעקלעך. אַלע לויפֿן ביר. אַף לויפֿן בין איך א פֿײַער. איך האָב זייער גרינגע פֿיס. דערנאָך גיי איך באָרוועס און זייער לײַכט זינגענדיק: א העמדל, איינע הויז, און פֿון אויבן א סיצן אַרבע-קאַנפֿעסל[1]. אַז איך לויף אַראָפּ א באַרג, און ס'איז א ווינטל, און די ציצעס צעפֿלאָקערן זיך, מאָלט זיך מיר אויס, אַז איך האָב פֿליגל און איך פֿלי.

— מאָטל! גאָט איז מיט דיר! שטיי א ווײַלע!

אַזוי שרײַט צו מיר פּעסיעס מאַן, מוישע דער אײַנבינדער. ער לויפֿט פֿונעם יאַריד אַהיים מיט א פּאַק באַוול-פּאַפּיר. איך האָב מוירע, ער זאָל מיר ניט צושטעלן א בענקעלע פֿאַר דער מאַמען, און איך זאָל ניט כאַפּן קיין פּסק פֿון מײַן ברודער עליע. איך הער אויף צו לויפֿן, גיי צו פּאַמעלעך מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן צו דער ערד שטיינער מאַן. ער לייגט אַף דאָס פּעקל פּאַפּיר, ווישט זיך מיט דער פּאָלע דעם שווייס און זאָגט מיר מוסער:

— ווי שעמסטו זיך דאָס ניט א יינגעלע א יאָסעם דרייען זיך צווישן ציגײַנערס און לויפֿן משוגענערהייט מיט אַלע פֿערד? און נאָך אין אַזאַ טאָג! שוין באַלד די כופּע בא דײַן ברודער — דאָס ווייסטו? קום אַהיים!

ד

— ווו ביסטו געווען? א דונער איז מיר!

אַזוי זאָגט צו מיר די מאַמע מיט א פּליעסק מיט די הענט און באַטראַכט מײַן צעריסן היטל, מײַנע צעבלוטיקטע פֿיס און מײַן פֿאַרפּלאָמטע, פֿאַרשוויצטע פּנים. לאַנג לעבן זאָל מוישע דער אײַנבינדער. קיין וואָרט האָט ער ניט דערציילט פֿאַר קיינעם. די מאַמע וואַשט מיך אַרום, טוט מיר אָן א פּאָר נײַע הייזלעך מיט א קאַשקעטל צו דער כאַסענע. די הייזלעך זײַנען געמאַכט געוואָרן, איך ווייס ניט פֿון וואָסער א מאַטעריע: אַז מע שטעלט זיי אוועק, שטייען זיי, און אַז מע גייט, שרײַען זיי. מאָדנע הייזלעך!

— אַז דו וועסט צערײַסן אָט-אָ די הייזלעך, איז שוין עק וועלט!

אַזוי זאָגט די מאַמע, און איך מיין אויך אַזוי. אַזעלכע הויזן קאָנען זיך שוין ניט צערײַסן. כאָטש מע זאָל זיי צעברעכן. דאָס קאַשקעטל איז גאָר פֿון די אַנטיקן, און א דאַשעקל האָט דאָס א שוואַרצס, א

1 א פֿירעקיק שטיקל צײַג, אין אַלע פֿיר עקן זײַנען אײַנגעפֿלאָכטן ציצעס (וואָלענע פֿעדעם), וואָס רעליגיעזע יידן טראָגן אונטער די אייבערשטע קליידער.

גלאַנצנדיקס. אַז עס הערט אויף צו גלאַנצן, באַשפּײַט מען דאָס, הייבט דאָס אָן אָפּסנײַ צו גלאַנצן. די מאַמע קוקט אויף מיר און קוועלט, און טרערן קײַקלען זיך אויף אירע געקנייטשטע באַקן. איר ווילט זיך זייער, אַז איך זאָל אויף דער כאַסענע אויסנעמען. זי זאָגט צום כאָסן:

— עליע! ווי מיינסטו? איך וועל מיט אים נישט פֿאַרשעמט ווערן?

ער גייט אָנגעטאָן, קיין אײַנאָרע, ווי אַ מאָנאַרכס אַ קינד.

מײַן ברודער עליע באַטראַכט מיך, גלעט זיך דאָס בערדל און קוקט אויף מײַנע פֿיס. איך ווייס, וואָס באַדײַט זײַן קוקן. ער קוקט, וואָס דעם „מאָנאַרכס קינד" גייט באָרוועס... די מאַמע פֿאַרשטייט אויך זײַן קוק, נאָר זי מאַכט זיך ניט וויסנדיק... אַליין גייט זי אָנגעטאָן אין אַ מאָדנע געל מאַלבעש, וואָס איך האָב עס אויף איר קיינמאָל נישט געזען. דאָס מאַלבעש איז אויף איר מעגושעם ברייט. איך וואָלט געקענט שווערן, אַז איך האָב עס אַמאָל געזען אויף אונדזער שכיינע פּעסיע... דערפֿאַר טראָגט זי אויפֿן קאָפּ אַ זײַדענע פּאַטשיילע, אַ שפּאָגל-נײַע, נאָך מיט אַלע קנייטשן. דעם קאָליר פֿון דער פּאַטשיילע איז שווער צו באַשרײַבן. מע קאָן זאָגן ווײַס, מע קאָן זאָגן געל, מע קאָן זאָגן ראָז — עס ווענדט זיך אָן דער צײַט. באַטאָג איז דאָס העל-ראָז, פֿאַרנאַכט קוקט דאָס אויס געלבלעך, און באַנאַכט — ווײַס. גאַנץ פֿרי מאַכט זיך עס אויס גרינלעך, און אַמאָל, אַז מע קוקט זיך שטאַרק אײַן, פֿאַלט דאָס גאָר אַרײַן אין „אַנטיק-מאָרע", דאָס הייסט: העל-רויטלעך-בלוי-טונקל-גרין-פּאָפּעליאַטע. זאָגן אויף דער פּאַטשיילע אַ כיסאָרן קאָן מען ניט, וואָרעם ס'איז אַ זעלטענע פּאַטשיילע. נישט מער, אויף דער מאַמע זעט זי אויס פֿרעמד, שטאַרק פֿרעמד. עפּעס קלעפּט זיך ניט די פּאַטשיילע צום פּאָנעם. די פּאַטשיילע איז פֿאַר זיך, און דאָס פּאָנעם איז פֿאַר זיך. אַ ווײַבערשע פּאַטשיילע איז ווי, לעהאַווdl, אַ מאַנצבילש היטל. דאָס היטל מיטן פּאָנעם באַדאַרפֿן זיך פּאָרן, זײַן ווי צונויפֿגעגאָסן. אָט, לעמאָשל, מײַן ברודער עליע. ער גייט אָנגעטאָן אַ קאַרטוזל, איז דאָס ווי אויסגעוואַקסן בײַ אים אויפֿן קאָפּ. די פּייעס האָט מען אים אינגאַנצן אָפּגעשאָרן, און ניט נאָר אָפּגעשאָרן, נאָר אָפּגעגאָלט. אַ מאַנישקע האָט ער אָנגעטאָן אַ ווײַסע מיט אַ האַרטן קאָלנער, מיט אָפּגעלייגטע שפּיצן. און אַ שניפּסל האָט ער געקויפֿט אַ ווײַס מיט רויטע, גרינע און בלויע פּינטעלעך. אַ רײַכער שניפּס! שטיוול מיטן גלאַנץ און מיטן סקריפּ און אויף שטאַרק הויכע אָפּצאַסן — ער זאָל אויסזען אַ ביסל העכער. עס וועט אים אָבער העלפֿן, ווי אַ טויטן באַנקעס: ער איז זייער קליין געוואַקסן. ער איז ניט אַזוי קליין, ווי זי איז גרויס און הויך און מאַנצבילדיק, און ברייט און ראַ-

בעטינע, און אַ שטימע האָט זי אַ מאנצבלשע. איך רייד פון דער קאַלע, פון יוינע דעם בעקערס טאָכטער. בראָכע הייסט זי. אַ פאַר-געניגן געווען: צו זען דאָס פּאָרל אונטער דער כופּע. איך האָב קיין צייַט ניט צו קוקן אַפן כאָסן-קאַלע. איך בין פאַרנומען. איך דאַרף זען די קלעזמער. און ניט אַזוי די קלעזמער, ווי זייערע קיילים. מער ווי אַלץ — דעם קאָנטראַבאַס מיטן קעסל-פּויק. שיינע צוויי קיילים! דער כיסאָרן, וואָס מע קאָן ניט צוגיין נאָענט אַ פּרווו טאָן די קיילים. באַלד עפּעס גיבן זיי איבער די הענט, אָדער דרייען אייַך אָן אַן אויער. דער רועכ כאַפּט זיי אוועק, טאָמער רירט איר זיך צו מיט אַ פינגער! איר וועט זיי אָפּבייַסן! אַכ, ווען זי מאַמע זאָל זייַן אַ גוטע מאַמע, וואָלט זי מיך געמאַכט פאַר אַ קלעזמער. איך ווייס אָבער, אַז זי וועט דאָס ניט וועלן. ניט מאַכמעס זי איז אַ שלעכטע, נאָר מאַכמעס די וועלט וועט ניט דערלאָזן, אַז פּייסי דעם כאַזנס יינגל זאָל זייַן אַ קלעזמער. ניט קיין קלעזמער און ניט קיין באַל-מעלאָכע. מע האָט שוין געערעדט דערפון ניט איין מאָל, וואָס וועט זייַן פון מיר דער טאַכלעס. די מאַמע, מייַן ברודער עליע, אונדזער שכיינע פּעסיע און איר מאַן, מוישע דער אייַנבינדער. ער האָט כיי-שעק מיך נעמען צו דער אַרבעט. טערלאָזט ניִשט פּעסיע. זי זאָגט, אַז פּייסי דער כאַזנ, אָלעוו-האַשאָלעם, האָט ניט פאַרדינט, אַז זייַן זון זאָל זייַן אַ באַלמעלאָכע... איך האָב מיך פאַרעדט און גאָר פאַר-געסן פון דער כאַסענע. ס'איז שוין לאַנג נאָך דער כופּע. מע גרייט שוין צום טיש. ווייַבער און מיידלעך טאַנצן אַ קאַדריל. איך האָב מיך אַרייַנגעפּלאָנטעט מיט מייַנע הילצערנע הויזן אינמיטן. די, וואָס קוקן, ווי מע טאַנצט, האָבן מיך גענומען וואַרפן איינער צום אַנדערן, ווי אַ מיאַטש. „וואָס איז דאָס פאַר אַ פּריטשעפּע?״ זאָגט איינער. „עפּעס אַ שלימאַזל!״ זאָגט דער אַנדערער. „אַ רעשטל צו די צאָ-רעס!״ זאָגט אַ דריטער. דערזעט אונדזער שכיינע און צעשרייַט זיך: (זי איז שוין הייזעריק ווי די וואַנט):

— צי איר זייַט מעשוגע, צי כאָסער-דייע, צי מוטייר, צי גע-ווירט, צי פונעם זינען, צי ניט באַ אַלע געדאַנקען? דאָס איז דאָך דעם כאַסנס ברודערל!!!..

אַהאַ! עס האָט זיי גענומען! אַוואַדע האָט מען מיך אוועקגעזעצט באַם טיש גלייַך מיט קאַלעס צאַד. און ווייסט איר, מיט וועמען מע האָט מיך באַזעצט? אַז איר וועט זייַן מיט אַכצן קעפּ, וועט איר אויך ניט טרעפן! מיט דער קאַלעס שוועסטערל. יוינע דעם בעקערס קליין טעכטערל. אַלטע הייסט זי. זי איז עלטער פון מיר סאַכאַקל

א פארגעניגן געווען צו זען דאָס פּאָרל אונטער דער כופּע.

מיט איין יאָר און טראָגט צוויי צעפּלעך, צונויפגעבונדן פון אונטן מיט א סטענגעלע, און זעען אויס, ווי א געפלאָכטענער בייגל. איך און אלטע עסן פון איין טעלער ניט ווײַט פון כאָכן-קאלע. דער כאָסן, מײַן ברודער עליע, קוקט אף מיר, איך זאָל זיצן ווי א מענטש, איך זאָל עסן מיט א גאָפּל און זאָל ניט כאפּן און זאָל אכטונג געבן אף דער נאָז. איר ווייסט, וואָס איך וועל אײַך זאָגן? איך האָב קיין האנאָע ניט פון דער וועטשערע. איך האָב פײַנט, אז מע קוקט אף מיר. צו די אלע זאכן טראָגט אָן דער גוטער-יאָר אונדזער שביינע פעסיע.

— זאָלט איר זײַן געזונט! — שרײַט זי מיט אלע קויכעס צו דער מאמע. — טוט נאָר א קוק אהער. פארוואָס זאָל ניט זײַן קיין שידעך? א זיווגע מין האשאָמאַים[1]!

אף איר הייזעריקן געשריי קומט אָן דער מעכוטן, יוינע דער בעקער, אָנגעטאָן שאבעסדיק, און עס ווערט א שמועס, אז איך און אלטע זײַנען כאָסן-קאלע. יוינע דער בעקער לאַכט מיט א האלבן מויל. דאָס הייסט: די אייבערשטע ליפּ בא אים לאכט, די אונטערשטע וויינט. דער גאנצער אוילעם קוקט אף אונדז. מיר ביידע, איך און אלטע, לאָזן אראָפּ די אויגן אונטערן טיש און שטיקן זיך פאר געלעכטער. ביכדיי איך זאָל ניט אויסשיטן, האלט איך מיך צו בא דער נאָז און בלאָז מיך אָן ווי א פּאָכיר. נאָך א מינוט וועט דער פּאָכיר פּלאצן, און ס'וועט זײַן א סקאנדאל. א גליק, וואָס די קלעזמער טוען א זעץ א שיינעם ניגן, א וואָלאָך. דער גאנצער אוילעם ווערט פארטראכט. איך הייב אוף דעם קאָפּ און דערזע די מאמע מיטן געלן פרעמדן מאלבעש און מיט דער זײַדענער פאטשייל. זי טוט דאָס, וואָס אלעמאָל: זי וויינט! איר ווייסט ניט, זי וועט אמאָל אופהערן צו וויינען?..

V

איך האָב א רײַכע שטעלע

א

די מאמע האָט מיר אָנגעזאָגט א בסורע, אז איך האָב שוין א שטעלע נישט כאָלילע בא א באלמעלאָכע — אירע סאָנימ, זאָגט זי, וועלן דאָס ניט דערלעבן, אז פייטי דעם כאזנס זון זאָל זײַן א באל-

1 א פּאָר פון גאָט באשערט.

מעלאָכע. מײַנע שטעלע, זאָגט זי, איז א רײַכע שטעלע, א גרינגע שטעלע. א גאנצן טאָג וועל איך גיין אין כײדער, אין טאלמוד-טוירע[1] הײסט עס, און באנאכט וועל איך גיין שלאָפן צום אלטן לוריא. דער אלטער לוריא איז א גרויסער גוויר, זאָגט זי. ער איז נאָר א קראנ-קער, דאָס הײסט, אזוי איז ער געזונט, עסט און טרינקט און שלאָפט, נאָר ניט באנאכט. באנאכט קאָן ער ניט שלאָפן. קײן אײן אויג מאכט זיך אים נישט צו. האָבן די קינדער מוירע אים לאָזן אײנעם אלײן באנאכט. דארף מען האָבן א מענטש זאָל זײַן מיט אים. עס מעג זײַן א קינד, אבי א מענטש. אוועקזעצן צו אים אן אלטן ייִדן פאסט נישט. א קינד — גאָרנישט, עלעהײ א קעצל. פינף רובל א וואָך האָבן זײ צוגעזאָגט, און וועטשערע פאר דיר אלע פארנאכט, ווען דו קומסט פון טאלמוד-טוירע (אזוי זאָגט מיר די מאמע מײַנע). א גוטע וועטשערע, א נעגידישע. וואָס בא זײ פאלט אראָפ, קאָן עס זײַן גענוג פאר אונדז אלע. גײ, מײַן קינד, אין כײדער, פארנאכט וועסטו קומען, וועל איך דיך אָפפירן אהין. וועסט נישט האָבן קײן שום ארבעט. א נעגידישע וועטשערע און א געלעגער אויך א גוטן. און פינף רובל א וואָך. איך וועל דיר מאכן א פאָר מאלבושימלעך, שטיוועלעך דיר קויפן.

דאכט זיך, גוט — איאָ? וואָס זשע דארף מען װײנען? קאָן זי אָבער אנדערש ניט, די מאמע מײַנע. װײנען מוז זי!

ב

אין טאלמוד-טוירע גײ איך דערווײַל אזוי. לערנען לערן איך ניט. נישטאָ פאר מיר קײן קיטע[2]. העלף איך דער רעבעצן אין שטוב און שפיל מיך מיט דער קאץ. דער רעבעצנס ארבעט איז ניט קײן שווערע ארבעט. אויסקערן די שטוב, העלפן ארײַנטראָגן האָלץ, גײן א גאנג — ס׳איז בלאָטע, ס׳איז ניט קײן ארבעט. אבי ניט לערנען. לערנען איז ערגער. דערפאר אָבער די קאץ — א סאך מער אײַנגענעם. א קאץ, זאָגט מען, איז א טאָמע[3]. איך זאָג: ס׳א ליגן. א קאץ איז א רײנע כײַע. א קאץ, זאָגט מען, איז א מאזיק. איך זאָג: ס׳א ליגן. א קאץ איז א צוגעלאָטע זאך. א הונט האָט אין זיך כניפע, א הונט דרײט מיטן עק. א קאץ לאשטשעט זיך, און אז מע גלעט

1 א רעליגיעזע שול פאר אָרעמע קינדער.

2 א גרופע אין כײדער.

3 אומרײן (אין רעליגיעזן זין).

זי איבערן קעפּל, מאכט זי צו די אייגלעך און הייבט אָן מורקען. איך האָב ליב א קאַץ, — וואָס קומט מיר דערפאַר? רעדט זשע אָבער מיט זיי, מיט מײַנע כאַוויירים, וועלן זיי אײַך דערציילן טויזנט מײַ־סעס. אז מע האלט א קאַץ, דאַרף מען וואַשן די הענט. אז מע האלט א קאַץ, שאַט צום זיקאָרן. זיי ווייסן שוין ניט וואָס אויסצוטראַכטן. זיי האָבן א טעווע — לאָזן צוגיין צו זיי די קאַץ, דערלאַנגען זיי איר א שנײַד מיטן פוס אין זײַט אַרײַן. איך קאָן ניט זען, ווי מע שלאָגט א קאַץ. לאַכן זיי פון מיר. בא זיי איז גיטאָ קיין צאַר־באַלעכאַיִם. איך רייד פון די קינדער, וואָס מיט מיר אין טאַלמוד־טוירע. זיי זײַנען ראָצכים. פון מיר לאַכן זיי. זיי רופן מיך: „די הילצערנע הויז", און מײַן מאַמע — „די קלאָגעדיקע", ווײַל זי וויינט שטענדיק.

— אָן גייט דײַן קלאָגעדיקע מאַמע! — זאָגן זיי צו מיר.

דאָס איז זי געקומען מיך אָפּנעמען פון כיידער און אָפּפירן אַפּ מײַן רײַכע שטעלע.

ג

אַפּן וועג באַקלאָגט זיך די מאַמע, אז איר איז ביטער און פינצ־טער (ביטער אליין איז קאַרג). גאָט האָט איר געגעבן צוויי קינדער, און זי דאַרף זײַן אליין. מײַן ברודער עליע האָט, זאָגט זי, כאַסענע געהאַט, קיין אײַנאָרע, זייער גוט, אַרײַן אין א שמאַלץ־גרוב. איז אָבער דער כיסאָרן, וואָס דער שווער איז א גראָבער יונג. א בע־קער, מישטיינס־געזאָגט. וואָס קאָן מען פאַרלאַנגען פון א בעקער? אזוי טײַנעט מיט מיר די מאַמע, און מיר קומען אַפּ מײַן רײַכער שטע־לע, צום אַלטן לוריא. דער אַלטער לוריא זיצט אין א קייזער־לעכן פּאַלאַץ. אזוי זאָגט די מאַמע. אין א קייזערלעכן פּאַלאַץ בין איך א באַלן זײַן. דערווײַלע זײַנען מיר אין קיך. איך און די מאַ־מע. אין קיך איז אויך ניט מיעס. דער אויוון איז ווײַס און גלאַנצט, און די קיילים גלאַנצן. און אַלצדינג גלאַנצט. מע בעט אונדז זיצן. עס קומט אַרויס א ווײַבל, אָנגעטאָן ווי א פּריצע. זי רעדט מיט דער מאַמע און ווײַזט אַפּ מיר. די מאַמע שאָקלט צו מיטן קאָפּ, ווישט אַלעמאָל די ליפּן און וויל ניט זיצן. איך זיץ דאָפּקע יאָ. די מאַמע גייט אוועק, זאָגט מיר אָן, איך זאָל זיך האַלטן ווי א מענטש. דער־בײַ כאַפּט זי דערווײַל א וויין און א וויש די אויגן. מאָרגן וועט זי קומען נאָך מיר און וועט מיך אָפּפירן, זאָגט זי, אין כיידער אַרײַן. מע גיט מיר עסן. יויך מיט קוילעטש (אינדערוואָכן קוילעטש!) און פליישׁ — א גוזמע פליישׁ! אָפּגעגעסן, הייסט מען מיר גיין אַרופּ. ווייס

איך ניט, וואָס הייסט „ארופ״? פירט מיך אָפּ די קעכנ. כאנע הייסט זי. זי איז א שווארצע מיט א לאנגער נאָז. מע פירט מיך ארופ אפּ די טרעפּ. די טרעפּ זײַנענ אויסגעבעט מיט ווייכנ. מיט באָרוועסע פיס איז א מעכײַע צו גיינ. ס׳איז נאָך ניט רעכט נאכט, אונ בא זיי ברענענ שוינ לאָמפּנ. אָנ א שיד לאָמפּנ. די ווענט זײַנענ אויס־געקלעפּט מיט צאצקעס אונ מיט מענטשעלעכ. די שטולנ זײַנענ בא־דעקט מיט לעדער. די סטעליע איז צעמאָלט, ווי לעהאוודל אינ בעס־מעדרעש. נאָכ שענער ווי אינ בעסמעדרעש. מע האָט מיך ארײַנגע־פירט אינ א גרויסנ אלקער. דער אלקער איז אזוי גרויס, אז ווענ איך זאָל זײַנ איינער אליינ, וואָלט איך געלאָפּנ פונ איינ וואנט ביז דער אנדערער, אָדער איך וואָלט מיך גאָר אנידערגעלייגט אונ געקאטשעט זיך אפּ דער סאמעטענער קאָלדרע, וואָס איז אויסגעשפּרייט איבער דער גאנצער ערד. אפּ אזא קאָלדרע דארפ זײַנ ניט שלעכט צו קא־טשענ זיך. שלאָפנ דארפּ זײַנ אויכ נישקאָשעדיק.

ד

א שיינער ייִד, א הויכער, מיט א גרויענ באָרד, מיט א ברייטנ שטערנ, א זײַדענער כאלאט, א יארמעלקע פונ גאָלע סאמעט, שטעק־שיכ אפּ די פּיס, אויכ פונ סאמעט מיט בליטשקע אויסגענייט, — אָט דאָס איז דער אלטער לוריא. ער זיצט איבער א גרויסנ גראָבנ סיי־פער. זאָגנ זאָגט ער גאָרניט, נאָר ער קײַט די שפּיצנ פונעם באָרד. קוקט ארײַנ אינ סייפער, שאָקלט מיט א פוס אונ ברומט שטילער־הייט צו זיך אליינ. א מאָדנער ייִד אָט דער אלטער לוריא. איך קוק אפּ אים אונ טראכט: ער זעט מיך, צי ער זעט מיך ניט? ווײַזנ ווײַזט אויס, אז ניינ. ווארעמ קוקנ קוקט ער ניט, אונ געזאָגט האָט מענ אים גאָרניט. מע האָט מיך נאָר ארײַנגעלאָזט אהער אונ מע האָט פארשלאָסנ די טיר פונ יענער זײַט. פּלוצעמ רופּט זיך אָנ דער אל־טער לוריא, אונ קוקנ קוקט ער אלץ נאָך ניט אפּ מיר:

— קומט אהער, וועל איך אײַך ווײַזנ א שטיקל ראמבאמ[1].

צו וועמענ רעדט ער דאָס? צו מיר? מיר זאָגט ער „איר״? איך קוק מיך אומ אפּ אלע זײַטנ. אכוץ מיר איז נישטאָ דאָ קיינער. דער אלטער לוריא ברומט אויס נאָכאמאָל אפּ זײַנ גראָבער שטימ:

— קומט אהער, וועט איר זענ, וואָס דער ראמבאמ זאָגט!

---

1 א מיטלאלטערלעכער פילאָסאָפּ אונ ראבאָנישער געלערנטער (1135—1204), דאָ געמיינט זײַנס א ווערק.

איך בין אַ באַלן צוצוגיין צו אים גענט.

— מיך רופט איר?

— איך, איך, וועמען דען?

אַזוי מאַכט צו מיר דער אַלטער לוריא און קוקט אין גרויסן בוך אַרײַן, און נעמט מיך כּאַר אַ האַנט, און טײַטלט מיט איין פינגער, און גיט מיר צו פאַרשטיין, וואָס דער ראַמבאַם זאָגט. און וואָס ווײַטער, רעדט ער העכער און מיט אַלץ מער היץ. ער צעקאָכט זיך אַזוי שטאַרק, אַז ער ווערט אַזש רויט. ער דרייט מיטן גראָבן פינגער, און מיטן עלנבויגן דערלאַנגט ער מיר אַלע מינוט אין זײַט אַרײַן און מאַכט צו מיר:

— נו, וואָס זאָגט איר? איאָ, עס איז גוט?

ס'זאָל זײַן שטאַרק גוט — זע איך ניט. דעריבער שווײַג איך. איך שווײַג, און ער קאָכט זיך. ער קאָכט זיך, און איך שווײַג. עס הערט זיך אַ קלונג פון אַ שליסל פון יענער זײַט. עס עפנט זיך די טיר, און עס קומט אַרײַן די זעלבע, וואָס גייט פריציש אָנגעטאָן. זי גייט צו צום אַלטן לוריא און רעדט אים גלײַך אין אויער אַרײַן. אפשטעם, ער איז אַ טויבער. אַניט — וואָס דאַרף זי שרײַען? זי זאָגט אים, ער זאָל מיך אָפּלאָזן, וואָרעם איך דאַרף שוין שלאָפן. זי נעמט מיך צו פון זײַנע הענט און באַלייגט מיך אָפּ אַ סאָפע מיט „שפּרינגזינעס". דאָס בעטגעוואַנט איז ווײַס אַזוי ווי שניי. אַ קאָלדרע אַ זײַדענע, אַ ווייכע — טאַם גאַניידן! די, וואָס גייט פריציש אָנגעטאָן, דעקט מיך אײַן, גייט אַוועק און פאַרשליסט די טיר פון יענער זײַט. דער אַלטער לוריא גייט אַרום איבער דער שטוב, די הענט פאַרלייגט אַהינטער, קוקט אַראָפּ צו זיך אויף די שײנע שטעקשיך און ברומט, און באַמקעט, און מאַכט עפּעס מאָדנע מיט די ברעמען. מיר קלעפּן זיך די אויגן. איך וויל שלאָפן. פּלוצעם גייט צו צו מיר דער אַלטער לוריא און זאָגט מיר:

— דו ווייסט? איך וועל דיך אופעסן.

איך קוק אויף אים און פאַרשטיי ניט, וואָס ער זאָגט.

— שטיי אויף, איך וועל דיך אופעסן.

— וועמען? מיך?

— דיך! דיך! איך מוז דיך אופעסן! אַנדערש קאָן דאָס ניט זײַן!

אַזוי זאָגט דער אַלטער לוריא. ער גייט אַרום איבער דער שטוב, האַלט דעם קאָפּ אַראָפּ, די הענט אַרונטער, דעם שטערן פאַרקנייטשט. ער רעדט אָבער אַלעמאָל שטילער, צו זיך אַליין. איך הער זיך צו צו איטלעכס וואָרט. קוים וואָס איך כאַפּ דעם אָטעם. ער אַליין פרעגט

בא זיך און ענטפערט זיך אליין. אָט וואָס דער אלטער לוריא זאָגט:
— דער ראמבאם זאָגט, אז די וועלט איז ניט קיין קאדמוניג[1].
פונוואנענע איז געדרונגען? ווײַל א ניבע מוז האָבן א מעסאווייוו[2]!
מיט וואָס קאָן איך דאָס באווײַזן? מיט מײַן ראָצן. וויאזוי? אָט וויל
איך אים אופעסן, עס איך אים אוף. אײַ וואָס? ראכמאָנעס? עס קער
זיך גאָרניט אָן. איך טו מײַן ראָצן. דער ראָצן איז ניט דער טאכ-
לעס. איך עס אים אוף. איך וויל אים אופעסן. איך מוז אים אופ-
עסן!..

ה

א גימע בסורע האָט ער מיר אָנגעזאָגט, אָט דער אלטער לוריא.
ער מוז מיך אופעסן! וואָס וועט די מאמע זאָגן? עס פאַלט אָן אַף
מיר א פאכעד. עס ציטערט גאַ מיר דאָס לײַב. די כאָפּע, וואָס איך
ליג אַף איר, איז אָפּגערוקט פון דער וואנט. ביסלעכווײַז דוק איך
מיך צו דער וואנט און גליטש ניך אראָפּ אַף דער ערד, צווישן
סאָפּע אין צווישן וואנט. עס קלאפּט מיר א צאָן אָן א צאָן. איך
הער מיך אײַן און וואַרט, ווען וועט ער מיך עסן. און וויאזוי?
שטילערהייט רופ איך די מאמע און פיל, ווי נאסע טראָפּנס קא-
טשען זיך מיר איבער די באקן, פון די באקן אין מויל ארײַן. די
טראָפּנס זײַנען געזאלצן. איך האָב קיינמאָל אזוי ניט געבענקט נאָך
דער מאמע, ווי אצינד. נאָך מײַן ברודער עליע בענק איך אויך,
נאָר ניט אזוי. און אָן דעם טאטן דערמאָן איך מיך, וואָס איך זאָג
נאָך אים קאדעש. ווער וועט נאָך מיר זאָגן קאדעש, אז דער אל-
טער לוריא וועט מיך אופעסן?..

. . . .

אפּאָנעם, איך בין גוט געשלאָפן? ווארעם אז איך כאַפּ מיך אוף,
קוק איך מיך ארום, ווו בין איך אין דער וועלט? איך טאַפּ די וואנט.
איך טאַפּ די סאָפּע. איך שטעק ארויס מײַן קאָפּ — א גרויסער, א
ליכטיקער אלקער. סאמעטענע קאָלדרעס אַף דער ערד. די ווענט אויס-
געקלעפּט מיט מענטשעלעך. די סטעליע — ווי לעהאוודל אין בעס-
מעדרעש. דער אלטער לוריא זיצט נאָך אלץ איבער יענעם גרויסן
סייפער, וואָס ער רופט אים ראמבאם. מיר געפעלט דער נאָמען
„ראמבאם". עס קומט אויס בא מיר ווי „בימבאָם". פּלוצעם דערמאָן

1 ניט פון אייביק אָן.

2 דער פאַרורזאכער, דער וואָס ברענגט ארויס די סיבע.

איך מיך, אז דער אלטער לוריא האָט מיך ערשט נעכטן געוואָלט אופעסן. איך האָב מוירע, ער זאָל מיך ניט דערזען און ווידער וועלן עסן. באהאלט איך מיך צוריק צווישן וואנט און צווישן סאָפע און שוויַיג. עס עפנט זיך די טיר מיט א קלונג פון יענער זיַיט. עס קומט אריַין אלץ יענע, וואָס גייט אָנגעטאָן ווי א פריצע. נאָך א־ר גייט נאָך די קעכן, וואָס מע רופט זי כאנע, מיט א גרויסן בעקן. אפן בעקן שטייען קריגעלעך מיט קאווע, הייסע מילך און פוטערבולקעס פרישע.

— ווו איז דאָס באָכערל? — פרעגט כאנע און קוקט זיך ארום אפ אלע זיַיטן. זי דערזעט מיך צווישן וואנט און צווישן סאָפע.

— ביסט א רעכטער שייגעץ, ווי איך זע! וואָס טוסטו דאָ? קום אראָפ מיט מיר אין קיך. דאָרט ווארט אפ דיר די מאמע.

איך טו א שפרונג ארויס פון מיַין באהעלטעניש און לויף אראָפ איבער די אויסגעבעטע טרעפ מיט די באָרוועסע פיס און זינג מיר אונטער צום טאקט: ראַם-באָם, בים-באָם! בים-באָם, ראַם-באָם! — ביז איך קום אין קיך אריַין.

— כאפט זיך נישט! — זאָגט כאנע די קעכן צו דער מאמע. — לאָז ער אויסטרינקען כאָטש א גלעזל קאווע מיט א פוטערגעבעקסל! און איר אליין, נישקאָשע, מעגט אויכעט נעמען א גלעזל קאווע. דער גוטער-יאָר וועט זיי ניט נעמען. זיי האָבן גענוג.

אזוי זאָגט כאנע די שווארצע, און די מאמע דאנקט איר און זעצט זיך אוועק, און מע דערלאנגט אונדז הייסע שמעקעדיקע קאווע מיט פרישע פוטערגעבעקס.

איר האָט אמאָל געגעסן אייער-קיכלעך מיט צוקער? — אָט דאָס זיַינען די נעגידישע פוטערגעבעקסלעך. און עפשער נאָך בעסער. דעם טאַם פון דער קאווע קאָן איך איַיך ניט באשריַיבן. טאַם גאניידן! די מאמע האלט דאָס גלאָז און זופט און קוויקט זיך און גיט מיר פון איר פוטערגעבעקסל העכער האלב. דערזעט כאנע די קעכן און מאכט א גוואלד, גליַיך ווי מע האָט זי געקוילעט:

— וואָס טוט איר דאָס? עסט, עסט, ס׳איז דאָ גענוג!

און כאנע די קעכן גיט מיר נאָך א פוטערגעבעקסל. האָב איך שוין צוויי מיט א האלבן. איך הער מיך צו צו זייער שמועס. דער שמועס איז מיר באקאנט. די מאמע קלאָגט זיך אפ איר מאזל. אז אלמאָנע, צוויי קינדער, איינער אין א שמאלץ-גרוב, דער אנדערער נעבעך אזוי. איך וואָלט וועלן וויסן, וויאזוי איז דאָס מיַין ברודער עליע אין א שמאלץ-גרוב? א גרוב מיט שמאלץ? טאָמיד פלייש? כאנע הערט אויס די מאמע, שאָקלט מיטן קאָפ. נאָכדעם הייבט אָן כאנע

ריידן. קלאָגן זיך אָפּ איר מאזל, וואָס זי דארף זײַן בא יענעם. זי איז א טאכנס א קינד. איר טאטע איז געווען א ייִד א באלעבאָס, איז ער אָפּגעבערענט געוואָרן. נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן קרענקען. נאָכדעם איז ער געשטאָרבן. איר טאטע, זאָגט זי, זאָל אַצינד אופשטיין און געבן א קוק אָפּ זײַן כאנע, ווי זי שטייט בא א פרעמדן אויוון! זי קאָן זיך ניט באקלאָגן. דאנקען גאָט דערפאר. זי האָט א גוטע שטעלע. איינ כיסאָרן — דער אלטער באלעבאָס איז א ביסל...

וואָס „א ביסל" — וויים איך ניט. כאנע ווײַזט עפּעס מיטן פינגער אָפּן שטערן. די מאמע הערט אויס כאנען, שאָקלט מיטן קאָפּ. נאָכדעם הייבט אָן ווידער די מאמע ריידן. כאנע הערט אויס די מאמע, שאָקלט מיטן קאָפּ. אָפּן וועג גיט זי מיר מיט נאָך א פּוטערגעבעקסל, און איך ווײַז די ייִנגלעך אין טאלמוד-טוירע. זיי רינגלען מיך ארום און קוקן אין די אויגן, ווי איך עס. אַפּאָנעם, בא זיי איז דאָס א גאנצער אנטיק? איך גיב זיי אלעמען צו קליינע שטיקעלעך. זיי לעקן די פינגער.

— ווו האָסטו געגומען אזא מײַכל?

איך שטופּ אָן ביידע באקן, שטעל זיך אוועק אקעגן זיי מיט די הענט אין די טיפע קעשענעס פון מײַנע הילצערנע הויזן און קײַ און שלינג און טאנץ אונטער אָפּ מײַנע באָרוועסע פיס אָן ווערטער, ווי איינער רעדט:

— עך, קאפּצאָנישע טאָרבעס וואָס איר זײַט! א טײַערע מעציִע פּוטערגעבעקס, כא-כא-כא! איר זאָלט נאָך פּרובירן מיט קאווע, וואָלט איר ערשט דעמלט געוווּסט, וואָס הייסט טאם גאניידן אָפּ דער וועלט!..

VI

א שמאלץ־גרוב

א

דאָס איינציקע שטיקל גליק, וואָס האלט מײַן מאמען אָפּ די פיס, איז דאָס, וואָס מײַן ברודער עליע איז, דאנקען גאָט, גוט. ער האָט זיך ארײַנגעכאפּט אין א שמאלץ-גרוב. אזוי זאָגט די מאמע מײַנע, און פאר גרויס נאכעס כאפּט זי א וויש די אויגן, ווי איר שטייגער איז. זי האָט אים שוין פארזאָרגט, זאָגט זי, אָפּ אייביק. איר שנור, זאָגט זי, איז אפילו ניט קיין אײַ-אײַ-אײַ (איך מיין אויך אזוי!). האָט אים אָבער גאָט צוגעשיקט דערפאר א רײַכן שווער. ער

איז א בעקער. יוינע הופט מענ אימ, יוינע דער בעקער. דאָס הייסט, ער אליינ באקט ניט. באקנ באקנ אנדערע. ער קויפט נאָר מעל אונ פארקויפט ברויט. פייסעכ באקט ער מאצעס פאר דער גאנצער שטאָט. ער איז צו בעקערײַ א ברענ, אונ דערצו איז ער א בייזער ייִד — סאקאָנעס. איכ מעג זאָגנ, אז ער איז א רויצייעכ. ער האָט מיכ איינמאָל געכאפט, בעשאס איכ בינ געווענ צוגאסט בא מײַנ ברודער עליע אונ האָב מיכ מעכאבעד געווענ מיט אנ אייער-בייגל. דער בייגל איז געווענ א פרישער, א ווארעמער, נאָרוואָס פונעמ אויוונ. האָט דער רוצעכ באדארפט אָנטראָגנ יוינע דעמ בעקער. איר זאָלט געווענ זענ זײַנ רעציכעדיק פּאָנעמ מיט זײַנע גאזלעוואָטע אויגנ! פונ דעמלט אָנ גיי איכ ניט מער אהינ. מײַנ פוס וועט שוינ דאָרט ניט זײַנ מער, איכ זאָל וויכנ גאָלד! א ייִד זאָל האָבנ א טעווע אָנצומענ פארנ קאָלנער אונ ארויסוואַרפנ אפ יענער זײַט טיר, אינ נאָכ געבנ גוטע דרײַ סטוסאקעס פונ הינטנ! איכ האָב עס דערציילט דער מאַ־מענ, איז זי באלד אוועקגעלאָפנ אהינ — זי האָט אימ געוואָלט אָפּ־שפּילנ א כאסענע, ווי אימ קומט. האָט אָבער מײַנ ברודער עליע ניט דערלאָזט. ער האָט אימ אָפּגעגעבנ דעמ גערעכט. ער האָט געדרונגענ דער מאמענ, אז ער האָט דורכ מיר ביזיוינעט, אלעמאָל, ווענ איכ קומ צו אימ, עס איכ, זאָגט ער, בייגל. ער וועט מיר בעסער געבנ, זאָגט ער, א קאָפּעקע אונ לאָמיכ גיינ ערגעץ אנדערש זיכ קויפנ א בייגל. זאָגט אימ די מאמע, אז ער האָט אפ מיר קיינ קאַפּ ראַכמאָ־נעס ניט, אז עס ארט אימ ניט, וואָס דאָס קינד איז א יאָסעמ. זאָגט איר מײַנ ברודער עליע, אז מע קאָנ זײַנ א יאָסעמ אונ מע טאָר ניט כאפנ קיינ בייגל פונ א פרעמדנ אויוונ. זאָגט אימ די מא-מע, ער זאָל ריידנ א ביסל שטילער. זאָגט איר מײַנ ברודער עליע, אז ער וועט דאַפקע שרײַענ הויכ, ביכדיי אלע זאָלנ וויסנ, אז איכ בינ א גאנעוו. דאָס וואָרט „גאנעוו" קאָנ די מאמע נישט הערנ. זי ווערט אלערליי פארבנ אונ זאָגט צו מײַנ ברודער עליע, ער זאָל ניט פארגעסנ, אז ס'איז דאָ א גאָט אפ דער וועלט. מיט גאָט שפּילט מענ זיכ ניט. גאָט וועט ניט שווײַגנ. ער איז אנ אווי-יעסוימימ[1]. ער וועט זיכ אָנעמענ פארנ יאָסעמ. נישקאָשע, ער איז א גרויסער גאָט. ער קאָנ. אז גאָט וויל, קאָנ יוינע דער בעקער ניט פארמאָגנ וואָס א בייגל איז ווערט!.. אזוי זאָגט אָפּ די מאמע צו מײַנ ברודער עליע, זי נעמט מיכ פאר א האנט, טוט א קלאפּ מיט דער טיר, אונ מיר גייענ אהיימ.

---

1 דער פאָטער פונ יעסוימימ.

ב

הערט איר, אפּאָנעמ, אז מיט גאָט טאָר מענ זיכ טאקע ניט שפּילנ! איר וואָלט וויסנ, וואָסער א סאָפ יוינע דער בעקער האָט גע-האט! איכ האָב דאָכ אײַכ געזאָגט, אז ער אלײנ באקט ניט. באקנ באקנ אנדערע. עפּעס צוויי יידנ שווארצע מיט דרײַ ווײַבער פּרעמדע, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, מיט דויטע ווארעמע פּאטשיילקעס אפּנ קאָפּ (כאָטש אינ דרויסנ איז א היצ — סאקאָנעס-נעפּאָשעס!). האָט זיכ געטראָפנ א מײַסע. ניט אײנ מײַסע, נאָר עטלעכע מײַסעס. דער אוילעמ האָט זיכ געקלאָגט, אז מע געפינט אינ די בולקעלעכ פּאָדעמ, אונ טאשמעס, אונ טאראקאנעס, אונ שטיקלעכ גלאָז. אײנער א קריסט האָט געבראכט צו טראָגנ צו דעמ בעקער א גאנצנ זעמוט מיט האָר, שווארצע האָר. פאר א קריסט האָט זיכ יוינע דער בעקער איבער-געשראָקנ. אוביפראט דער קריסט האָט געכטראשעט מיט פּאָליציע. מע האָט זיכ גענומענ צו די בעקערס, פּארגלײַכנ וועמענס האָר. די מאנצבלענ האָבנ געזאָגט אפּ די ווײַבער. די ווײַבער האָבנ געזאָגט אפּ די מאנצבלענ. די ווײַבער האָבנ געטײַנעט, אז זיי האָבנ אלע געלע האָר. די מאנצבלענ האָבנ געטײַנעט: ווו האָט איר געזענ בא מאנצבלענ אזעלכע לאנגע האָר? ביז די ווײַבער האָבנ זיכ צעקריגט. אונ אז די ווײַבער האָבנ זיכ צעקריגט, איז מענ געוואָר געוואָרנ שיינע זאכנ: אײנע האָט פארלוירנ א זאָקנ-בענדל אינ דער כאלע. אײנע האָט כּארקנאָטנ אינ טייג א זאניטעצע פונ א קראנקנ פינגער. נאָכ אײנע פלעגט זיכ לייגנ אלע באנאכט צוקאָפּנס די אופגעיוירענע כאלע. זי האָט געשוואָרנ מיט קאָל האשוועס שעבאָוילאָמ, אז ס'איז שעקער ווע-קאָזעוו[1]. סאכאקל האָט זיכ דאָס געטראָפנ אײנ מאָל, אָדער, העכסטנס, צוויי מאָל. זי האָט ניט געהאט קײנ קישנ...

די גאנצע שטאָט האָט זיכ געוויגט. יוינע דער בעקער האָט נע-בעכ געהאט דאָס לויפעניש. עס האָט נישט געהאָלפנ קײנ שומ רי-בוינע-שעל-אוילעמ. מע האָט נישט געוואָלט נעמענ זײַנ געבעקס אינ די הענט ארײַנ! כאָטש ווארפ עס ארויס פאר די הינט! א מיצווע אפּ אימ!

---

1 פאלש אונ ליגנ.

ג

יוינע דער בעקער איז אָבער א יונג מיט ביינער. ער האָט צעטריבן די בעקערס, די ייִדן מיט די ווייַבער, און האָט צוגענומען אנדערע בעקערס. שאבעס האָט ער געלאָזט אויסרופן אין אלע שולן, אז ער האָט צוגענומען נייַע בעקערס און אז פון הייַנט אָן און ווייַטער גיט ער אכטונג אליין, ס׳זאָל זייַן ריין און ציכטיק. ער איז אָרעוו מיט צען רובל שטראָף, טאָמער געפינט מען בא אים אין דער כאלע איין האָר אפילע. פון דעמלט אָן האָט ער אָנגעהויבן לייזן געלט. דער אוילעם האָט געזוכט האָר בא אים אין די געבעקס און מע האָט דאפקע נישט געפונען. אפילע אז מע האָט עפעס יאָ געפונען און מע האָט אים געבראכט, האָט ער ארויסגעטריבן. ער האָט געזאָגט, אז דאָס האָט מען אומיסטנע ארייַנגעלייגט, ביכדיי צו באקומען די צען רובל שטראָף. מע ווייסט די מייַסעס!.. א רעכטער כעוורעמאן אָט דער יוינע דער בעקער! גאָט האָט אָבער געוואָלט זיך אָפּרעכענען מיט אים, האָט ער אים צוגעשיקט א נייַעם אומגליק. איינמאָל אין א שיינעם פרימאָרגן זייַנען אלע זייַנע בעקערס אופגעשטאנען, צונויפגענומען די קלומקעס און זייַנען אוועק. זיי וועלן מער ניט באקן בא אים פאר קיין געלט. סייַדן ער וועט זיי העכערן דעם פרייַז אפ א קערבל א וואָך, און וועט זיי לאָזן אפ באנאכט אהיים שלאָפן, און וועט זיי ניט שלאָגן מיט די הענט גלייַך אין די ציין ארייַן. בא יוינע דעם בעקער איז אזא טעווע: באלד עפעס — גיט ער מיט די הענט אין די ציין ארייַן. יוינע איז געוואָרן אָנגעצונדן. ער איז שוין א באלעבאָס פון היפשע עטלעכע יאָר, האָט זיך אים נאָך ניט געטראָפן, אז א באלמעלאָכע זאָל גאָר זאָגן א דייע, וויאזוי צו שלאָגן זיך! פון העכערן דעם פרייַז איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן. ער קאָן קריגן צען אנדערע אפ זייער אָרט. א טייַערע מעציע ארבעטער! קארג מענטשן שטארבן פון הונגער? ער איז אוועק זוכן בעקערס. ניטאָ קיין בעקערס. קיינער וויל ניט גיין. וואָס איז די מייַסע? אלע בעקערס האָבן זיך געמאכט יאדאכאס[1]. זיי וועלן צו אים ניט גיין, ביז ער וועט ניט צונעמען אלע פריִערדיקע בעקערס און ביז ער וועט ניט מעקייַעם זייַן אלע דרייַ זאכן: 1) א קערבל א וואָך. 2) באנאכט אהיים שלאָפן. 3) ניט שלאָגן זיך מיט די הענט אין די ציין... שיין געווען אָנצוקוקן, ווי יוינע

1 געמאכט איין האנט; זיך צונויפגערעדט.

האָט זיכ געקאָכט, געפינעט, געקלאפט מיט די הענט אינ טיש אונ געשאָלטנ זיכ. אײַ, האָב איכ געהאט א נעקאָמע! נאָר דאָס איז נאָכ גאָרניט אקעגנ דעמ, וואָס ס׳איז געווענ ווײַטער.

ד

א הייסער זומער-טאָג. נאָרוואָס זײַנענ אופגעקומענ דיניעס מיט קאווענעס (ארבוזעס). דאָס איז די בעסטע צײַט אינ יאָר. שפעטער א ביסל הייבנ זיכ אָנ די ווײַנענדיקע טעג. גאָט זאָל מיכ ניט שטראָפנ פאר די רייד — איכ האָב פײַנט די ווײַנענדיקע טעג[1]. איכ האָב בעסער ליב, אז ס׳איז פריילעכ. אונ וואָס קאָנ זײַנ פריילעכער פונ א פולנ מארק מיט דיניעס אונ מיט קאווענעס? אומעטום, ווו איר טוט זיכ א קער, איז אָדער דיניעס אָדער קאווענעס. די דיניעס זײַנענ געל אונ שמעקנ ווי עסרוגימ. די קאווענעס זײַנענ רויט (אינווייניק), ווי פײַער, אונ קערלעכ האָבנ זיי שווארצע, אונ די זיסקײַט זייערע איז ווי א גוטער האָניק. מײַנ מאמע האלט ניט פונ קאווענעס. זי זאָגט, אז דיניעס זײַנענ שפאָרעוודיקער. אז זי קויפט, זאָגט זי, א דיניע, האָט זי אפ צוויי טעג פאר אונדז ביידנ — אפ אָנבײַסנ, אפ וואַרע-מעס אונ אפ וועטשערע. אונ א קאווענע, זאָגט זי, איז א נאשערײַ: פויזשעט נאָר אָנ א פולנ בויכ מיט וואסער. איכ מיינ, אז זי האָט א טאָעס. איכ זאָל זײַנ א קייסער, וואָלט איכ א גאנצ יאָר געגעסנ קאווענע מיט ברויט. עס מאכט ניט אויס, וואָס ס׳איז דאָ אינ זיי א סאכ קערלעכ. א גוטע קאווענע, אז מע טוט א רעכטנ טרייסל, טוענ די קערלעכ א פאל ארויס — אונ דעמלט עסט, וויפל איר ווילט אליינ! אָהאָ! זעט נאָר, איכ האָב מיכ אזוי פארעדט פונ די קאווענעס, אז איכ האָב פארגעסנ, פונ וואָס איכ האָב אָנגעהויבנ. איכ האלט בא מײַנ ברודער עליעס שווער, יוינע דעמ בייגלבעקער. ס׳איז געקומענ אפ אימ א רעכטע מאפאָלע. קיינער האָט זיכ אפ אזעלכעס ניט גע-ריכט. שטעלט אײַכ פאָר, מיר זיצנ מיט מײַנ מאמענ באמ טיש אונ עסנ וואַרעמעס: דיניע מיט ברויט. עפנט זיכ די טיר, אונ עס קומט ארײַנ מײַנ ברודער עליע מיט א כומעש אינ האנט, דעמ טאטנס כו-מעש. נאָכ אימ שלעפט זיכ נאָכ זײַנ ווײַב בראָכע. אינ איינ האנט האלט זי א פוטערנעמ קאָלנער מיט ווײדעלעכ, אינ דער אנדערער האנט — א פארעווענ „דורכשלאָג״. איר ווייסט ניט, וואָס הייסט א

1 די צײַט פונ די יאָמטויוומ ראָשעשאָנע אונ יאָמקיפער (אנ ערעכ סענטיאבער).

דורכשלאָג? אזא קיילע, וואָס מע זייט אָפּ אָפּ דעם די לאָקשן. מײַן ברודער עליע איז טויט, ווי די וואנט. מײַן שוועגערן בראָכע איז רויט, ווי א העליש פײַער.

— שוויגער, מיר זײַנען געקומען צו אײַך. — זאָגט מײַן שוועגערן בראָכע.

— מאמע, מיר זײַנען קוים ארויס מיטן לעבן. — זאָגט מײַן ברודער עליע.

און ביידע זעצן זיך אוועק וויינען, און די מאמע העלפט זיי אונטער. וואָס האָט זיך געטראָפן? אָפּגעברענט געוואָרן? ארויסגעטריבן? עס הייבט זיך גאָר ניט אָן! מײַן ברודער עליעס שווער, יוינע דער בעקער, האָט זיך געשטעלט. אָנגעזעצט הייסט דאָס בא אונדז. זײַנען געקומען די באלכויוועס און האָבן אים אָפּגעשריבן פון קאָפּ ביז פיס. זיי האָבן צוגענומען בא אים ביז א פאָדעם. אלץ, וואָס אין שטוב, און אפילו די שטוב אליין אויך, נאָך מיט וואָסערע ביזיוינעס! מע האָט אים געבעטן מעכילע, ער זאָל אָפּרייניקן די שטוב. דאָס הייסט, מע האָט אים ארויסגעוואָרפן, זאָגט ער, אָפּ דרײַ שפּענדלעך.

— ווי איז מיר! — זאָגט די מאמע און ברעכט די הענט. — ווי איז אהינגעקומען זײַן געלט? ער איז דאָך געווען אזא נאָגיד!

ענטפערט איר מײַן ברודער עליע, אז, ערשטנס, איז ער גאָר ניט געווען אזא נאָגיד. און צווייטנס... דאָ מישט זיך אַרײַן מײַן שוועגערן בראָכע, אז איר טאטע איז דאפקע יאָ געווען א נאָגיד. כוץ זײַן שאָדן אָפּ איר געזאָגט געוואָרן כאָטש האלב. נאָר וואָס דען? איר כאסענע האָט אים אָפּגעקאָסט אן אוצער! זי האָט ליב ריידן פון איר כאסענע. אלעמאָל, ווען זי קומט צו אונדז, הערט איר נאָר פון איר כאסענע. אזא כאסענע, ווי איר כאסענע, איז ניט געווען, זאָגט זי, אָפּ דער גאנצער וועלט. דאָס געבעקס וואָס אָפּ איר כאסענע, די געבראָטנס וואָס אָפּ איר כאסענע, די טאָרטן מיט די לעקעכער, מיט די שטרודלען, מיט די מאלכעס-ברויטלעכ[1], מיט די אײַנגעמאכטסן וואָס אָפּ איר כאסענע!.. דיערווײַל איז זי געבליבן, ווי זי שטייט און גייט, מיט א פוטערן קעלנערל און מיט א פארעווען דורכשלאָג. דאָס נאדן, וואָס איר פאָטער האָט צוגעזאָגט, שמועסט מען ניט, אז ס'איז פארפאלן. מײַן ברודער עליע האָט נאָך געהאט רעוואָכים: מע האָט אים אָפּגעשריבן זײַנע שאבעסדיקע מאלבושים,

1 לעקעכלעך אזעלכע.

מיטן טאַלעס, מיטן בעטגעוואַנט. דעם זייגער אויך. ער איז געבליבן ווי אַפּן וואַסער. מײַן מאַמע האָט אײַנגעלייגט די וועלט. סטײַטש, אַזאַ-נ-אומגליק! ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן? איר האָבן דאָך אַלע מעקאַנע געווען אַפּן שידעך! אפּאָנעם, לײַט האָבן איר אַ גוט אויג געגעבן, אָדער זי אַליין האָט אים דעמלט מיט איר מויל פאַרשאָלטן?.. ווי·אַזוי די מעשה איז, איר האָט דאָס געטראָפן, זאָגט זי, מער פון אַלעמען. אַ שמאַלץ-גרוב האָט זיך איר פאַרגלוסט!

— די שמאַלץ רינט אויס, די גרוב בלײַבט איבער. זײַ דערווײַל בא מיר, מײַן קינד, ביז גאָט וועט ראַכמאָנעס האָבן...

אַזוי זאָגט די מאַמע און טרעט אָפּ דער שנור איר בעט, דאָס איינציקע שטיקל מעבל, וואָס בא אונדז אין שטוב.

VII

מײַן ברודער עליעס געטראַנק

א

„פֿאַר איין רובל — הונדערט רובל! הונדערט רובל אַ מאָנאַט און מער קאָן פאַרדינען יעדער איינציקער, ווער עס וועט זיך באַקענען מיטן אינהאַלט פון אונדזער בוך, וואָס קאָסט סאַכאַקל איין רובל מיט פּאָרטאָ[1]. לויפט, קויפט! סטאַפּט, כאַפּט — איר וועט פאַרשפּעטיקן!"

אָט אַזאַ מין זאַך האָט אויסגעלייענט ערגעץ אָפּ די בלעטער מײַן ברודער עליע, באַלד ווי ער איז אַראָפּ פון קעסט. און אַראָפּ פון קעסט איז מײַן ברודער עליע ניט דערפאַר, ווײַל עס איז אים „אויסגעגאַנגען די יאָרן". צוגעזאָגט האָט מען אים, איידנטלעך, קעסט גאַנצע דרײַ יאָר, און געהאַלטן האָט מען אים אפילע נישט קיין דרײַ פערטל יאָר. עס האָט זיך מיט זײַן רײַכן שווער געטראָפן אַן אומגליק. יונגע דער בעקער האָט אָנגעזעצט און איז געוואָרן פון אַ נאָגיד אַ קאַפּצן. פונוואַנען דער בראָך איז געקומען — האָב איך אײַך שוין דערציילט. צוויי מאָל איין זאַך דערצייל איך קיינמאָל נישט, סײַדן מע בעט מיך. איצטיקס מאָל וועט זיך ניט העלפן קיין בעטן אויך, ווײַל איך בין זייער פאַרנומען. איך פאַרדין געלט. איך טראַג אַרום אַ געטראַנק, וואָס מײַן ברודער עליע מאַכט אים אַליין מיט זײַנע אייגענע הענט. ער האָט זיך אויסגעלערנט מאַכן

1 פּאָסט-געלט.

דאָס פון א בוך, וואָס קאָסט סאכאקל איינ רובל, אונ פארדינענ קאָנ מענ מיט דעמ הונדערט רובל א כוידעש אונ מער. מײַנ ברודער עליע, וויבאלד ער האָט נאָר איבערגעלייענט, אז ס'איז דאָ אזא בוך אפ דער וועלט, אזוי האָט ער באלד אוועקגעשיקט אפ דער פּאָסט א קערבל (דאָס לעצטע קערבל) אונ האָט אָנגעזאָגט דער מאמענ א בסורע, זי זאָל ניט זאָרגנ מער.

— מאמע! דאנקענ גאָט, מיר זײַנענ געהאָלפנ. מיט פּארנאָסע זײַנענ מיר שוינ פארזאָרגט אָט אזוי ווײַט (ער ווײַזט מיט דער האנט אפנ האלדז).

— וואָס איז דענ? — פרעגט די מאמע. — האָסט געקריגנ א שטעלע?

— נאָכ בעסער פונ א שטעלע! — ענטפערט איר מײַנ ברודער עליע, אונ די אויגנ בא אימ לײַכטנ. אפּאָנעמ, פונ גרויס סימכע. ער הייסט איר ווארטנ נאָכ עטלעכע טעג, ביז דאָס בוך וועט אימ אָנקומענ.

— וואָסער בוך? — פרעגט די מאמע.

— ס'איז שוינ איינמאָל א בוך! — זאָגט איר מײַנ ברודער עליע אונ פרעגט זי, אויב זי וועט זײַנ צופרידנ מיט הונדערט רובל א כוידעש? לאכט פונ אימ די מאמע אונ זאָגט אימ, אז זי וואָלט געווענ צופרידנ מיט הונדערט רובל א יאָר, אבי זיכערע. ענטפערט איר דערופ מײַנ ברודער עליע, אז בא איר איז צו א קליינע האסאָגע, אונ ער לאָזט זיכ גיינ אפ דער פּאָסט. אלע טאָג גייט ער אפ דער פּאָסט אונ פרעגט זיכ נאָכ אפנ בוכ. שוינ העכער א וואָכ, אז ער האָט אוועקגעשיקט דאָס קערבל, אונ קיינ בוך איז נישטאָ! דערווײַל דארפ מענ לעבנ. „רי נעשאָמע אויסשפּײַענ קאָנ מענ ניט". אזוי זאָגט די מאמע. איכ פארשטיי ניט, וויאַזוי שפּײַט מענ דאָס אויס א נעשאָמע?

ב

— שאט, שוינ דאָ א בוך! מיר האָבנ דאָס נאָר אויסגעפּאקט, האָט מײַנ ברודער עליע זיכ אוועקגעזעצט לייענענ דאָס בוך. ווײַ-ווײַ, וואָס ער האָט דאָרטנ אויסגעלייענט! וויפל סגולעס אפ צו מאכנ געלט דורכ פארשיידענע רעצעפּטנ! א רעצעפּט אפ צו פארדינענ הונדערט רובל א כוידעש דורכ מאכנ די בעסטע טינטנ. א רעצעפּט אפ צו פארדינענ הונדערט רובל א כוידעש דורכ מאכנ גוטע שווארצע שוואקס. א רעצעפּט אפ צו פארדינענ הונדערט רובל א כוידעש

דורכ ארויסטויִבנ מײַז, טאראקאנעס אונ אנדערע מיִעסקײַטנ. א רעצעפּט אפּ צו פארדינענ הונדערט רובל א כוידעש אונ מער דורכ מאכנ ליקערנ, זיסע בראנפנס, לימאָנאד, סאָדע-וואסער, קוואס אונ אנדערע נאָכ מער ביליקע געטראנקענ.

מײַנ ברודער עליע האָט זיכ אָפּגעשטעלט אפנ לעצטנ רעצעפּט. ערשטנס, ווײַל דורכ אימ קאָנ מענ פארדינענ נאָכ מער פונ הונדערט רובל א כוידעש. אזוי שטייט דאָכ בעפּיירעש געשריבנ אינ בוכ. צווייטנס, מע דארפ זיכ ניט פאטשקענ מיט טינט אונ מיט שוואקס אונ ניט האָבנ צו טאָנ מיט מײַז, טאראקאנעס אונ אנדערע מיִעס-קײַטנ. די פראגע איז נאָר, צו וואָסער א געטראנק זאָל מענ זיכ נעמענ? צו ליקערנ אונ זיסע בראנפנס דארפ מענ האָבנ רויטשילדס פארמעגנ. צו לימאָנאד אונ סאָדע-וואסער דארפ מענ האָבנ א מאשינע אזעלכע, עפּעס א מינ שטיינ, וואָס קאָסט מי-יעדייע וויפל! בלײַבט איבער נאָר איינ זאכ: קוואס! קוואס איז אזא מינ געטראנק, וואָס קאָסט וואָלוול אונ עס גייט א סאכ. אויסגעראכט נאָכ אינ אזא הייסנ זומער, ווי הײַנט. פונ קוואס, דארפט איר וויסנ, איז בא אונדז באָ-רעכ דער קוואסניק געוואָרנ א גוויר. ער מאכט „בוטל-קוואס”. זײַנ קוואס האָט א שעמ אפּ דער וועלט. ער שיסט פונ די פלעשער, ווי פונ א הארמאט. וואָס איז דער סייכל, וואָס סע שיסט, ווייסט קיי-נער ניט. דאָס איז באָרעכס סאָד. מע זאָגט, אז ער לייגט ארײַנ אינעווייניק עפּעס אזעלכעס, וואָס שיסט. אנדערע זאָגנ — א ראָזינקע. אנדערע זאָגנ — האָפּנ. קומט דער זומער, האָט ער ניט קיינ הענט. אזויפיל לייזט ער געלט!

אונדזער קוואס, וואָס מײַנ ברודער עליע מאכט נאָכנ רעצעפּט, איז ניט קיינ בוטל-קוואס אונ שיסט ניט. אונדזער קוואס איז אנ אנדער מינ געטראנק. וויִאזוי ער ווערט געמאכט — קאָנ איכ אײַכ ניט זאָגנ. מײַנ ברודער עליע לאָזט קיינעמ נישט צו, בעשאס ער מאכט אימ. אז ער גיסט וואסער — זעענ אלע. נאָר אז ער האלט אינ רעכטנ מאכנ, פארשליסט ער זיכ אינ דער מאמעס אלקער. נישט איכ, נישט די מאמע, נישט מײַנ שווענערנ בראָכע — קיינער האָט ניט די זכיִע צו זײַנ דערבײַ. נאָר אויב איר זאָגט מיר צו, אז ס'וועט זײַנ א סאָד, קאָנ איכ אײַכ זאָגנ, וואָס אינ דעמ געטראנק געפינט זיכ. איכ ווייס דאָכ, וואָס ער גרייט צו. דאָרטנ געפינט זיכ שאָלעכצ פונ לימענע, שיטערער האָניק (מעליס), א זאכ, וואָס מע רופט דאָס קרי-מעטארטערומ אונ וואָס איז זויערער פונ עסיק, אונ דאָס איבעריקע — וואסער. וואסער איז דאָרטנ דאָ מער פונ אלצדינג. וואָס מער ווא-

סער — מער קוואס. דאָס אַלץ ווערט גוט אויסגעמישט מיט א פּראָסטנ שטעקנ, אזוי שטייט געשריבנ אינ בוכ, אונ דאָס געטראנק איז פאַר־טיק. נאָכדעמ ווערט ער אריינגעגאָסנ אינ א גרויסנ קרוג, אונ מע ווארפט אריינ אהינ א שטיק אייז. אייז איז דער איקער! אָנ אייז טויג דאָס גאנצע געטראנק אפ טישע ניינציק קאַפּאָרעס. דאָס זאָג איכ אייכ ניט פונעמ בוכ, נאָר איכ האָב איינמאָל אליינ פארזוכט א ביסל קוואס אָנ אייז, האָב איכ געמיינט, אז ס׳איז אנ עק פונ מיינ לעבנ!

ג

געמאכט דאָס ערשטע פעסל קוואס, איז געבליבנ, אז ארויס־טראָגנ פארקויפנ אימ אפ דער גאס זאָל איכ. ווער דענ, אז ניט איכ? מיינ ברודער עליען פּאַסט ניט. ער איז דאָכ שוינ א באַווייבטער. דער מאמענ — אוואדע ניט. מיר וועלנ גאָר ניט דערלאָזנ, אז די מאמע זאָל ארומגיינ מיט א קרוג איבערנ מארק אונ שרייענ: „קוואס! קוואס! יידנ, קוואס!" אלע האָבנ געפּאסקנט, אז דאָס דארפ זיינ מיינ אר־בעט. איכ אליינ האָב אויכ אזוי געדענקט. איכ האָב מיכ מעכייע געווענ, אז איכ האָב דערהערט דאָס נייעס. מיינ ברודער עליע האָט גענומענ מיכ לערנענ, וויאזוי איכ זאָל טאָנ. דעמ קרוג זאָל איכ האלטנ אינ איינ האנט אפ א שטריקל, דאָס גלאָז אינ דער אנדע־רער האנט, אונ ביכדיי דער אוילעמ זאָל זיכ אָפּשטעלנ, זאָל איכ זינגענ הויכ, אונ מיט א ניגנ, אָט אזוי:

יידנ, א געטראנק!
א קאָפּעקע א גלאָז!
קאלט אונ זיס —
א דערקוויקעניש!

א קאָל, האָב איכ אייכ שוינ לאנג געזאָגט, אז איכ האָב א שיינס. א סאָפּראנאָ-שטימע, בעיערושע פונ מיינ טאטנ אָלעוו-הא־שאָלעמ. איכ האָב געגעבנ א זינג ארויס אפ א קאָל אונ האָב אי־בערגעדרייט דעמ פּאָסעק מיט די פיס ארופ:

זיסער קוואס א גלאָז!
א קאָפּעקע א ייד!
א קוויק אונ א קאלט —
א דערטרינקעניש!..

איכ וויים ניט: צי מיינ געזאנג איז אזוי געפעלנ געוואָרנ? צי דאָס געטראנק איז טאקע געווענ אזוי גוט? צי עפּשער ווייל דער

טאָג איז געווען זייער א הייסער? איך האָב דעם ערשטן קרוג אויספארקויפט אין איין האלבע שעה און בין געקומען אהיים מיט קימאט פינף גילדן פידיען. מײַן ברודער עליע האָט אָפּגעגעבן דאָס געלט דער מאמען, און מיר האָט ער באלד אָנגעגאָסן א פרישן קרוג. ער האָט געזאָגט, אז אויב איך וועל זיך קאָנען אויסדרייען אזוי פינף—זעקס מאָל דורכן טאָג, וועלן מיר האָבן פארדינט פונקט הונדערט רובל א כוידעש. איצט רעכנט, זײַט מויכל, אראָפּ די פיר טעג שאבעס, וואָס אין כוידעש, וועט איר שוין אליין וויסן, וויפל דאָס געטראנק קאָסט אונדז און וואָס פאר א פּראָצענט מיר פארדינען בא אים? דאָס געטראנק קאָסט אונדז זייער וואָלוול. מע קאָן זאָגן, קימאט גאָרניט. דאָס גאנצע געלט גייט אוועק אפן אײַז. דעריבער דארף מען זען, וואָס גיכער אויספארקויפן דעם קרוג מיטן געטראנק, ביכדיי דאָס שטיקל אײַז זאָל צוניץ קומען אפן צווייטן קרוג, און אפן דריטן קרוג, און אזוי ווײַטער. דעריבער דארף מען מיטן געטראנק גיין גיך, טאקע לויפן. נאָך מיר לויפן נאָך יינגלעך, שקאָצים, א גאנצע טיטשקע. זיי קרימען מיך איבער, ווי איך זינג. איך הער זיי אָבער מיטן קאָטער. איך זע וואָס גיכער אויסברענגען דעם קרוג און לויפן אהיים נעמען נאָך א קרוג. וויפל איך האָב געמאכט דעם ערשטן טאָג—ווייס איך אליין ניט. איך ווייס נאָר, אז מײַן ברודער עליע מיט מײַן שוועגערן בראָכע מיט מײַן מאמען האָבן מיך שטארק געלויבט. וועטשערע האָט מען מיר געגעבן א שטיק דיניע מיט א שטיק קאווענע מיט צוויי פלוימען אונגערשע. פון קוואס שמועסט מען ניט. קוואס טרינקען מיר אלע אזוי ווי וואסער. פארן שלאָפן בעט מיר אויס די מאמע אפ דער ערד און פרעגט מיך, צי עס טוען מיר ניט וויי כאָליִע די פיס. מײַן ברודער עליע לאכט פון איר. ער זאָגט אפ מיר, אז איך בין אזא יינגל, וואָס מיר טוט קיינמאָל ניט וויי קיין זאך.

— געוויס!—זאָג איך.—א סימען, אויב אירווילט, גיי איך באלד מיט א קרוג אינמיטן האלבע נאכט.

אלע דרײַ צעלאכן זיך פון מײַן בעריעשאפט. נאָר אף דער מאמעס אויגן זע איך טרערן. נו, דאָס איז דאָך אן אלטער קלאל— א מאמע דארף וויינען! איך וואָלט וועלן וויסן: אלע מאמעס וויינען אזוי שטענדיק, ווי מײַן מאמע?

ד

עס גייט אונדז, קיינ אײַנאָרע, דורכ טיר אונ דורכ טויער, איינ טאָג איז הייסער פונעמ אנדערנ. עס ברענט! מענטשנ גייענ אויס פאר היצ, קינדער פאלנ אזוי ווי פליגנ. ווענ ניט דאָס גלעזל קוואס, וואָלט מענ פארברענט געוואָרנ. איכ קער מיכ אומ מיטנ קרוג, בעלוי גוזמע[1], צענ מאָל א טאָג! מײַנ ברודער עליע קוקט ארײַנ אינ פאס ארײַנ מיט איינ אויג אונ זאָגט, אז עס טאָגט שוינ. פאלט ער אפ אנ אייצע אונ גיסט צו נאָכ א פאָר עמער וואסער. אפ דער אייצע בינ איכ געפאלנ נאָכ פריער פונ אימ. איכ מוז מיכ מודע זײַנ פאר אײַכ, אז איכ האָב אָפגעטאָנ א שפיצל שוינ עטלעכע מאָל. קימאט אלע טאָג כאפ איכ מיכ ארײַנ צו אונדזער שכיינע פעסיע אונ גיב איר פארזוכנ א גלעזל פונ אונדזער אייגענעמ געטראנק. איר מאנ, מוישע דעמ אײַנבינדער, גיב איכ צוויי גלעזלעכ. ער איז א גוטער מענטש. די קינדער אלע גיב איכ אויכ צו גלעזלעכ קוואס. לאָזנ זיי אויכ וויסנ, וואָס פאר א געטראנק מיר קענענ מאכנ. דעמ בלינדנ פעטער גיב איכ אויכ א גלעזל קוואס אפ צו פארזוכנ. א ראכמאָנעס, ער איז נעבעכ א קאליקע. אלע מײַנע באקאנטע גיב איכ קוואס. אומזיסט, אָנ א קאָפּעקע געלט. אונ ביכדיי ס'זאָל ניט זײַנ קיינ שאָדנ, דערגיס איכ דעמ קרוג מיט וואסער. אפ איטלעכס גלעזל קוואס, וואָס איכ גיב אוועק אומזיסט, דערגיס איכ צוויי גלעזער וואסער, דאָס אייגענע טוט מענ אינ דער היימ אויכ, לעמאָשל, מײַנ ברודער עליע טרינקט אויס א גלעזל קוואס, דערגיסט ער באלד מיט וואסער. ער איז געדעכט. ס'איז אנ אווײרע א קאָפּעקע. מײַנ שווענערנ בראָכע טרינקט אויס א פאָר גלעזלעכ קוואס (זי האָט ליב מײַנ ברודער עליעס קוואס — סאקאָנעס!), דערגיסט זי באלד מיט וואסער. די מאמע פארזוכט אמאָל א גלעזל קוואס (זי דארפ מענ בעטנ. אליינ וועט זי ניט נעמענ!), דערגיסט מענ באלד מיט וואסער. האקלאל, עס גייט ניט כאָסער[2] קיינ טראָפּנ, אונ מיר מאכנ, קיינ אײַנאָרע, פײַנ געלט. די מאמע האָט זיכ ארומגעצאָלט מיט א סאכ כויוועס. אויסגעלייזט א פאָר נייטיקע מאשקאָנעס, דאָס בעטגעוואנט. אינ שטוב האָט זיכ באוויזנ א טישל, א בענקל. אפ שאבעס האָבנ מיר פיש אונ פלייש אונ ווײַסע קוילעטשנ. מיר האָט מענ צוגעזאָגט, אימירצעשעמ, אפ יאָמטויוויממ א פאָר שטיוועלעכ נײַע. מיר דאכט, אז קיינעמ איז ניט אזוי גוט, ווי מיר!

1 אָנ א גוזמע. ניט איבערגעטריבנ.

2 עס גייט ניט פארלוירנ.

ה

גייט זײַט א נאָווי און טרעפּט, אז ס'וועט זיך טרעפנ אזא מינ אומגליק, אונ אונדזער געטראנק וועט ווערנ פּאָסל, כאָטש נעמט גיסט אים ארויס אינ פּאָמעניצע! נאָך א גליק, וואָס מע האָט מיך ניט פארנומענ אינ פּאָליציע. הערט א מײַסע! איינמאָל האָב איך פארבלאָנדזשעט מיטנ קרוג קוואס צו אונדזער שכיינע פּעסיע. דער גאנצער אוילעם האָט גענומענ צו גלעזלעך קוואס, אונ איך אליינ אויך מיט זיי. אויפגערעכנט, אז עס פעלט מיר א גלעזלעך צוועלפ—דרײַצנ געטראנק, האָב איך מיך ארײַנגעכאפּט אינ הויז, דאָרטנ, ווו דאָס וואסער שטייט בא זיי. אָנשטאָט דער דייזשע מיט וואסער האָב איך, אפּאָנעם, געטראָפנ צו דער באלייע, ווו מע וואשט גרעט, אונ ארײַנגעפּליאָסקעט א פּופּצנ—צוואנציק גלעזער צו מיר אינ קרוג ארײַנ, אונ בינ אוועק אינ גאס ארײַנ מיט א נײַעמ ניגנ, וואָס איך אליינ האָב צוגעטראַכט:

יִדנ, א געטראנק!
טאַמ גאנײַדנ!
אזא יאָר אפּ מיר,
אפּ אײַך אונ אפּ אונדז בײַדנ!

שטעלט מיך אָפּ א ייִד, באצאָלט מיר א קאָפּעקע אונ ער הייסט זיך אָנגיסנ א גלעזל קוואס. ער טרינקט אויס דאָס גאנצע גלאָז אונ פארקרימט זיך.

— יִנגעלע! וואָס איז דאָס בא דיר פאר א געטראנק?

איך הער אים אינ טראָק. עס שטייענ נאָך צוויי יִדנ אונ וואַרטנ, איך זאָל זיי שוינ אָנגיסנ. איינער זופּט אָפּ א האלבע גלאָז, דער אנדערער א דריטל. זיי באצאָלנ, שפּײַענ אויס אונ גייענ אוועק. נאָך איינער טראָגט צו דאָס גלאָז צו די ליפּנ. ער פארזוכט אונ זאָגט, אז סע שמעקט מיט זייפ אונ ס'איז, דאכט זיך, געזאלצנ. נאָך איינער טוט א קוק אפּנ גלאָז אונ גיט מיר אָפּ צוריק מיט די ווערטער:

— וואָס איז דאָס בא דיר?

— אזא געטראנק, — זאָג איך.

— א געטראנק? — מאכט ער צו מיר. — א געשטאנק, נישט קיינ געטראנק!

איינער גייט צו, פארזוכט אונ טוט א פּאָליאָסקע אויס דאָס גלאָז גלײַך מיר אינ פּאָנעמ ארײַנ. אינ א מינוט ארומ שטייענ ארומ

מיר א גאנצע רעדל מיט יידן, ווייבער און קינדער. אלע ריידן, מאכן מיט די הענט, קאָכן זיך. דערזעט א יאָוון, אז מע קלייבט זיך, גייט ער צו און פרעגט, וואָס איז דאָ? דערציילט מען אים. גייט ער און קוקט אריין צו מיר אין קרוג אריין און הייסט זיך געבן פארזוכן. גיס איך אים אָן א גלעזל מיט קוואס. דער יאָוון טוט א טרונק אָפּ און שפּייט אויס און ווערט מאָלע-רעציכע.

— ווו האָסטו גענומען אזעלכע פּאָמאָיעס? — פרעגט ער מיך.

— דאָס איז פון א בוך, — זאָג איך אים. — מיין ברודערס מעלאָכע. מיין ברודער אליין מאכט דאָס.

— ווער איז דיין ברודער? — פרעגט ער מיך.

— מיין ברודער עליע. — זאָג איך אים.

— וואָסער עליע? — פרעגט ער מיך.

— דאבער נישט[1], דו נארישער יאָלד, אָפּ דיין אָכי[2]! — זאָגן צו מיר עטלעכע יידן אלע מיטאמאָל. עס ווערט א טומל, א ראַש, א מעהומע. אלע מינוט קומען צו נייע מענטשן. דער יאָוון האלט מיך פאר א האנט און וויל אונדז אָפּפירן (מיך מיטן געטראנק) גלייך אין פּאָליציע אריין. דער טומל ווערט נאָך גרעסער: „א יאָסעם! נעבעך, א יאָסעם!” — הער איך פון אלע זייטן. דאָס הארץ זאָגט מיר, אז איך האלט שמאָל. איך קוק אָפּ אוילעם, וואָס ארום מיר: „יידן, האָט ראכמאָנעס!”.. מע וויל ארייַנרוקן דעם יאָוון א מאטבייע. דער יאָוון נעמט ניט. רופט זיך אָן צו מיר איינער, אן אלטער ייד מיט גנייווישע אויגן, פארשטעלט, אָפּ לאָשן-קוידעש:

— מאָטל! רייס ארויס דעם יאָד פונעם יאָוון און הייב אוף די ראגלאיִם און מאך פלייטע!

איך טו זיך א רייס אויס, נעם די פיס אָפּ די פלייצעס און מארש אהיים! ניט טויט, ניט לעבעדיק, פאל איך אריין אין שטוב אריין.

— ווו איז דער קרוג? — פרעגט מיך מיין ברודער עליע.

— אין פּאָליציע! — ענטפער איך אים און פאל צו צו דער מאמען מיט א געוויין.

---

1 רעד נישט.

2 געמיינט: אָפּ דיין ברודער.

— ווו האָסטו גענומענ אזעלכע פּאָמאָיעס?

VIII

מיר פארפלייצנ די וועלט מיט טינט

א

אוי, בינ איכ געווענ א נאר! דערפאר, וואָס איכ האָב פאר-
קויפט ניט אזא גוטנ קוואס, האָב איכ געמיינט, אז מע וועט מיכ
קעפנ! צומ סאָפ — גאָרנישט. אומזיסט איבערגעשראָקנ. יענטע מעג
פארקויפנ כיילעוו פאר גענדזנ-שמאלצ? אונ געדאַליע דער קאצעוו
האָט ניט געהאָדעוועט די שטאָט א קײַלעכיק יאָר מיט טרייפע פלייש?
אזוי האָט אונדזער שכיינע פעסיע אויסגערעדט מײַנ מאמע דאָס
הארצ. אָנ אקציע מיט מײַנ מאַמענ! אלצדינג נעמט זי זיכ צומ
הארצנ. דערפאר האָב איכ ליב מײַנ ברודער עליע. מײַנ ברודער
עליע פאלט ניט אראָפּ בא זיכ דערמיט, וואָס מיר האָבנ זיכ אָפּ-
געבריט אפנ קוואס. אבי ער האָט דעמ בוכ, איז אימ גוט. ער האָט
געקויפט א בוכ פאר א רובל. דאָס בוכ הייסט: „פאר א רובל
הונדערט!” ער זיצט אונ לערנט אימ אפּ אויסנווייניק. דאָרטנ זײַ-
נענ דאָ אָנ א שיר רעצעפּטנ, וויאזוי מע מאכט געלט. ער קענ
שוינ קימאט אלע רעצעפּטנ. ער ווייסט שוינ, וויאזוי מע מאכט
טינט, וויאזוי מע מאכט שוואקס, וויאזוי מע טרײַבט ארויס מײַז
אונ טאראקאנעס אונ אנדערע מיעסקײַטנ. ער רעכנט, קוידעמ-קאָל,
זיכ נעמענ צו טינט. טינט, זאָגט ער, איז א גוטער ארטיקל. אלע
לערנענ זיכ שרײַבנ. ער איז א באלנ געווענ פרעגנ בא יודל דעמ
שרײַבער, וויפל גייט אוועק בא אימ טינט? זאָגט ער: א פארמעגנ!
יודל דער שרײַבער האָט עפּשער זעכציק מיידלעכ, וואָס ער לערנט
זיי שרײַבנ. ייִנגלעכ לערנענ ניט בא אימ. מע האָט פאר אימ מוירע.
ער שלאָגט זיכ. ער שלאָגט מיט א ווירע איבער די הענט. מייד-
לעכ קאָנ מענ ניט שלאָגנ. שמײַסנ אוודע ניט. עס טוט מיר באנק,
וואָס איכ בינ ניט געבוירנ געוואָרנ בעסער א מיידל. ערשטנס,
וואָלט איכ פארשפּאָרט דאוונענ יעדנ טאָג, ס'איז מיר נימעס גע-
וואָרנ. אלע טאָג איינ זאכ. הײַנט וואָלט איכ נישט געוווּסט פונ
קיינ טאלמוד-טוירע. א האלבנ טאָג גיי איכ אינ טאלמוד-טוירע. לערנענ
לערנ איכ אפנ שפּיצ מעסער, נאָר פּעטש כאַפּ איכ אָנ א שיר.
איר מיינט, פונעמ רעבנ? דאַפקע פונ דער רעבעצנ. איר אייסעק,
וואָס איכ האָדעווע די קאצ! — איר זאָלט אָנקוקנ בא איר א קאצ —
א גאָטס ראכמאָנעס! טאָמיד איז זי הונגעריק. ניאווקענ ניאווקעט זי

שטילערהייט, מיט א געוויין, ווי לעהאוודל א מענטש. עס רײַסט
אויס א שטיק הארץ! בא זיי איז אָבער ניטאָ קיין קאָפּ ראכמאָנעס.
וואָס האָבן זיי צו איר? לאָז זי צוגיין צו עמעצן א שמעק טאָן —
טוט מען אפּ איר א געשריי: א טפּרוסס! פליט זי אוועק, ווו דער
שווארצער פעפער וואקסט. קיין קאָפּ לאָזט מען איר ניט אופהייבן.
אנומלטן איז זי גאָר פארפאלן געוואָרן אפּ עטלעכע טעג. איך
האָב געמיינט, אז זי איז כאָלילע געפּייגערט. צום סאָף האָט זי
זיך געקעצלט... איך קער מיך אום צו מײַן ברודער עליעס טינט.

ב

מײַן ברודער עליע זאָגט, אז די וועלט איז געוואָרן גאָר נישט
דאָס, וואָס אמאָל. אמאָל, אז מע פלעגט מאכן טינט, האָט מען,
זאָגט ער, באדארפט קויפן גאָליש-עפּעלעך, די גאָליש-עפּעלעך צע-
קלאפּן, נאָכדעם קאָכן זיי אפּן פײַער, ווייס איך וויפל, נאָכדעם
ארײַנוווארפן קופּערוואסער: און ביכדיי די טינט זאָל גלאנצן, האָט
מען נאָך געמוזט צוגעבן א שטיקל צוקער — א גאנצער טארעראם!
הײַנט, זאָגט ער, איז אזא כיעס! איך קויף מיר, זאָגט ער, אין
דער אפּטייק א „פּראָשעק" אזעלכן מיט א פלעשל „גליצערינע",
מיש דאָס אויס מיט וואסער, א זיד אפּן פײַער — און פארטיק
טינט. אזוי זאָגט מײַן ברודער עליע. ער איז אוועק אין דער אפּ-
טייק און האָט געבראכט א גוזמע „פּראָשקעס" און „גליצערינע" א
גאנצע פלאש. נאָכדעם האָט ער זיך פארשפּארט אין אלקער און
האָט עפּעס געטאָן. וואָס — ווייס איך ניט. ס'א סאָד, אלצדינג איז
בא אים א סאָד. אז ער דארף זאָגן דער מאמען, לעמאָשל, זי זאָל
אים געבן דאָס אייבערשטע פונעם שטויסל, רופט ער זי אָפּ אפּ
א זײַט און זאָגט איר שטילערהייט: „מאמע! דאָס אייבערשטע פו-
נעם שטויסל". די „פּראָשקעס" מיט דער „גליצערינע" האָט ער
אויסגעמישט אין א גאנצן גרויסן טאָפּ (א נײַעם טאָפּ געקויפט).
דעם טאָפּ מיטן געמישעכץ האָט ער פארוקט אין אויוון און האָט
געבעטן די מאמע שטילערהייט, זי זאָל פארקייטלען די טיר. מיר
אלע האָבן געמיינט, מי-יעדייע וואָס. די מאמע האָט אלע מינוט גע-
כאפּט א קוק צום אויוון. אפּאָנעם, זי האָט מוירע געהאט, דער
אויוון זאָל ניט צעפּאלן ווערן אפּ שטיקלעך. נאָכדעם האָט מען
ארײַנגעקאָטשעט אין שטוב ארײַן דאָס פעסל פון קוואס. נאָכדעם
האָט מען פאוואָלינקע ארויסגענומען דעם טאָפּ פונעם אויוון און
מע האָט פאוואָלינקע ארײַנגעגאָסן דאָס געמישעכץ אין פעסל ארײַן.

נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבן גיסן אין פּעסל אַרײַן וואַסער. אַז דאָס פּעסל איז געוואָרן אָנגעפּילט העכער האַלב, האָט מײַן ברודער עליע אַ זאָג געטאָן: „גענוג"! און האָט זיך גענומען צום בוך וואָס „פּאַר אַ רובל — הונדערט". געקוקט און געהייסן שטילערהייט זיך ברענגען אַ פרישע פּען מיט אַ ווײַסן בויגן פּאַפּיר. „וואָס מע שרײַבט פּראָשעניעס" — האָט ער אַ זאָג געטאָן שטילערהייט דער מאַמען אַפּן אויער. אײַנגעטונקען די פּען אין פּאַס און געגעבן אַ שרײַב עפּעס אַפּן ווײַסן בויגן פּאַפּיר מיט אַ דריידל און מיט אַ צוק. דאָס אָנגעשריבענע האָט ער צוגעטראָגן פריִער צו דער מאַמען, נאָך עם צו מײַן שוועגערן בראָכע. די ביידע האָבן געגעבן אַ קוק אַרײַן און אַ זאָג צו אים:

— סע שרײַבט!

באַלד נאָכדעם האָט מען זיך גענומען ווידער צו דער פריִערדיקער אַרבעט. אָנגעגאָסן נאָך אַ פּאָר עמער וואַסער, האָט מײַן ברודער עליע אויפגעהויבן די האַנט: „גענוג!" ווידעראַמאָל אײַנגעטונקען די פּען אין פּאַס, ווידעראַמאָל געגעבן אַ שרײַב אַרײַן אין ווײַסן פּאַפּיר אַרײַן און ווידעראַמאָל צוגעטראָגן דאָס אָנגעשריבענע פריִער צו דער מאַמען און נאָכדעם צו מײַן שוועגערן בראָכע. די ביידע האָבן ווידער געגעבן אַ קוק אַרײַן אין פּאַפּיר אַרײַן און אַ זאָג:

— סע שרײַבט.

אָט אַזוי עטלעכע מאָל, ביז דאָס פּאַס איז געוואָרן פול, ווי אַן אויג. עס איז שוין ניט געווען וווהין צו גיסן וואַסער, דעמלט האָט מײַן ברודער עליע געגעבן אַ הייב אויף די האַנט: „גענוג" — און מיר אַלע פיר האָבן זיך געזעצט עסן.

ג

נאָכן עסן האָבן מיר זיך גענומען צום צעגיסן די טינט אין פלעשער. פלעשער האָט מײַן ברודער עליע צונויפגעבראַכט פון דער גאַנצער וועלט, אַלערליי פלעשער און פלעשלעך. גרויסע און קליינע. פלעשער פון ביר, פלעשער פון ווײַן, פלעשער פון קוואַס, פלעשער פון בראַנפן. און גלאַט פלעשער. אויך פּראָבקעס האָט ער אײַנגעהאַנדלט אַלטע, ס'זאָל קאָסטן וועלוועלער. און אַ „לייקע" האָט ער געקויפט אַ נײַע, און אַ קווערטל אַ בלעכנס, אַפּ צו גיסן די טינט פון פאַס אין די פלעשער. דאָ האָט ער ווידער אײַנגערוימט דער מאַמען אַ סאָד, זי זאָל פאַרקייטלען די טיר. נאָכדעם האָט

מיר ביידע, איך און מײַן ברודער עליע, האָבן זיך געמאַכט
שוואַרץ, ווי די שיידים.

מענ זיכ אַלע פיר גענומענ צו דער אַרבעט. די אַרבעט איז געווענ איינגעטײלט דאָפקע גוט. מײַנ שוועגערנ בראָכע האָט די פלעשער דורכגעשווענקענ אונ איבערגעגעבנ צו דער מאַמענ. די מאַמע האָט אַרײַנגעקוקט אינ יעדער פלאַש אונ איבערגעגעבנ צו מיר אינ די הענט אַרײַנ. איכ האָב נאָר באַדאַרפט אַרײַנשטעקנ אינ פלאַש אַרײַנ די „לײקע” אונ צוהאַלטנ מיט אײנ האַנט די לײקע, מיט דער אַנדערער די פלאַש. אונ מײַנ ברודער עליע האָט געהאַט אײנ אַר-בעט: אָנעמענ מיטנ קווערטל פונ פאַס אונ גיסנ צו מיר איבער דער „לײקע”. אַנ אַרבעט איז דאָס זײער אַ ווילע, אַ פרײלעכע. אײנ כיסאָרנ נאָר: ס'איז טינט — עס פלעקט די פינגער, די הענט, די נאָז, דאָס גאַנצע פּאָנעם. מיר בײדע, איכ אונ מײַנ ברודער עליע, האָבנ זיכ געמאַכט שוואַרצ ווי די שײדימ. דאָס ערשטע מאָל זע איכ, מײַנ מאַמע זאָל לאַכנ. פונ מײַנ שוועגערנ בראָכע שמועסט מענ ניט: יענע איז שיר צעזעצט געוואָרנ פאַר געלעכטער, מײַנ ברודער עליע האָט מײַנט, אַז מע לאַכט פונ אימ, בײזערט ער זיכ אָפּ מײַנ שוועגערנ בראָכע אונ פרעגט זי, וואָס זי לאַכט. לאַכט זי נאָכ שטאַרקער. ווערט ער נאָכ מער אינ קאַס, לאַכט זי נאָכ מער. אַלע מינוט כאַפּט זי אָנ אַ ספּאַזמע. מאַמעש זי נעמט אײנ אַ ניסע-מעשונע! ביז די מאַמע הײבט זיכ אָנ בעטנ, עס זאָל האָבנ אַ סאָפ, אונ אונדז זאָגט זי, מיר זאָלנ זיכ אײַנוואַשנ. מײַנ ברודער עליע האָט אָבער קײנ צײַט ניט. אימ קריכט ניט אינ קאָפּ וואַשנ זיכ. אימ ליגט דער קאָפּ אינ פלעשער. אויסגעגאַנגענ אַלע פלעשער. ניטאָ קײנ פלעשער! ווו קריגט מענ נאָכ פלעשער? ער רופט אָפּ מײַנ שוועגערנ בראָכע אָפּ אַ זײַט, גיט איר געלט אונ רוימט איר אײַנ אַ סאָד, זי זאָל גײנ נאָכ פלעשער. הערט זי אימ אויס, כוט אימ אַ קוק אינ פּאָנעמ אַרײַנ אונ שיסט אויס אַ געלעכטער. ווערט ער אינ קאַס אונ רופט אָװעק די מאַמע אָפּנ זעלבנ סאָד. די מאַמע גײט אַוועק קויפנ פלעשער, אונ מיר נעמענ זיכ גיכנ וואַסער אינ פאַס אַרײַנ. פאַרשטײט זיכ, ניט מיטאַמאָל — ביסלעכווײַז. נאָכ יעדער עמער וואַסער טוט ער אַ הײב אופ די האַנט אונ אַ זאָג צו זיכ אַלײנ: „גענוג!” נאָכדעמ טוט ער אַ טונק אײַנ די פענ אינ פאַס אונ אַ שרײַב אַרײַנ אינ ווײַסנ פּאַפּיר אַרײַנ אונ אַ זאָג צו זיכ אַלײנ:

— סע שרײַבט!

אונ אַזוי עטלעכע מאָל, ביז די מאַמע קומט צו גײנ מיט אַ נײַעמ טראַנספּאָרט פלעשער. מיר נעמענ זיכ ווידער צו דער פּרויער-

דיקער ארבעט: גיסן טינט פון פאַס אין פלאַש. ביז מיר בלײַבן ווידער אָן פלעשער.

— ביזוואַנען איז דער שיר? — טוט א זאָג מײַן שוועגערן בראָכע.

— קיין אײַנאָרע ניט! — מאַכט די מאַמע, און מײַן ברודער עליע טוט אַפּ בראָכען א בייזן קוק, ווי איינער רעדט:

— ביסט מיר טאַקע א ווײַב, נאָר א בעהיימע ביסטו, זאָל זיך גאָט דערבאַרעמען!

ד

וויפל טינט מיר האָבן — קאָן איך אײַך ניט זאָגן. איך האָב מוירע, אויב ניט טויזנט פלעשער! נאָר וואָס קומט אַרויס — ס'איז ניטאָ זיי ווו אַהינצוטאָן. מײַן ברודער עליע איז געווען שוין אומעטום. פאַרקויפן לאַאַכאָדים, פלעשלעכווײַז — איז נישט קיין פּלאַן. אַזוי זאָגט מײַן ברודער עליע צו אונדזער שכיינעס מאַן, מוישע דעם אײַנבינדער. אַז ער איז אַרײַנגעקומען צו אונדז און דערזען, קיין אײַנאָרע, אַזויפיל פלעשער, האָט ער זיך דערשראָקן און זיך געגעבן אַזש א וואָרף צוריק. דערזעט מײַן ברודער עליע, און עס קומט פאַר צווישן די צוויי א מאָדנער שמועס. איך גיב אײַך איבער דאָ דעם שמועס וואָרט בא וואָרט:

עליע: וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן?

אײַנבינדער: וואָס איז בא דיר אין די פלעשער?

עליע: וואָס זאָל זײַן? ווײַן!

אײַנבינדער: וואָסער ווײַן? ס'דאַכט טינט!

עליע: הײַנט וואָס זשע פרעגט איר?

אײַנבינדער: וואָס וועסטו טאָן מיט אַזויפיל טינט?

עליע: טרינקען.

אײַנבינדער: ניין, איך מיין אָן קאַטאָוועס. וועסט פאַרקויפן לאַאַכאָדים אויך?

עליע: וואָס בין איך, א מעשוגענער? אַז פאַרקויפן, וועל איך פאַרקויפן צען פלעשער, צוואַנציק פלעשער, פופציק פלעשער. דאָס ווערט אָנגערופן „הורט". איר ווייסט, וואָס הייסט „הורט"?

אײַנבינדער: איך ווייס, וואָס הייסט הורט. וועמען וועסטו פאַרקויפן?

עליע: וועמען? דעם ראָוו!

און מײַן ברודער עליע גייט אַוועק צו די קרעמער. געקומען צו איינעם, א גרויסן הורטאָווניק, הייסט ער זיך ברענגען א פלעשל.

ער וויל עס אָנקוקנ. דעמ אנדערנ האָט ער געבראכט א פלאש טינט, וויל ער ניט נעמענ אינ די הענט אריינ, ווייל ס'איז אָנ א קוויטל. אפנ פלעשל דארפ זיינ, זאָגט ער, א שיינ קוויטל מיט א צאצקע. זאָגט אימ מיינ ברודער עליע: „איכ מאכ ניט קיינ צאצקעס, איכ מאכ טינט". ענטפערט ער אימ: „מאכט געזונטערהייט". האָט ער זיכ א וואָרפ געטאָנ צו יודל דעמ שרייבער. האָט אימ יודל דער שרייבער געזאָגט עפעס זייער א מיִעס וואָרט. ער האָט שוינ, זאָגט ער, זיכ אָנגעקויפט מיט טינט אפ א גאנצנ זומער. פרעגט אימ מיינ ברודער עליע: „וויפל פלעשער טינט האָט איר דאָס איינ-געהאנדלט?" זאָגט אימ יודל דער שרייבער: „פלעשער? איכ האָב געקויפט א פלאש טינט, וועל איכ האָבנ און האָבנ, ביז ס'וועט אויסגיינ, וועל איכ קויפנ נאָכ א פלאש"... אָט האָסטו דיר א געשעפט! א שרייבערוק קאָנ! פריִער האָט ער געזאָגט, אז אפ טינט גייט בא אימ אוועק א פארמעגנ; איצט קויפט ער א פלאש טינט, וועט ער האָבנ און האָבנ!.. מיינ ברודער עליע איז נעבעכ אויס מענטש. ער ווייסט ניט, וואָס זאָל ער טאָנ מיט אזויפיל טינט? פריִער האָט ער געזאָגט, אז לאאכאָדימ פארקויפט ער ניט קיינ טינט, נאָר הורט. איצט איז ער בעסער געוואָרנ. ער וועט שוינ אָנהייבנ, זאָגט ער, פארקויפנ לאאכאָדימ. איכ וואָלט שוינ א באלנ זיינ וויסנ, וואָס הייסט „לאאכאָדימ"?

אָט וואָס „לאאכאָדימ" הייסט. איר מעגט דאָס האָרכנ.

ה

מיינ ברודער עליע האָט געבראכט צו טראָגנ א גרויסנ בויגנ פאפיר. ער האָט זיכ אוועקגעזעצט און אָנגעשריבנ מיט גרויסע סידער-אויסיִעס [1]:

דאָ פארקויפט מענ טינט הורט
און לאאכאָדימ גוט און וואָלוול

די צוויי ווערטער „לאאכאָדימ" און „וואָלוול" זיינענ געוועזנ אזוי גרויס, אז זיי האָבנ פארנומענ קימאט דעמ גאנצנ בויגנ. אז דאָס אָנגעשריבענע האָט זיכ אויסגעטריקנט, האָט ער דאָס פאפיר אויסגעהאנגענ בא אונדז אפ דער טיר פונ יענער זייט. א סאכ

1 געמיינט: גרויס'נ אויסיעס.

מענטשן זײַנען דורכגעגאַנגען און האָבן זיך אָפּגעשטעלט קוקן. איך האָב עס געזען דורכן פענצטער. מײַן ברודער עליע קוקט אויך אין פענצטער אַרײַן און ברעכט די פינגער. א סימען, אַז ער איז צע־טראָגן. ער מאַכט צו מיר:

— ווייסטו וואָס? גיי אומיסטנע שטעל זיך אוועק בא דער טיר און הער זיך צו, וואָס זאָגט מען?

מיך דאַרף מען לאַנג ניט בעטן. איך שטעל מיך אוועק בא דער טיר און הער זיך צו, וואָס זאָגט מען: ווער עס שטעלט זיך אָפּ און וואָס מע רעדט. אָפּגעשטאַנען אַקעגן א האַלבע שאָ, קום איך אַרײַן צוריק אין שטוב. מײַן ברודער עליע גייט צו צו מיר און פרעגט מיך שטיל:

— נו?

— וואָס נו?

— וואָס האָבן זיי געזאָגט?

— ווער?

— די מענטשן, וואָס זײַנען געגאַנגען פאַרבײַ.

— זיי האָבן געזאָגט, אַז ס'איז שיין אָנגעשריבן.

— און מער גאָרנישט?

— מער גאָרנישט.

מײַן ברודער עליע זיפצט. וואָס זיפצט ער? די מאַמע פרעגט אים אויך דאָס זעלבע.

— וואָס זיפצסטו, נאַרעלע? וואַרט אויס א קאַפּ. אין איין טאָג, ווילסטו, זאָל אויספאַרקויפט ווערן די גאַנצע סכוירע?

— כאָטש א פּעטשאַטעק!.. — זאָגט איר מײַן ברודער עליע מיט טרערן אין האַלדז.

— ביסט א גרויסער נאַר, זאָג איך דיר. וואַרט אויס, מײַן קינד, דו וועסט, אימירצעשעם, האָבן א פּעטשאַטעק אויך.

אזוי זאָגט צו אים די מאַמע און גרייט צום טיש. מיר וואַשן זיך און גייען עסן. מיר שפּאַרן זיך צונויף אַלע פיר אינאיינעם. איבער די פלעשער איז ענג אין שטוב — סאָקאָנעס. נאָרוואָס מיר האָבן געמאַכט האַמויצע[1], לויפט אַרײַן א באָכערל. א ציקאָווע באָ־כערל. ער איז שוין א כאָסן. איך קען אים. קאָפּל הייסט ער. דער טאַטע זײַנער איז א שנײַדער. א דאַמסקע שנײַדער.

— דאָ פאַרקויפט זיך טינט לאַכאָדימ?

---

1 געמיינט: אָנגעהויבן עסן.

— יאָ, וואָס איז דען?
— איך האָב געוואָלט א ביסל טינט.
— וויפל דארפסטו טינט?
— גיט מיר פאר א קאָפּעקע טינט.
מײַן ברודער עליע איז אויסער זיך. ער זאָל זיך ניט שעמען פאר דער מאמען, וואָלט ער אָט דעם כאָסן קאָפּל פריִער דורכגע-פּאטשט און נאָכדעם ארויסגעוואָרפן פון שטוב. ער האלט זיך איין און גיסט אים אָן פאר א קאָפּעקע טינט. עס גייט ניט אוועק קיין פערטל שאָ, קומט ארײַן א מיידל. דאָס מיידל קען איך ניט. זי קאלופּעט מיטן פינגער די נאָז און רעדט צו מײַן מאמען:
— דאָ מאכט מען טינט?
— יאָ, וואָס איז דען?
— די שוועסטער האָט געבעטן, טאָמער קאָנט איר איר לײַען א ביסל טינט? זי דארף אוועקשרײַבן א בריוול קיין אמעריקע צו איר כאָסן.
— ווער איז דײַן שוועסטער?
— באסיע די נייטערן.
— א? זע נאָר, ווי זי איז אויסגעוואקסן! קיין אײַנאָרע! איך האָב דיך גאָר ניט דערקענט. א טינטערל האָסטו?
— ווי קומט צו אונדז א טינטערל? מײַן שוועסטער האָט גע-בעטן, טאָמער האָט איר א פען, זי וועט נאָר אָנשרײַבן דאָס בריוול קיין אמעריקע, גיט זי אײַך אָפּ צוריק די טינט און פען.
מײַן ברודער עליע איז נישטאָ באַם טיש. ער איז אין אלקער. ער גייט ארום מיט שטילע טריט, קוקט אראָפּ און בײַסט די נעגל.

ו

— וואָס האָסטו אָנגעמאכט אזוי פיל טינט? האָסט, אפּאָנעם, גאַנ-וואָלט פארזאָרגן די וועלט מיט טינט, טאָמער וועט זײַן א הונגער אף טינט?
אזוי האָט אים געזאָגט אונדזער שכייניעס מאן, מוישע דער אײַנבינדער. א מאָדנער ייִד אָט דער אײַנבינדער! ער האָט אײַך א טעווע זאלצן יענעם אף די ווונדן, אזוי איז ער, דאכט זיך, ניש-קאָשע פון א מענטש, נאָר א ביסל א נודניק. האָט ליב זיך אײַנעסן יענעם אין דער גארגערעס. מײַן ברודער עליע האָט אים אָבער גוט געגעבן! ער האָט אים געזאָגט, אז ער זאָל בעסער אכטונג געבן אף

זיכ אליינ, ער זאָל ניט פאַרבײַטנ די יאָצרעס[1]. ניט בײַנדנ א האגאָדע מיט א סליכע אינײנעם... מוישע דער אײַנבינדער ווייסט שוינ, וואָס דער שטאָכ באַדײַט! ער האָט אמאָל גענומענ א שטיקל ארבעט בא א ייִדנ א באַלעגאָלע. א האגאָדע האָט אים דער באַלע-גאָלע געגעבנ אײַנבינדנ. האָט זיכ געטראָפנ אנ אומגליק: אלפּי טאָעס, האָט דער אײַנבינדער ארײַנגעבונדנ אינ דער האגאָדע א שטיק פונ א פרעמדער סליכע. דער באַלעגאָלע וואָלט זיכ עפּשער ניט כאַפּנ, האָבנ די שכיינים דערהערט, אז אָנשטאָט „שפויכ כאַמאָסכאָ אל האגויִמ" האָט דער באַלעגאָלע געגעבנ א זינג אויס מיט א וויינענ-דיקנ ניגנ פונ סליכעס „האנעשאָמאָ לאָכ וועהאגופ פּאָאָלייכ"... ס'איז געוואָרנ זייער א גרויס געלעכטער. אפ מאָרגנ איז דער באַ-לעגאָלע געקומענ צו אונדזער שאָכנ דעם אײַנבינדער אונ האָט אים געוואָלט צערײַסנ אפ צווייענ.

— גאזלענ, וואָס האָט איר געהאט צו מיר? לעמײַ האָט איר ארײַנגעהאקט אינ מײַנ פּייסעכדיקער האגאָדע א כאָמעצדיקע סליכע? אָט רײַס איכ אײַכ ארויס די קישקעס פונ בויכ!..

· יאָ, מיר האָבנ געהאט דעמלט א פריילעכנ פּייסעכ.

נאָר האָט קיינ פאריבל ניט, וואָס איכ בינ ארײַנ מיט א פרעמ-דער מײַסע. איכ קער מיכ באלד אום צוריק צו אונדזערע גאָלדענע געשעפטנ.

IX

נאָכווייעניש פונ דער טינט־פארפלייצונג

א

מײַנ ברודער עליע גייט ארום אינ איינע צאָרעס. וואָס טוט מענ מיט דער טינט?

— ווידעראמאָל טינט? — זאָגט אים די מאמע.

— איכ רייד נישט פונ קיינ טינט! — ענטפערט איר מײַנ ברו-דער עליע. — כאפּט דער רועכ די טינט! איכ רייד פונ די פלע-שער! עס ליגט א קאפּיטאל אינ די פלעשער! מע דארפ זענ אויס-ליידיקנ די פלעשער אונ מאכנ פונ זיי געלט!..

פונ אלצדינג מאכט ער געלט! אונ עס בלײַבט, אז מע דארפ די טינט אויסגיסנ צו אלדי שווארצע יאָר! שלעכט איז נאָר איינ

1 געמיינט: אָנפלאָנטערנ.

זאָג: וווּהין גיסט מען אויס אַזויפיל טינט? עס איז פּאַשעט אַ ביזאָיען!..

— עס וועט זיך ניט העלפן. — זאָגט מײַן ברודער עליע. — מע וועט מוזן צוװאַרטן ביז באַנאַכט. באַנאַכט איז פֿינצטער, וועט קיינער ניט זען.

קוים דערלעבט נאַכט. אַפֿ צולאָכעס, שײַנט די לעװאָנע, ווי אַ לאַמטערן. דעמלט ווען מע דאַרף, וועט זי זיך באַהאַלטן. איצט איז זי דאָ. מע האָט געשיקט נאָך איר!.. אַזוי זאָגט מײַן ברודער עליע, און מיר טראָגן אַרויס אַ פֿלאַש נאָך אַ פֿלאַש — און פֿליוך אין דרויסן אַרויס. פֿון גיסן אַפֿ איין אָרט ווערט אַ טײַך. מע דאַרף נישט גיסן קעסיידער אַפֿ איין אָרט. אַזוי זאָגט צו מיר מײַן ברודער עליע, און איך פֿאָלג אים. איך זוך אויס אַלעמאָל אַ פֿריש אָרט. יעדע פֿלאַש האָט בײַ מיר אַן אַנדער אָרט. דער שכיינעס וואַנט — פֿליוך! דעם שאָכנס פּאַרקאַן — פֿליוך! צוויי ציגן ליגן אַקעגן דער לעװאָנע און מאַלעגיירען — פֿליוך!

— הײַנטיקס מאָל גענוג! — זאָגט מײַן ברודער עליע, און מיר גייען שלאָפֿן. שטיל און פֿינצטער. עס לאָזט זיך הערן דער טשירקון. פֿון אונטערן אויוון הערט זיך אַ מרוקען פֿון דער קאַץ. אַ גרויסע פּעפּערן: טאָג ווי נאַכט וואָלט זי זיך נאָר געוואַרעמט און געדרעמלט. אין הויז אַפֿ יענער זײַט טיר הערן זיך שטילע טריט. עפּעס אַ ניטגוטער?.. די מאַמע שלאָפֿט נאָך ניט. זי שלאָפֿט, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט. איך הער זי שטענדיק, ווי זי קנאַקט די פֿינגער, זיפֿצט און קרעכצט און רעדט צו זיך אַליין. אַזאַ טעווע בײַ איר. אַלע נאַכט טײַנעט זי זיך אויס אַ ביסל. זי דערציילט איר אירע גרויסע צאָרעס. מיט וועמען רעדט זי דאָס? מיט גאָט?.. אַלע מינוט לאָזט זי אויס מיט אַ קרעכץ:

— אוי, גאָט! גאָט!..

ב

איך ליג נאָך אַפֿ מײַן געלעגער, אַפֿ דער ערד, און הער פֿון עמ שלאָף אַ הו-האַ. עס לאָזן זיך הערן אַלערליי באַקאַנטע קוילעס. ביסלעכווײַז עפֿן איך אויף די אויגן — ס'איז שוין גרויסער טאָג. די שײַן פֿון דער זון האָט זיך אַרײַנגעריסן דורכן פֿענצטער. רופֿט מיך אין דרויסן אַרויס. איך וויל מיך דערמאָנען, וואָס איז געווען נעכטן — אַהאַ! טינט!.. איך כאַפּ מיך אויף און טו זיך אָן אַפֿגיך. מײַן מאַמע איז פּאַרווײַנט (ווען איז זי ניט פֿאַרווײַנט?), מײַן שוועגערן בראָכע איז אין קאַס (ווען איז זי ניט אין קאַס?), און מײַן ברודער עליע

צוויי ציגנ ליגנ אקעגנ דער לעוואָנע אונ מאלעגיירענ — פליוכ!

שטייט אינ מיטנ שטוב, דעם קאָפּ אראָפּ, כאָמש מעלק אים אויס.
וואָס איז די מײַסע? ניט איינ מײַסע, נאָר עטלעכע מײַסעס! אונ-דזערע שכיינים זײַנע אופגעשטאנענע אינדערפרי, האָט זיכ אָנגעהויבנ א כאַסענע — מע האָט זיי געקוילעט. איינעם האָט מענ אָפּגעשפריצט די גאנצע וואנט מיט טינט. דעם אנדערנ האָט מענ אָפּגעגאָסנ דעם פארקאנ, א נײַעם פארקאנ. דער דריטער האָט געהאט צוויי ווײַסע ציגנ. האָט מענ זיי אימ געמאכט שווארצ, נישט צו דערקענענ. דאָס אלצ וואָלט נאָכ געווענ צו דערלײַדנ, ווענ ניט דעם שויכעטס זאָקנ.
א נײַע פּאָר זאָקנ, ווײַסע זאָקנ, האָט די שויכעטקע אויסגעהאנגענ בא אונדזער שכיינע אפנ פארקאנ, האָט מענ פונ זיי געמאכט א טעל. עמעצער האָט זי געבעטנ, זי זאָל אויסהענגענ זאָקנ אפּ א פרעמדנ פארקאנ. די מאמע האָט איר צוגעזאָגט אָפּקויפנ א פּאָר נײַע זאָקנ, אבי ס׳זאָל זײַנ שטיל. וואָס זשע וועט זײַנ מיט דער וואנט? מיטנ פארקאנ? ס׳איז געבליבנ, אז מײַנ מאמע מיט מײַנ שוועגערנ בראָכע זאָלנ מעכילע זיכ אוועקשטעלנ מיט צוויי בערשטלעכ אונ מיט ווײַסער ליים אונ פארשמירנ די פלעקנ.
— אײַער גליק, וואָס איר האָט אָנגעטראָפנ אפּ ערלעכע שכיי-נים. ווענ איר טרעפט מיט אײַער טינט אפּ מענאשע דעמ רויפעס גאָרטנ, וואָלט איר געוווסט וואָס פאר א גאָט מיר האָבנ!
אזוי זאָגט אונדזער שכיינע פעסיע צו מײַנ מאמענ.
— וואָס זשע מיינט איר? צו שלימאזל באדארפ מענ איכ האָבנ מאזל! — ענטפערט איר די מאמע אונ קוקט אפּ מיר.
וואָס מיינט זי, אשטייגער?..

ג

— איצט וועל איכ שוינ זײַנ קליגער. — מאכט צו מיר מײַנ ברודער עליע. — לאָז נאָר ווערנ נאכט, אזוי טראָגנ מיר אָפּ די פלע-שער צום טײַכ.
גערעכט, ווי איכ בינ א ייִד! וואָס קאָנ זײַנ נאָכ קליגער דער-פונ? סײַוויכײַ גיסט מענ אינ טײַכ ארײַנ קאָל האפּאסקודסטוועס! דאָרט וואשט מענ גרעט, דאָרט באָדט מענ פערד, דאָרט פּאָליאָסקענ זיכ כאזיירים. איכ בינ מיטנ טײַכ א נאָענטער מעכוטנ. איכ האָב אײַכ שוינ אמאָל באשריבנ, ווי איכ כאפּ דאָרטנ פיש. דערפונ וועט איר לײַכט פארשטיינ, ווי איכ האָב ארויסגעקוקט אפּ דער מינוט, ווענ מיר וועלנ גיינ צום טײַכ. עס איז נאָר געוואָרנ נאכט, האָבנ מיר אָנגעפאקט פולע קוישנ מיט פלעשער אונ גענומענ טראָגנ זיי

צום טײַך. אויסגעגאָסן די טינט, אָפּגעטראָגן די ליידיקע פלעשער אהיים און אָנגענומענע ווידעראמאָל פולע פלעשער. א גאנצע נאכט האָבן מיר אזוי געארבעט. איך האָב שוין לאנג נישט געהאט אזא גוטע פריילעכע נאכט. שטעלט אײַך פאָר: די שטאָט שלאָפט. דער הימל איז אויסגעשטערנט. די לעוואָנע שײַנט אראָפּ אין טײַכל ארײַן. ס'איז שטיל—מעכײַע. דאָס טײַכל איז א לעבעדיק טײַכל. קומט נאָך פייסעך, אז עס צעגייט דאָס אײַז, ארבעט דאָס מײַסים! בלאָזט זיך אָן, צעשפּרייט זיך און צעגיסט זיך. וואָס ווײַטער ווערט דאָס קלע-נער, שמעלער און פלאטשיקער. צום סאָף זומער ווערט דאָס גאָר אנשוויגן. עס כאפּט א דרעמל. עמעצער אָפּן דנאָ אין בלאָטע מאכט: בול-בול-בול. א פאָר זשאבקעס רופן זיך אָפּ פון יענער זײַט: קרוא-קרוא! ס'איז א ביזאָיען, ניט קיין טײַך! איר קאָנט פארשטיין, אז איך קאָן אים איבערגיין צופוס פון ברעג צו ברעג, נישט אויס-געטאָן די הויזן!

פון אונדזער טינט איז דאָס טײַכל געוואָרן א ביסל גרעסער. א קלייניקײַט, עפּשער טויזנט פלאש טינט! דערפאר אָבער האָבן מיר זיך צוגעהאָרעוועט, ווי די אָקסן. אנשלאָפן געוואָרן זײַנען מיר, ווי די געהארגעטע. אופגעוועקט האָט אונדז די מאמע מיט א געוויין:

— פארפינצטערט בין איך געוואָרן און וויי איז מײַן וועלט! וואָס האָט איר געטאָן אזעלכעס מיטן טײַך?..

עס האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז מיר האָבן אומגליקלעך גע-מאכט א גאנצע שטאָט: די וועשערנס האָבן ניט ווו צו וואשן גרעט. די באלעגאָלעס האָבן ניט ווו אָנצוטרינקען די פערד. די וואסער-פירער... אָט וועלן זיי זיך צונויפנעמען אלע איינינעם און וועלן קומען זיך רעכענען מיט אונדז, אזוי זאָגט אונדז אָן די מאמע א בסורע. מיר אָבער ווילן אָפּ זיי ניט ווארטן. מיר ווילן ניט זען, וויאַזוי וואסערפירערס וועלן זיך מיט אונדז רעכענען. איך און מײַן ברודער עליע נעמען די פיס אָפּ די פּלייצעס און—מארש צו זײַ-נעם א כאוועך פיניע.

— דאָרט לאָזן זיי אונדז זוכן, אז זיי באדארפן!..

אזוי זאָגט מיר מײַן ברודער עליע, נעמט מיך פאר א האנט, און מיר לאָזן זיך גיך און געשווינד בארג-אראָפּ, צו זײַן כאוועך פיניע. אז מיר וועלן זיך זען, וועל איך אײַך אמאָל באקאנט מאכן מיט מײַן ברודער עליעס כאוועך פיניע. ס'איז קעדײַ, איר זאָלט זיך ביט א באקענען: ער האָט אויך אין זיך גוטע געדאנקען.

X

א גאַס ניסט

א

ווייסט איר, וואָס פאַר א סעדרע עס גייט בא אונדז היינט? — מייז! מיין ברודער עליע האָט א גאַנצע וואָך געלערנט דאָס בוך, וואָס מע מאַכט דורך דעם געלט, „פאַר א רובל — הונדערט”. ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט, זאָגט ער, אַרויסטרייבן מייז, טאַראַקאַנעס און אַנדערע מיעסקייטן. שטשערעס אויך. לאָז מען אים נאָר אַרייַנלאָזן ערגעץ מיט זיין פּראָשעק — אַזוי בלייבט נישט אײן בויז. זיי צעלויפן זיך. א סאַך פייגערן אַוועק. נישטאָ מער קיין מייז! וויאַזוי ער מאַכט דאָס — ווייס איך ניט. ס׳איז א סאָד. פונעם סאָד ווייסט נאָר דאָס בוך און ער, ווייַטער קיינער ניט. דאָס בוך האַלט ער אין בוזעם-קעשענע. דעם פּראָשעק אין א פּאַפּיר. דער פּראָשעק איז רויטלעך און צעריבן דין, ווי שמעק-טאַבעק. רופן רופט זיך עס „שעמעריצי”.

— וואָס הייסט דאָס שעמעריצי?

— טערקישער פעפער?

— וואָס הייסט דאָס טערקישער פעפער?

— איך וועל דיר געבן א „וואָס-הייסט-דאָס”, וועסטו בא מיר עפּענען מיטן קאָפּ די טיר!

אַזוי זאָגט צו מיר מיין ברודער עליע. ער האָט פיינט, אַז מע פרעגט אים קאַשעס סאַמע בא דער רעכטער אַרבעט. איך קוק און שווייַג. איך זע, אַז כוץ דעם רויטן פּראָשעק, איז דאָ בא אים נאָך א פּראָשעק. אויך גוט צו מייז. נאָר מע דאַרף זיין מיט דעם געהיט!

— סאַם-האַמאָוועס! — זאָגט מיין ברודער עליע עפּשער הונדערט מאָל דער מאַמען, בראָכען און מיר. דעריקער — מיר, איך זאָל בשום כאָלילע צו דעם ניט צורירן — ס׳איז סאַם!

די ערשטע פּרווו האָבן מיר געמאַכט אויף אונדזער שכיינע פּעסיעס מייז. דאָרט האַלטן זיך מייז אָן א שיר. איר ווייסט דאָך, אַז איר מאַן איז אַן אייַנבינדער. מוישע רופט מען אים. טאָמיד איז בא אים א פולע שטוב מיט ספאָרים. מייז האָבן ליב ספאָרים. און ניט אַזוי ספאָרים, ווי פּאַפּ. פּאַפּ איז דאָס, וואָס מע קלעפּט בײַט דעם ספאָרים. צוליב דעם פּאַפּ עסן זיי שוין ספאָרים אויך. טוען אים אָן גרויסע שאָדנס. אַנומלטן האָבן זיי אים דורכגעלעכערט א

מאכזער[1]. א שפּאָגל-נײַעם מאכזער. כּאַמע דאָרט, ווו ס׳איז מיט גרויסע אויסיעס געווען אָפּגעדרוקט דער „האמעלעכ״. זיי האָבן זיך דאָס א ביסל צוגעכאפּט צום „האמעלעכ״! איבערגעלאָזט נאָר דאָס אייבערשטע קעפּל פון דעם לאַמער.

— לאָזט מיך אָפּ איינ נאַכט! — בעט זיך מײַנ ברודער עליע באַם אײַנבינדער. דער אײַנבינדער וויל נישט. ער זאָגט:

— איך האָב מוירע, זאָלסט מיר ניט איבערפּירן די כּפאָרים.

— מיט וואָס וועל איך אײַך איבערפּירן די ספאָרים? — פּרעגט אים מײַנ ברודער עליע.

— איך וויס אליינ ניט מיט וואָס, נאָר איך האָב מוירע. ס׳איז פּרעמדע ספּאָרים.

נו, גייט רעדט מיט אנ אײַנבינדער! קוים געפּועלט, ער זאָל אונדז צולאָזנ אָפּ איינ נאַכט.

ב

די ערשטע נאַכט איז אונדז ניט געראָטנ. נישט געכאפּט איינ מויז אפילע! מײַנ ברודער עליע זאָגט אפילע, אז ס׳איז א גוטער סימענ. די מײַז, זאָגט ער, האָבנ דערשמעקט דעם פּראָשעק, זײַנענ זיי זיך צעלאָפנ. דער אײַנבינדער דרייט מיטנ קאָפּ אונ שמייכלט מיט איינ ליפּ. אפּאָנעם, ער גלייבט נישט. פונדעסטוועגנ, איז ארויס א קלאנג אינ שטאָט, אז מיר פּארטרײַבנ מײַז. דער קלאנג האָט זיך גענומענ פונ אונדזער שכיינע פּעסיע. זי איז אוועק גאנצ פרי צ׳ינ מארק אונ האָט צעפּויקט איבער דער גאנצער שטאָט, „אז אזוי ווי מיר פּארטרײַבנ מײַז, פּארטרײַבט קיינער ניט״. זי האָט אונדז געמאכט א נאָמענ. פריער מיטנ קוואס האָט זי אויך געפּויקט איבער דער גאנצער שטאָט. נאָכדעמ האָט זי אויסגעפּויקט, אז מיר מאכנ אזא טינט, וואָס סע עקט זיך די וועלט. וואָס האָט אָבער געהאָלפנ איר פּויקנ, אז קיינער דארפ ניט קיינ טינט? מײַז איז נישט דאָס, וואָס טינט. מײַז זײַנענ פּאראנ אומעטום, קימאט אינ יעדער שטוב. יעדער באלעבאָס האָט א קאַצ. נאָר וואָס העלפט איינ קאַצ קעג: אזויפיל מײַז? אוביפראט שטשערעס! שטשערעס הערנ א קאַצ, ווי האָמאָנ דעם גראגער. א סוואָרע, אז פּאר שטשערעס האָט א קאַצ אליינ אויך מוירע. אזוי זאָגט בערע דער שוכטער. ער דערציילט זיך אָנ פונ שטשערעס אזעלכע מײַסעס, אז א שרעק! מע האָלט אים אפילע

[1] א זאמלונג יאָמטעוודיקע טפילעס.

פאר א שטיקל באל-מעגאזועמ[1], נאָר לאָז זײַנ, אז ס'איז נאָר האלב עמעס, איז דאָס אויכ שיינ. ער זאָגט, אז די שטשערעס האָבנ בא אים אופגעגעסנ א פאָר נײַע שטיוול. ער שווערט מיט אזעלכע שוועס, אז מע מעג גלייבנ א מעשומעד. ער זאָגט, אז ער האָט אליינ געזענ, ווי צוויי גרויסע שטשערעס זײַנענ ארויס פונ זייערע נאָרעס אונ האָבנ כאר זײַנע אויגנ אופגעגעסנ א פאָר שטיוול. בא-נאכט איז דאָס געווענ. צוגייענ נאָענט האָט ער מוירע געהאט — צוויי מוירעדיקע שטשערעס, ווי קעלבלעכ די גרייס. פונדערווײַטנ האָט ער זיי געטריבנ, געפײַפט אפ זיי, געטופעט מיט די פיס, געשריגנ: קיש-קיש-קיש-קיש! עס האָט נישט געהאָלפנ קיינ זאכ. ער האָט זיי א וואָרפ געטאָנ א קאָפיטע פונ א שטיוול, האָבנ זיי א קוק געטאָנ אפ אים אונ געטאָנ זייערס, נאָכדעמ האָט ער זיי א שמיץ געטאָנ אינ פאָנעמ די קאצ. זײַנענ זיי אָנגעפאלנ אפ דער קאצ אונ האָבנ זי אויכ אופגעגעסנ. קיינער האָט אימ נישט געוואָלט גלייבנ, נאָר אז א מענטש שווערט!

— לאָזט מיכ קאָרשט אפ איינ נאכט, — זאָגט צו אימ מײַנ ברודער עליע, — וועל איכ אײַכ ארויסטרײַבנ אלע שטשערעס!

— אָכ, מיטנ גרעסטנ קאָוועד! — זאָגט בערע דער שוסטער. — איכ וועל אײַכ נאָכ זאָגנ א דאנק!..

ג

א גאנצע נאכט זײַנענ מיר אויסגעזעסנ בא בערע דעמ שוסטער. בערע אליינ איז אויכ געזעסנ מיט אונדז. אכ, וואָסערע שיינע מײַ-סעס ער דערציילט זיכ אָנ! ער דערציילט פונ דער טערקישער מיל-כאָמע (ער איז אנ אויסגעדינטער סאָלדאט). ער איז געווענ אינ אזא אנ אָרט, וואָס סע הייסט „פלעוונע". האָט מענ דאָרט געשאָסנ מיט הארמאטנ. איר ווייסט, וויפל א הארמאט האלט די גרייס? זײַט זיכ מעשאַער, אז איינ קויל איז גרעסער פונ דער גאנצער שטוב, אונ ווארפנ ווארפט זי ארויס אינ א מינוט עפשער טויזנט אזעלכע קוילנ. זײַט איר צופרידנ? די קויל, אז זי פליט, שרײַט זי אזוי, אז מע ווערט טויב. איינמאָל איז ער געשטאנענ אפ דער וואכ — אזוי דער-ציילט בערע דער שוסטער. פלוצעמ דערהערט ער א קנאק, אונ סע טראָגט אימ איבערלופטנ, הויכ טראָגט דאָס אימ, ביז אריבער דער כמארע, אונ דאָרט צעפײַסט זיכ די קויל אפ טויזנט שטיקלעכ.

---

1 אנ איבערטרײַבער.

א גליק, זאָגט ער, וואָס ער איז געפאלנ אפ א ווייכנ אָרט. אניט, וואָלט ער זיכ צעשלאָגנ דעמ קאָפ. מײַנ ברודער עליע הערט אויס די מײַסע, אונ די ברעמענ בא אימ שמייכלענ. דאָס הייסט, ער אליינ לאכט ניט, נאָר די ברעמענ לאכנ. א מאָדנער געלעכטער. בערע דער שוסטער באמערקט דאָס ניט. ער הערט ניט אופ צו דערציילנ זײַנע ווונדערלעכע מײַסעס. איינ מײַסע איז מוירעדיקער פונ דער אנדערער. אָט אזוי זײַנענ מיר אָפגעזעסנ ביז טאָג. אונ שטשערעס? איר זאָלט זאָגנ — איינ שטשער אפילע.

— איר זײַט א קישעפמאכער! — זאָגט בערע דער שוסטער צו מײַנ ברודער עליע. אונ ער גייט ארויס אינ שטאָט אונ דערציילט זיכ אָנ כידושימ, וויאזוי מיר האָבנ בא אימ מיט א שפרוכ צעטריבנ אלע שטשערעס אינ איינ נאכט. ער שווערט, אז ער האָט אליינ געזענ, וויאזוי מײַנ ברודער עליע האָט עפּעס געשעפטשעט, זײַנענ ארויס די שטשערעס פונ די נאָרעס אונ האָבנ זיכ געלאָזט לויפנ בארג-אראָפ, אהינ, צומ טײַכ צו, אריבערגעשווומענ דעמ טײַכ אונ אוועק ווײַטער. ער ווייסט ניט וווהינ...

ד

— דאָ טרײַבט מענ מײַז? — אזוי קומט מענ אלעמאָל צו אונדז מיט א נײַעס אונ מע רופט אונדז, מיר זאָלנ זיכ מאטריעכ זײַנ קומענ ארויסטרײַבנ די מײַז מיט אונדזער שפרוכ...

מײַנ ברודער עליע איז אָבער אנ עמעסער מענטש. ער האָט פײַנט „ליגונימ". ער זאָגט, אז טרײַבנ טרײַבט ער מײַז ניט מיט קיינ שפרוכ, נאָר מיט א פראָשעק. ער האָט א פראָשעק אזעלכנ, וואָס אז די מײַז דערשמעקנ אימ, צעלויפנ זיי זיכ.

— לאָז זײַנ א פראָשעק, לאָז זײַנ א שווארציאָר, אבי איר זאָלט מיר ארויסטרײַבנ די מײַז!.. וויפל וועט דאָס קאָסטנ?

מײַנ ברודער עליע האָט פײַנט דינגענ זיכ. ער זאָגט, אז פארנ פראָשעק קומט אימ אזויפיל, אונ פאר דער טירכע אזויפיל אונ אזויפיל. געוויינטלעכ, זאָגט ער אלעמאָל טײַערער. אלע טאָג העכערט ער דעמ פרײַז. דאָס הייסט, ניט ער העכערט, נאָר מײַנ שוועגערנ העכערט.

— מימאָנעפשעכ, — זאָגט זי, — עסט מענ כאזער, זאָל רינענ איבערנ באָרד, אז דו ביסט שוינ יאָ געוואָרנ א מײַזנטרײַבער, נעמ כאָטש געלט.

— נו, אונ יוישער ווו איז? ווו איז גאָט? — אזוי מישט זיכ ארײַנ די מאמע. אונ מײַנ שוועגערנ בראָכע ענטפערט איר אָפ:

— יושער? אָט איז יושער! (זי ווײַזט איר אָן אפן אויווג).
גאָט? אָט איז גאָט! (זי טוט זיך א פאטש איבער דער קעשענע).

— בראָכע! וואָס האָסטו געזאָגט? גאָט איז מיט דיר!!!

אזוי שרײַט אויס די מאמע און טוט א בראָך מיט די הענט.

— וואָס רעדסטו מיט א בעהיימע? — זאָגט מײַן ברודער עליע, שפאצירט איבער דער שטוב און ציפּעט זיך דאָס בערדל. ער האָט שוין א היפּש בערדל. סע וואקסט בא אים מיט רוכעס. ער ציפּעט דאָס, און סע וואקסט. מאָדנע וואקסט דאָס בערדל, אפן האלדז גאָר האָט זיך עס בא אים צעוואקסן. דאָס פּאָנעם איז גלאט, נאָר דאָס האלדז איז פול מיט באָרד. איר האָט געזען אמאָל אזא באָרד?

אן אנדערשמאָל וואָלט אים בײַן שווער ברית פאר וואָרט „בעהיימע" אָפּגעשפּילט א פרימאָרגן, אז עס וואָלט אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. איצט האָט זי אים פארשוויגן, ווײַל ער פארדינט געלט. אַלעמאָל, ווען מײַן ברודער עליע פארדינט געלט, ווערט ער בא איר א מעיוכעס. איך ווער אויך בא איר טײַערער, וואָרעם איך העלף מײַן ברודער פארדינען געלט. אזוי רופט זי מיך „שלע־פער" אָדער „שלימאזל", אָדער „קאפצאָנישע קישקע". איצט האָט זי מיך פארצויגן. איך הייס שוין בא איר „מאָטעלע":

— מאָטעלע! דערלאנג מיר די שיך.

— מאָטעלע! נעם מיר אָן א קוואָרט וואסער.

— מאָטעלע! טראָג ארויס דאָס מיסט.

אז מע פארדינט געלט, איז גאָר אנדערע ווערטער.

ה

דער כיסאָרן פון מײַן ברודער עליע — וואָס ער האָט ליב א סאך. קוואס — א דייזשקע. טינט — טויזנט פלעשער. א פראָשעק פון מײַז — א פולער זאק. אונדזער שכיינעס מאַן, דער אײַנבינדער, האָט אים אָבער געזאָגט: „וואָס דארף מען אזוי פיל?" — האָט אים נאָך מײַן ברודער עליע גוט מעכאבעד געווען. וואָלט מען כאָטש דעם זאק פארשלאָסן ערגעץ אין א שאפע. גייען זיי אלע אוועק און לאָזן מיך איבער איינעם אליין מיטן זאק. וואָס קומט מיר דערפאר, וואָס איך האָב מיך אוועקגעזעצט אפ אים אפ א ווײַלע רײַטנדיק? עלעהיי ס'איז א פערדל! זאָל איך זײַן א נאָווי, אז דער זאק וועט פּלאצן, און עס וועט זיך געבן א שאָט ארויס פון אים עפּעס א געלע זאך? דאָס איז טאקע דער געלער פּראָשעק, וואָס מײַן ברודער עליע פאר־טרײַבט מיט אים די מײַז. ער האָט אזא שארפן רייעך, אז מע קאָן כאַ־

לעשנ! איכ בייג מיכ אָנ, איכ וויל צונויפּנעמענ דאָס, וואָס האָט זיכ צעשאָטנ, פאלט אָנ אפ מיר א ניסערײַ. איכ זאָל ארײַנצ‍ִיענ אינ נאָז ארײַנ א גאנצע פּושקע מיט שמעק-טאבעק, וואָלט איכ ניט באדארפט אזוי שטארק ניסנ. איכ ניס אזוי לאנג, ביז איכ כאפּ מיכ ארויס אינ דרויסנ. טאָמער וועל איכ אופהערנ ניסנ. ווער־וואָס? עס קומט אָנ די מאמע אונ דערזעט, איכ ניס. פרעגט זי מיכ: וואָס איז? איכ קאָנ איר ענטפערנ נאָר טשכי! אונ טשכי! אונ ווידעראמאָל טשכי!

— ווינד איז מיר, ווו האָסטו געכאפּט אזא קאטאר? — זאָגט צו מיר די מאמע אונ ברעכט די הענט. איכ הער ניט אופ צו ניסנ אונ ווײַז מיט דער האנט אהינ, אינ שטוב ארײַנ. זי גייט ארײַנ אונ לויפט ארויס צוריק נאָכ מיט אנ ערגערער ניסערײַ, ווי איכ. קומט אָנ מײַנ ברודער עליע אונ דערזעט אונדז ביידע ניכנ. פרעגט ער: וואָס איז דאָס? ווײַזט אימ די מאמע מיט דער האנט אהינ, אינ שטוב ארײַנ. ער כאפּט זיכ ארײַנ אונ לויפט ארויס צוריק מיט א גוואלד:

— ווער האָט דאָס צע — טשכי! טשכי!..

איכ האָב שוינ לאנג ניט געזענ מײַנ ברודער עליע אינ קאס, אזוי ווי אצינד. ער לאָזט זיכ מיט ביידע הענט גלײַכ אפ מיר. א גליק, וואָס ער ניסט, אניט — וואָלט איכ פונ זײַנע הענט ארויס א קאליקע. מײַנ שוועגערנ בראָכע קומט אָנ, טרעפט זי אונדז אלע דרײַ האלטנ זיכ מיט די הענט בא די זײַטנ אונ ניסנ.

— וואָס איז מיט אײַכ? וואָס האָט איר זיכ פלוצעמ צעניסט?

וואָס זאָלנ מיר איר זאָגנ? מיר קאָנענ דענ אויסריידנ א וואָרט? ווײַזנ מיר איר מיט דער האנט אהינ, אינ שטוב ארײַנ. כאפּט זי זיכ ארײַנ, אונ לויפט באלד ארויס צוריק רויט, ווי העליש פײַער אונ פאלט אָנ אפ מײַנ ברודער עליע:

— וואָס האָב איכ דיר גע — טשכי! טשכי!..

קומט אָנ אונדזער שכיינע, פּעסיע די גראָבע. זי רעדט צו אונדז, נאָר קיינער קאָנ איר ניט ענטפערנ קיינ וואָרט. מיר ווײַזנ איר מיט דער האנט אהינ, אינ שטוב ארײַנ. זי גייט ארײַנ אונ לויפט ארויס צוריק:

— וואָס האָט איר אזעלכעס גע — טשכי! טשכי!..

אונדזער שכיינע מאכט מיט ביידע הענט. עס קומט ארויס איר מאנ, דער אײַנבינדער. דער אײַנבינדער קוקט אפ אונדז אונ לאכט.

— וואָס איז דאָס אפ אײַכ אָנגעפאלנ פאר א ניסערײַ?

— זײַט זיכ מאטריִעכ אהי — טשכי! טשכי! — זאָגנ מיר צו אימ אונ ווײַזנ אימ אלע אהינ, אינ שטוב ארײַנ. דער אײַנבינדער גייט

אַרײַן צו אונדז אין שטוב אַרײַן, און שפּרינגט אַרויס צוריק מיט א געלעכטער:

— איך ווייס שוין, וואָס דאָס איז! איך האָב א שמעק געטאָן! דאָס איז שעמע — טשכי! טשכי!

און ער כאַפּט זיך מיט ביידע הענט בײַ די זײַטן און ניסט געשמאַק, נאָך יעדן ניס טוט ער א שפּרונג אונטער, בלײַבט שטיין אַף די שפּיץ פינגער און טוט א ניס, און ווידער א שפּרונג אונטער, און ווידער א ניס, און אַזוי ווײַטער. אין איין האַלבע שאָ ניסן שוין אַלע אונדזערע שכיינים און שכיינעס מיט זייערע פּעטערס און מומעס און גלידשוועסטערקינדער און זייערע באַקאַנטע — די גאַנצע גאַס, פון איין עק ביזן אַנדערן, האַלט אין איין ניסן!

וואָס האָט זיך מײַן ברודער עליע אַזוי דערשראָקן? אַפּאָנעם, ער האָט מוירע, מע זאָל ניט אויסלאָזן דעם קאַס צו אים פאַרן ניסן, וואָס מע ניסט? ער נעמט מיך פאַר א האַנט, און ניסנדיק לאָזן מיר זיך ביידע גיין באַרג-אַראָפּ, צו זײַן כאַווער פיניע. עס נעמט גוטע אָנדערהאַלבן שאָ, ביז מיר זײַנען אײַנגעשטאַנען אימ... צו ריידן אַזוי ווי מענטשן. מײַן ברודער עליע דערציילט זײַן כאַווער פיניען די גאַנצע מײַסע. זײַן כאַווער פיניע הערט אים אויס מיט קאָפּ, אַזוי ווי א דאָקטער הערט אויס א כוילע. אַז מײַן ברודער עליע האָט געענדיקט, מאַכט צו אים זײַן כאַווער פיניע:

— אַנו, ווײַז נאָר אַהער דאָס בוך.

מײַן ברודער עליע נעמט אַרויס דאָס בוך פון בוזעם-קעשענע און גיט דאָס איבער צו זײַן כאַווער פיניע. זײַן כאַווער פיניע לייענט איבער דאָס אייבערשטע בלעטל: „פאַר איין רובל — הונדערט רובל! א סגולע, וויאַזוי פון גאָרניט, מיט די פינף פינגער, מאַכן הונדערט רובל א כוידעש און מער"... ער נעמט דאָס בוך און טוט דאָס א וואָרף אַרײַן אין אויוון אַרײַן גלײַך אַפן פײַער. מײַן ברודער עליע טוט זיך א לאָז מיט ביידע הענט צום פײַער. זײַן כאַוועך פיניע שטעלט אים אָפּ:

— פּאַוואָליע, נישט געכאַפּט!

נאָך א פּאָר מינוט — און פון מײַן ברודער עליעס בוך, וואָס לערנט, וויאַזוי צו מאַכן הונדערט רובל א כוידעש און מער, איז געבליבן ניט מער ווי א בערגל אויפגעבלאָזענע אַש. פון איין זײַט איז פאַרבליבן א שטיקל ניט-פאַרברענט פּאַפּיר, קוים-קוים וואָס מע האָט געקאָנט איבערלייענען: ש-ע-מ-ע-ד-י-צ-י.

XI

אונדזער כאַווער פּיניע

א

געדענקט איר, איך האָב אײַך אַמאָל געזאָגט, אַז איך װעל אײַך באַקענענ מיט מײַנ ברודער עליעט כאַווער פּיניע? איך האָב אײַך צוגעזאָגט באַקענענ, ווײַל ער האָט אינ זיך גוטע געדאַנקענ. נאָר איידער איך וועל אײַך דערציילנ פונ פּיניענ, בוז איך אײַך דער־ציילנ פריִער פונ זײַנ זיידנ, נאָכדעמ פונ זײַנ טאַטנ, נאָכדעמ פונ זײַנ פעטער, אונ ערשט נאָכדעמ שוינ פונ פּיניענ אַליינ.

שרעקט אײַך נישט — איך וועל דאָס אײַך מאַכנ בעקיצער. איך הייב אָנ פונ זיידנ.

פונ רעב העסיע דעמ גלעזער האָט איר אַמאָל געהערט? דאָס איז פּיניעס זיידע. ער איז א גלעזער אונ א שפּיגל־מאַכער, אונ א פאַרבער, אונ קאָנ מאַכנ טאַבעקע. הײַנט האָט ער אַוועקגעוואָרפנ אַלע אַרבעט אונ פאַרנעמט זיך נאָר דערמיט, וואָס ער רײַבט טאַבעקע אונ פאַרקויפט. קאַלומאַנ, זאָגט ער, א מענטש לעבט, דאַרפ ער אַרבעטנ, נישט אָנקומענ צו קיינעמ. ער איז א הויכער, א דאַרער, מיט רויטע אויגנ אונ מיט א מוירעדיקער נאָז, אונטנ ברייט, אויבנ שמאָל, אונ אויסגעבויגנ ווי א שויפער[1]. איך האָב מוירע, אויב עס איז אימ ניט געקומענ פונ דעמ, וואָס ער שמעקט טאַבעקע. ער איז א זאָקנ. ער איז אַלט עפּשער הונדערט יאָר אונ איז נאָך בא אַלע געדאַנקענ. ס'איז א סוואָרע, אַז ער האָט נאָך הײַנט אויך מער סייכל ווי זײַנע צוויי זינ: הערש־לייב דער מעכאַניק אונ שנייער דער זייגערמאַכער. הערש־לייב דער מעכאַניק איז אַזוי דינ אונ הויך ווי רעב העסיע. ער האָט אויך א גרויסע נאָז, נאָר ער שמעקט ניט קיינ טאַבעקע. עפּשער וועט ער אַמאָל שמעקנ. דערווײַל נאָך ניט. ער איז א מעכאַניק פונ אויוונס. ער מאַכט אויוונס. אַלע זאָגנ אפ אימ, אַז ער איז א קאָמפּעטענטש. ער האָט טאַקע א גרויסנ שטערנ. מע זאָל אימ געוועג, זאָגט ער, לערנענ א מעלאָכע, וואָלט ער זײַנ איינער אינ דער וועלט. עס איז גאָר ניטאָ קיינ זאַך אפ דער וועלט, וואָס ער זאָל ניט פאַרשטיינ מיטנ סייכל. אַזוי זאָגט ער אַליינ אפ זיך. אַלצדינג כאַפּט ער מיטנ קוק. אויוונס מאַכנ האָט ער זיך

1 אנ אויסגעבויגענער האָרנ, וואָס רעליגיעזע ייִדנ באַנוצנ באַמ אויספּילנ דעמ ריטואַל פונ „בלאָזנ שויפער״.

אויסגעלערנט פון זיך אליין. ער האָט געזען א פּאָר מאָל, ווי איזואַב פּיטשקור מאכט אויוונס, האָט ער זיך געהאַלטן בא די זײַטן פון נעלעכטער. ער האָט געזאָגט, אז דער גוי הייבט ניט אָן צו פאַר־שטיין, וואָס הייסט אן אויוון. איז ער געקומען אַהיים און האָט צעוואָרפן דעם אויוון און האָט אוועקגעשטעלט, טאקע פון די זעלבע ציגל, אן אנדער אויוון. די ערשטע צײַט האָט דער אויוון געריי־כערט, מע האָט געקאָנט דערשטיקט ווערן. האָט ער צעוואָרפן דעם אויוון און האָט געשטעלט א נײַעם אויוון. אזוי עטלעכע מאָל, ביז ער איז געוואָרן דער בארימטער מעכאניק. ער האָט מיט זײַן איי־גענעם סייכל דערקלערט אזא מין אויוון, וואָס ס׳איז גענוג, מע זאָל אים הייצן איין מאָל אין אכט טעג. דער גאנצער כיסאָרן, ער האָט נאָך ניט די ציגל, זאָגט ער, וואָס מע דארף דערצו האָבן. ווען מע גיט אים, זאָגט ער, „קאכליאָווע״ ציגל, שטעלט ער אײַך אוף אן אויוון, וואָס מע דארף אים גיין זען אף כידושים! ער זאָגט, אז אין אן אויוון ליגט מער סייכל, ווי אין א זייגער. דאָס זאָגט ער שוין אף צולאָכעס זײַן ברודער שנייער. זײַן ברודער שנייער איז יינגער פון אים און העכער פון אים, און האָט אויך א לאנגע נאָז, און איז א זייגערמאכער. געזאָלט האָט ער גאָר זײַן א ראָוו, אָדער א שויכעט, אָדער א מעלאמעד. אזא קאָפּ האָט ער געהאט צום לערנען! האָט ער בעסער געוואָלט זײַן א זייגערמאכער. ווי קומט צו אים זייגערמאכערײַ? ווײַט איר הערן.

אז ער איז נאָך געווען א יינגל און האָט געלערנט אין כיידער, אזוי דערציילט שנייער אליין, האָט אים דער קאָפּ געטראָגן אף גרויסע זאכן. לעמאָשל, דערגיין דעם סייכל פון א שלאָס. פארוואָס, אז מע טוט א דריי רעכטס, עפנט עס זיך, און אז מע טוט א דריי לינקס, פארשליסט עס זיך? אָדער וויאַזוי גייט א זייגער? פארוואָס שלאָגט ער אקוראט דעמלט, ווען דער גרויסער ווײַזער קומט צו צום צוועלף? דאָס ערשטע מאָל, אז ער האָט, זאָגט ער, דערזען א זייגער מיט א פויגל, איז ער שיר ניט אראָפּ פון זינען. דעם ריי־גער מיטן פויגל האָט דער אלטער רעב העסיע באקומען א מאטאָנע פון אן אויסגעדינטן פּאָלקאָווניק, וואָס פלעגט אים געבן ארבעט. אלע שאָ, אז דער זייגער האָט באדארפט קלינגען, האָט זיך אופגע־עפנט א טירל, און ס׳איז ארויס א פויגל מיט א קו־קו! דער פויגל איז געווען נאטירלעך, ווי לעבעדיק. איר קאָנט פארשטיין, אז אפילע די קאץ האָט געהאט א טאַעס. אלעמאָל, ווען דער פויגל איז ארויס מיט א קו־קו, פלעגט זיך די קאץ אָנבלאָזן און פלעגט אים וועלן

כאַפּן. שנײַער האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט, אַז ער מוז דערגיין דעם סייכל פונעם פויגל. איינמאָל, אַז קיינער איז ניט געווען אין דער היים, האָט ער זיך צוגעכאַפּט צום זייגער. ער האָט אים אַראָפּגענומען פון וואַנט, אָפּגעדרייט אַלע שרײַפּלעך און אַרויסגענומען די געדערים. איז אָנגעקומען דער פאָטער, האָט ער אים אַזוי געשלאָגן, אַז מע האָט שוין נישט געהאַלטן פון זײַן לעבן. אַד-האיאָם, זאָגט ער, שטייען בא אים סימאָנים אפן לײַב. ער האָט אָבער אויסגעפירט זײַנס — ער איז אַ זייגערמאַכער. איך ווייס ניט, צי ער איז פון די בעסטע, נאָר ער נעמט נישט טײַער און מאַכט גיך. מײַן ברודער עליע האָט בא אים שוין וויפל מאָל צורעכט געמאַכט דעם זייגער. קימאַט אַ וואָך איבער אַ וואָך פאַריכט ער אים דעם זייגער. אַ מאָדנער זייגער בא מײַן ברודער עליע: אָדער ער לויפט מעשוגענערווײַז, אָדער ער גייט אײַנגעהאַלטן מיט אַ שאָ פיר, אָדער ער שטעלט זיך גאָר אַוועק, — און טוט אים עפּעס! מײַן ברודער עליע וואָלט עפשער געגאַנגען צו אַן אַנדער זייגערמאַכער, פּאַסט אים ניט פאַר זײַן כאַווער פּיניע. זײַן כאַווער פּיניע זאָגט, אַז שולדיק איז מיסטאַמע דער זייגער, ניט דער פעטער שנייער. וואָרעם מימאָנעפשעך: איז דער זייגער אַ זייגער, וועט דאָך אים יעדער זייגערמאַכער קענען צורעכט מאַכן. עלע וואָס דען? דער זייגער אַלײן איז קײן זייגער ניט, הײַנט וואָס וועט אים העלפן דער זייגערמאַכער?
גייט זאָגט, אַז ער איז אומגערעכט!

ב

מײַן ברודער עליעס כאַווער פּיניע איז אויך אַ קאָמפּמענטש, אַזוי ווי זײַן טאַטע הערש-לייב דער מעכאַניק און אַזוי ווי זײַן פעטער שנייער דער זייגערמאַכער. אַ נאָז האָט ער אויך אַ לאַנגע, אַזוי ווי זיי. נעזעריק זײַנען זיי אַלע, די גאַנצע מישפּאָכע זייערע. זיי האָבן אַ מומע קריינע, האָט זי אַ טאָכטער מאַלקע, האָט זי אַ נאָז, וואָס מע דאַרף גיין קוקן אַף כידושים. און ניט אַזוי די נאָז, ווי דאָס פּאָנעם. ס'איז גאָרנישט קיין מענטשלעך פּאָנעם. זעט אויס ווי אַ פויגל, אָדער ווי אַ כײַע. זי שעמט זיך אַרויסגיין אַף דער גאַס. ס'איז אַף איר אַ גאָטס ראַכמאָנעס! פּיניע איז אַ ביסל אין איר געראָטן, נאָר ער איז אַ מאַנצבל, אַ מאַנצבל מאַכט נישט אויס. ער זעט אַפילע אויס מאָדנע. אַז איר טוט אַף אים אַ קוק, מוזט איר זיך צעלאַכן. נישט גענוג, וואָס ער איז דין און הויך, האָט ער אַ פּאָר לאַנגע אויערן, אַ לאַנגן האַלדז, ווי אַ גאָ-

נעפ, און א נידעריקע ריִע דערצו. ווו ער זאָל ניט גיין, מוז ער זיכ מיט עמעצנ צעבוצקענ. שטעלט ער זיכ אוועק, מוז ער עמעצנ אָנטרעטנ אפנ פוס. איינ הויז מוז בא אימ זיינ פארקאטשעט. אייג זאָק מוז זיינ ארפּגעלאָזט. דאָס העמד מוז זיינ צעשפּיליעט. דאָס שניפּסל מוז זיינ פונ יענער זייט. און אז ער רעדט, כאָרכלט ער, און האָט ליב צוקערקעס. ווענ איר זאָלט אימ נישט באגעגענענ, האלט ער עפּעס אינ מויל און סמאָצקעט. דערפּאר איז ער אָבער א געראָטענע קיילע. ניטאָ איינ זאכ אפּ דער וועלט, וואָס ער זאָל ניט קענענ. מיט זיינ לערנענ האָט ער, זאָגט מענ, אריבערגעיאָגט דעמ ראָוו. מיט זיינ שרייבנ וועט ער פארשטעקנ אינ גארטל אלע קענערס. אכוצ וואָס ער האָט א זעלטענע האנטשריפט, איז ער א גרויסער בעריע אפּ גראמענ. וואָס ער זאָל ניט שרייבנ, שרייבט ער מיט גראמענ. ער האָט שוינ באשריבנ די גאנצע שטאָט: דעמ ראָוו, דעמ שויכעט, די גאבאָימ, די יאטקעס, זיינ אייגענע מישפּאָכע — אלעמענ האָט ער שוינ באשריבנ, און אלעמענ אינ גראמענ. פּיניעס גראמענ זיינענ א צייט ארומגעגאנגענ פונ האנט צו האנט און מע האָט זיכ געקאטשעט פאר געלעכטער. אנדערע האָבנ זיי אויס־געלערנט אפּ אויסנווייניק. לעמאָשל, איכ געדענק א פּאָר פונ זיינע גראמענ:

אונדזער גאבע,
רעב שמועל־אבע,
האָט א גרויסנ בויכ;
זיצט באמ טישל,
לאקכנט פונ דער שיסל [1],
אזש עס גייט א רויכ!

זיינ ווייב נעכאָמע,
א קאָשערע נעשאָמע —
איכ וויל פונ איר ניט ריידנ.
זי איז קליג
ווי דעמ רעבנס ציג —
כאפּט דער רועכ זיי ביידנ...

די גאנצע שטאָט האָט געקאָכט מיט די דאָזיקע גראמענ. איינער האָט צוגעמאכט צו דעמ א ניגנ פונ זמירעס [2]. די גאנצע שטאָט האָט

1 געמיינט: ער גאנוועט פונ דעמ געלט, וואָס מע וואַרפט אינ דער „שיסל" אלס נעדאָווע אפּ קאָהאָלשע איניאָנימ.

2 רעליגיעזע הימנענ, וואָס מע זינגט שאבעס באמ עסנ.

זיך ארומגעטראָגן מיטן לידל, ביז ס׳איז אָנגעקומען צום גאבע מיט דער גאבעטע. האָבן זיי געשיקט רופן צו זיך דעם פאָטער, הערש-לייב דעם מעכאניק, און האָבן געוויינט פאר אים מיט טרערן. זיי האָבן אים געפרעגט: וואָס האָט צו זיי זײַן פיניע?.. געקומען אהיים, האָט דער פאָטער, הערש-לייב דער מעכאניק, ארײַנגערופן פיניען אין שטוב ארײַן, פארשלאָסן טיר און טויער און האָט אים גוט ארײַנגעצימבלט. ער האָט אים אזוי לאנג געשמיסן, ביז פיניע האָט אים געמוזט געבן טקיאס-קאפ[1], אז ער וועט שוין מער קיין גראמען ניט שרײַבן, ווײַל ער וועט לעבן.

ג

פון דעמלט אָן שרײַבט שוין פיניע מער ניט קיין גראמען. עס קריכן אים שוין ניט אין קאָפּ קיין גראמען. ער איז אַפ גרויסע צאָרעס. אזוי זאָגט אַפ זיך פיניע אליין. עס האָט זיך אים פארגלוסט כאסענע האָבן. דאָס הייסט, ניט אים, זײַן טאטן הערש-לייב האָט זיך פארגלוסט, אז פיניע זאָל כאסענע האָבן און זאָל ווערן א „מענטש". פיניע האָט כאסענע געהאט פאר א מילנערס א טאָכטער. דער מילנער האָט אים געשענקט א קלייטל פון מעל. מײַן ברודער עליע איז אים מעקאנע, וואָס ער האָט א געשעפט. פיניע לאכט פון אים. ער זאָגט: ס׳איז א געשעפט, נאָר ניט פאר אים. וואָס איז דאָס, זאָגט ער, פאר אן אווודע[2] פאטשקען זיך מיט מעל? דאָס פאסט, זאָגט ער, פאר א גראָבן יונג, פאר א מילנער... וואָס איז ער, זאָגט ער, שולדיק, אז ער קאָן ניט זיצן אין קלייט? ער קאָן ניט, זאָגט ער. דער קאָפּ טראָגט אים. דער קאָפּ פליט. ס׳איז בא זיי, זאָגט ער, אזא מישפּאָכע פון פליִענדיקע קעפּ...

אזוי זאָגט פיניע און וויל ניט גיין אין קלייט ארײַן. ער וועט בעסער, זאָגט ער, זיצן איבער א ביכל, וועט ער מער האנאָע האָבן. זײַן שווער, דער מילנער, איז דערפאר גוט בארויגעז, נאָר ער מוז שווײַגן. ער האָט מוירע פארן איידעם, ער זאָל אים ניט באשרײַבן. און אויסער דעם איז די טאָכטער בא אים זייער ציטעריק. זי איז א באסיעכידע. טײַבל הייסט זי. זי איז א ביסל קאסאָקע אַפ אן אויג, נאָר זייער א גוטע. מײַן מאמע זאָגט אַפ איר, אז זי איז אָן א גאל. איך פארשטיי ניט, וואָס הייסט, זי איז אָן א גאל? ווי

1 געבן א האנט; צוזאָגן.

2 ארבעט, באשעפטיקונג.

122—7

איז אהיינגעקומענע איר גאלד.. גאנצע טעג זיצט זי אין קלייט, און פיניע איז אין דער היים. מיר קומען צו אים מיט מײַן ברודער עליע קימאט אלע טאָג. ער רעדט זיך אויס פאר אונדז דאָס הארץ. אלעמאָל, ווען מיר קומען צו אים, זיפצט ער און קרעכצט און באקלאָגט זיך אף זײַן פינצטער מאזל. ס'איז אים דאָ ענג, זאָגט ער, און דושנע. ער פילט, זאָגט ער, אז ער ווערט דערוואָרגן. ער זאָל זײַן, זאָגט ער, אין אן אנדער שטאָט, וואָלט געווען גאָר אנדערזש. ווען מע לאָזט אים, זאָגט ער, ארויס פונדאנען כאָטש אף איין יאָר, קערט ער איבער די וועלט! אזוי זאָגט ער צו מײַן ברודער עליע. קיינעם פארגלייבט ער נישט אזויפיל, וויפל מײַן ברודער עליע. ער ווײַזט אים בריוו, וואָס ער האָט. די בריוו זײַנען פון גרויסע מענטשן. די „גרויסע מענטשן" שרײַבן אים, אז ער האָט אין זיך עפּעס אינוווייניק. פיניע זאָגט, אז ער אליין פילט אויך, אז ער האָט אין זיך עפּעס אינוווייניק. איך קוק אף אים און טראכט מיר: „ריבוינע-שעל-אוילעמ! וואָס האָט ער אזעלכעס אין זיך אינוווייניק?"...

ד

איינמאָל קומט צו אונדז פיניע און רופט ארויס מײַן ברודער עליע אף א סאָד. וויבאלד א סאָד, מוז איך וויסן. איך האָב ליב וויסן אלע סוידעס. איך גיי זיי נאָך פון הינטן און הער זיך אײַן און כאפּ ווערטער. פיניע רעדט, און מײַן ברודער עליע רעדט. איך גיב אײַך איבער זייערע ביידנס ווערטער:

פ י נ י ע: וואָס וועלן מיר דאָ אויסזיצן?

ע ל י ע: איך זאָג אויך דאָס אייגענע.

פ י נ י ע: אָט האָב איך געלייענט, אז איינער איז אוועקגעפאָרן אהין מיט פינף פינגער, א האלב יאָר געשלאָפן אין דרויסן, געקערט די גאסן פארן שטיקל ברויט.

ע ל י ע: נו, און הײַנט?

פיניע: אף אונדז ביידן געזאָגט געוואָרן.

ע ל י ע: אזוי?

פיניע: אזוי! אזוי! וואָס זשע? איך וועל דיך אָפּנארן? איך האָב שוין גערעדט מיט מײַן טײַבלען.

ע ל י ע: וואָס זשע זאָגט זי?

פ י נ י ע: וואָס זאָל זי זאָגן? זי פאָרט.

ע ל י ע: זי פאָרט? נו, און דער שווער?

פ י נ י ע: ווער הערט אים? אז איך וועל אוועקפאָרן אליין, וועט

וויבאלד א סאָד, מוז איכ וויסנ.

אים זײַן בעסער? ער זעט דאָך, אַז דער קאָפּ טראָגט מיך, איך קאָן דאָ ניט זײַן!

עליע: און איך, מײנסטו, קאָן דאָ זײַן?

פּיניע: טאָ לאָמיר זיך אופהײבן און לאָמיר פאָרן.

עליע: אופהײבן און פאָרן? מיט וואָס?

פּיניע: שיפסקאַרטן גיט מען דאָך אומדז אומזיסט, נאַרעלע.

עליע: וואָס הײסט אומזיסט?

פּיניע: אַפּ אױסצאָלן. מיר וועלן זײ אַמאָל אױסצאָלן. דערווײַל האָבן מיר זײ אומזיסט.

עליע: נו, און ביזן שיף? הױצאָעס? הײַנט בילעטן? באַן?

פּיניע: וויפל בילעטן דאַרפן מיר דען האָבן, נאַרעלע?

עליע: אַדעראַבע, וויפל דאַרפן מיר האָבן?

פּיניע: רעכן אויס: איך און מײַן טײַבל איז ניט צוויי. דו און דײַן בראָכע צוויי, איז ניט פיר.

עליע: און די מאַמע איז ניט פינף.

פּיניע: איז פינף.

עליע: נו, און מאָטל?

פּיניע: פאַר אים איז גענוג אַ האַלבער בילעט. און עפּשער קײן האַלבער אויך ניט... מיר וועלן זאָגן, אַז ער איז נאָך ניט אַלט קײן דרײַ יאָר.

עליע: ביסט מעשוגע?

* *
*

וואָס זאָל איך טאָן? איך קאָן מיך מער נישט אײַנהאַלטן. פאַר גרויס פרײד לאָז איך אַרויס אַ קוויטש. בײדע דרײען זיך אויס צו מיר.

— אַוועק, דו שײגעץ! וואָס פאַר אַ טנוע זיך אונטערהערן, אַז גרויסע רײדן צווישן זיך?

אײ'ך לאָז מיך לױפן, שפּרינג אונטער און פּאַטש מיך מיט בײדע הענט אין די ליטקעס פון די פּיס. אַ קלײניקײַט — איך פאָר!.. שיף!.. באַן!.. בילעט!.. אַ האַלבער בילעט!.. וווהין, אַשטײגער, פאָרן מיר? איך וויל גאָרניט וויסן וווהין. וואָס גײט עס מיך אָן וווהין? איך פאָר — און גענוג! איר ווײסט, וואָס איך וועל אײַך זאָגן? אַז מיר זאָלן זיך וועלן גוט אויסרעכענען, בין איך נאָך קײנמאָל אַפּ מײַן לעבן אין ערגעץ נישט געפאָרן. איך ווײס אפילע נישט דעם טאַם, וואָס הײסט דאָס פאָרן? אַ ביסל האָב איך יאָ פאַרזוכט דעם טאַם.

איך בין זיך דורכגעפאָרן אַף אונדזער שכיינעס ציג, האָט דאָס מיך גע־קאָסט טײַער. אכוץ וואָס איך בין געפאַלן און צעבלוטיקט די נאָז, האָב איך נאָך געכאַפּט א פּאָר פּעטש אויך. דערפאַר רעכן איך ניט די נעסיָע.

איך בין דעם גאַנצן טאָג א צעמישטער. איך האָב פאַרלאָרן דעם אַפּעטיט צום עסן. באַנאַכט כאָלעמט זיך מיר, אַז איך פאָר. ניט איך פאָר, נאָר איך פלי. איך האָב פליגל, ווי א טויב, און איך פלי. לעבן זאָל אונדזער כאַווער פיניע! ער באַקומט אין מײַנע אויגן טויזנט מאָל מער כיין, ווי פריִער. איך זאָל מיך ניט שעמען, וואָלט איך אים געקושט און געהאַלדזט. א טײַערער פיניע דאָס איז!

נו, האָב איך אײַך נישט געזאָגט, אַז ער האָט אין זיך גוטע געדאַנקען?

XII

שאַט, מיר פאָרן קיין אַמעריקע!

א

שאַט, מיר פאָרן קיין אַמעריקע! ווו איז אַמעריקע? — ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז ס׳איז ווײַט, שרעקלעך ווײַט. מע דאַרף אַהין פאָרן און פאָרן אַזוי לאַנג, ביז מע קומט. און אַז מע קומט, איז פאַראַן א „קעסטל־גאַרטל". דאָרט, אין „קעסטל־גאַרטל", טוט מען אײַך אויס נאַקעט און מע קוקט אײַך אין די אויגן. האָט איר געזונטע אויגן, איז גוט. עלע ניט, פאָרט, זײַט מויכל, צוריק! דאַכט זיך, איך האָב געזונטע אויגן. איינמאָל נאָר האָב איך געהאַט צו טאָן מיט די אויגן. יינגלעך פון דער שקאָלע האָבן מיך דערטאַפּט, אָנגעלייגט און אַרײַנגעבלאָזן מיר אין די אויגן אַרײַן טאַבאַק. אײַ, האָט זיי מײַן ברודער עליע געפּאַטשט! איצט זײַנען בא מיר די אויגן לויטער, ווי קרישטאָל. זעט איר, מיט מײַן מאַמען איז ניט פריילעך. אַזוי זאָגט מײַן ברודער עליע. ווער איז שולדיק? אַז טאָג ווי נאַכט וויינט זי. זינט דער טאַטע איז געשטאָרבן, האָט זי נאָך גאָר ניט אויפגעהערט צו וויינען.

— אום גאָטעס ווילן! דו האָסט קיין דאַכמאָנעס ניט אַף אונדז! איבער דיר וועלן מיר כאָלילע אַלע דאַרפן פאָרן צוריק!

אַזוי טײַנעט מיט איר מײַן ברודער עליע, און זי ענטפערט אים:

— נאַריש קינד וואָס דו ביסט! איך וויין דען? עס וויינט זיך אַליין, אָן מיר!

אזוי זאָגט די מאמע, ווישט די אויגן אין פארטעך און נעמט זיך צום בעטגעוואנט, צו די קישנס. מע דארף איבערשיטן אלע קישנס. אמעריקע איז א לאנד, וווּ ס'איז ניטאָ קיין קישנס. אלצ-דינג איז דאָרט דאָ, נאָר ניט קיין קישנס. וויאזוי שלאָפן דאָרט די מענטשן — פארשטיי איך ניט. עס דארף זיי זיין הארט צוקאָפּנס! מיין שוועגערן בראָכע העלפט איר איבערשיטן די קישנס. מיר האָבן ניט צו פארזינדיקן, היפשע עטלעכע קישנס. דריי גרויסע איבער-בעטן מיט זעקס קישנס מיט פיר קליינע קישעלעך. מאמזיירימלעך הייסן זיי. פון אלע פיר מאמזיירימלעך מאכט די מאמע איין קישן, אן אווייערע. איך האָב ליב די קליינע מאמזיירימלעך בעסער פון די גרויסע. איך שפיל זיך מיט זיי אמאָל אינדערפרי. איך מאך פון זיי א האָמענטאש, א ספּאָדעק...

— מיר וועלן קומען, אימירצעשעם, געזונטערהייט אהין, וועלן מיר זיי צוריק איבערשיטן אין קליינע מאמזיירימלעך.

אזוי זאָגט די מאמע צו מיר און צו מיין שוועגערן בראָכע און גיט איר אָנצוהערעניש, אז זי זאָל אויך אזוי טאָן. מיין שוועגערן בראָכע טוט אויך אזוי, כאָטש זי איז פון דער נעסיע ניט צופרידן. ס'איז איר שווער זיך שיידן מיט איר טאטע-מאמע. מע זאָל איר געוועזן, זאָגט זי, זאָגן פאראיאָרן אין דער צייט, אז זי וועט פאָרן קיין אמעריקע, וואָלט זי יענעם, זאָגט זי, אָנגעשפּיגן א פולן פּאָנעם.

מע זאָל מיר געוועזן זאָגן פאראיאָרן, אז איך וועל זיין אן אלמאָנע...

אזוי זאָגט די מאמע און צעוויינט זיך. דערזעט מיין ברודער עליע און מאכט א גוואלד:

— ווידעראמאָל געוויינט? ווילסט אונדז אפּאָנעם, אלעמען אומ-גליקלעך מאכן?!..

ב

טאָמער איז קארג, טראָגט עס אָן אונדזער שכיינע פעסיע דער-זען אונדז בא דער ארבעט, ווי מיר שיטן איבער די קישנס, שטעלט זי זיך אוועק אונדז אויסריידן א ביסל דאָס הארץ. זי לייענט אונדז א גאנצע טכינע[1]:

— פאָרט איר, הייסט עס, טאקע קיין אמעריקע? הלוואי דער אייבערשטער זאָל געבן, איר זאָלט קומען געזונטערהייט און זאָלט

1 א טפילע אף יידיש פאר ווייבער.

דאָרט באגליקן. בא גאָט איז אלץ מעגלעך. אָט איז פאראיאָרן אוועקגעפאָרן מײַנע אן אייגענע, ריוול הייסט זי, מיט איר מאן הילי. שרײַבן זיי, אז זיי מוטשען זיך, נאָר זיי מאכן א לעבן... וויפל מע בעט זיך בא זיי, זיי זאָלן שרײַבן ווי מענטשן: וואָס און ווען און וויאַזוי? ענטפערן זיי: אמעריקע איז א לאנד פאר אלעמען. יעדער מוטשעט זיך און מאכט א לעבן... האָט איר עפעס צו זיי? נאָך גוט, וואָס זיי שרײַבן כאָטש. די ערשטע צײַט האָבן זיי גאָרניט געשריבן, פארגעסן דעם זײַ-געזונט. מיר האָבן שוין געמיינט, אז זיי זײַנען כאָלילע ארײַנגעפאלן אין יאם ארײַן. ערשט העט ווייס איך ווען, קומט א יעדיע, אז זיי זײַנען שוין, א דאנק גאָט, אין אמעריקע. זיי מוטשען זיך און מאכן א לעבן!.. אוואדע, זאָג איך אײַך, איז קעדײַ דער גאנצער טארעראם, מיטן ברעכן זיך, מיטן איבערשיטן דאָס בעטגעוואנט, מיטן פאָרן איבערן יאם, מיט נאָך אזעלכע זאכן!

— איך בעט אײַך, איר וועט אמאָל אופהערן לייגן קנייטלעך[1]?

אזוי פאלט אָן מײַן ברודער עליע אף אונדזער שכיינע פעסיע און באקומט פון איר א פאָרציע:

— לייגן קנייטלעך? זע נאָר, א גאנצער כאָכעם פון דער מא-ני-שטאנע[2]! ער פאָרט קיין אמעריקע זיך מוטשען און מאכן א לעבן! ווי לאנג האָב איך דיך געהאלטן אף די הענט, זיך געניאנטשעט, געהאט צו טאָן? אנו, פרעג נאָר די מאמע דײַנע, וואָס איך האָב געהאט מיטן ביינדל, וואָס דו האָסט קינדווײַז אײַנגעשלונגען איין-מאָל פרײַטיק-צונאכטס בא די פיש. ווען ניט איך טו דיך א כאפ פון הינטן איינס-צוויי-דרײַ, וואָלסטו שוין איצטער ניט געפאָרן קיין אמעריקע זיך מוטשען און מאכן א לעבן!..

אונדזער שכיינע פעסיע וואָלט נאָך גערעדט און גערעדט. א גליק, וואָס די מאמע מישט זיך ארײַן און הייבט אָן צו איר מיט גוטן:

— איך בעט אײַך, פעסיעניו, נעשאָמעניו, הארצעניו, ליובעניו, זאָלט איר מיר זײַן געזונט און שטארק!..

מער קאָן די מאמע ניט ריידן. זי צעווײנט זיך. דערזעט מײַן ברודער עליע, אז זי וויינט, ווערט ער אָנגעצונדן. ער טוט א וואָרף די ארבעט און לויפט ארויס פון שטוב מיט א קלאפ די טיר:

— לאָז דאָס גיין אין דר'ערד ארײַן!

---

1 געמיינט: וויינען, באקלאָגן.

2 אן איראָנישער אויסדרוק, ווען מע וויל אײנעם זאָגן, אז ער איז ניט קיין קלוגער.

ג

אינ שטוב איז שוינ בא אונדז פוסט — א כורווע. דער אלקער איז פול מיט פעקלעכ אונ מיט בעטגעוואנט. דאָס בעטגעוואנט פאַר־נעמט קימאט ביז דער סטעליע. אז קיינער איז נישטאָ, דראפּע איכ מיכ ארופ אפ אלע קישנס אונ גליטש מיכ אראָפּ, ווי אפ א שליטנ. מיר דאכט זיכ, אז אזוי גוט, ווי איצט, איז מיר נאָכ קיינמאָל נישט געווענ. קאָכנ קאָכט מענ שוינ ניט בא אונדז פונ לאנג. מייַנ ברודער עליע ברענגט פונ מארק א געטריקנט פישל, עסנ מיר דאָס מיט ציבעלע. פישל מיט ציבעלע — וואָס קאָנ זייַנ נאָכ בעסער פונ דעמ? אונדזער כאווער פיניע עסט אויכ מיט אונדז. ער איז דאָכ פונ טאָמיד א פארטראָגענער. דער קאָפּ פליט בא אימ. נאָר פונ זינט מיר פאָרנ קיינ אמעריקע, איז ער גאָר צעדולט. אזוי זאָגט אפ אימ די מאמע. איינ הויז איז בא אימ פארקאטשעט ארופ, איינ זאָק אראָפּ. דאָס האלדזטיכל שפּארט שוינ אָנ אפ יענער זייַט. אונ קומט ער ארייַנ צו אונדז אינ שטוב, אזוי מוז ער כאפּנ א זעצ אינ שטערנ. אלעמאָל האָט צו אימ די מאמע די זעלבע טייַנע:

— דו זעסט דאָכ, אז דו ביסט הויכ אויסגעוואקסנ, בייגט מענ זיכ איינ א ביסל.

— ער האָט א נידעריקע ריע, מאמע!

אזוי פארענטפערט אימ מייַנ ברודער עליע, אונ ביידע גייענ זיי מאכנ אנ עק מיט אונדזער האלבער דירע. מע דארפ זיכ צעשרייַבנ. מיר האָבנ אונדזער האלבע דירע שוינ לאנג פארקויפט. אונדזער האלבע דירע האָט אוועקגעקויפט זיליע דער שנייַדער. אזוי גיכ קויפט א שנייַדער א דירע! א גרויסער נודניק אָט דער זיליע דער שנייַדער! פריער איז ער דרייַ מאָל א טאָג געקומענ אָנקוקנ אונדזער האלבע דירע איינער אליינ. געשמעקט די ווענט, געטאפּט דעמ קוימענ, געקראָכנ אפנ בוידעמ, באטראכט דעמ דאכ. נאָכדעמ האָט ער געבראכט דאָס ווייַב. מעני הייסט זי. ווענ איכ קוק אפ איר, מוז איכ מיכ צעלאכנ. אונדזער שכיינעס קעלבל האָט אויכ געהייסנ „מעני”. ביידע „מעניס” האָבנ איינ פּאָנעמ. מעני דאָס קעלבל האָט געהאט א ווייַסע מאָרדע מיט קייַלעכיקע אויגנ. מעני דעמ שנייַדערס אויכ אזוי... שפּעטער האָט זיליע דער שנייַדער אָנגעהויבנ פירנ מעווינימ אָנקוקנ די דירע. צומ מייסטנ, שנייַדערס. יעדער האָט געפונענ אפ אונדזער האלבער דירע אנ אנדער כיסאָרנ. ביז ס'איז געבליבנ, מע זאָל אראָפּברענגענ פּיניעס טאטנ, הערש־לייב

דעם מעכאניק. הערש-לייב דער מעכאניק איז א מייווין אפ דירעס. ער איז אן ערלעכער מענטש. אפ אים קאָן מען זיך פאַרלאָזן. הערש-לייב טוט צוליב. ער באטראכט אונדזער האלבע דירע פון אלע זייטן. ער הייבט אוף דעם קאָפּ ווי הויך ער איז, פארקא-טשעט דאָס היטל, טוט זיך א קראַץ אונטערן האלדז און א זאָג:

— אָט די דירע קאָן שטיין, בעלי גוזמע, א יאָר הונדערט אויב נישט מער.

כאַפּט זיך ארויס איינער א שניידער, פון זיליע דעם שניידערס בעווינים:

— געוויס! אבי מע זאָל זי נאָר איבערשיטן מיט ציגל, אונ-טערשפּארן מיט א פּאָר גוטע אבאפּאָלקעס, אריינכמאליען פיר נייע ווענט און ארופציבלען א בלעכענעם דאך, וועט זי שטיין און שטיין, אימירצעשעם, ביז מאָשיעך וועט קומען!

מע זאָל געווען הערש-לייב דעם מעכאניק, אשטייגער, אויס-שעלטן אין טאטן אריין, אָדער אָפּגיסן מיט א טאָפּ זודיק וואסער, וואָלט ער ניט באדארפט ווערן מער אין קאס. ער האָט נאָר גע-וואָלט וויסן איין זאך: „ווי האָט דאָס אין זיך א ייד א פּארך, א שניידער, א גאנעוו, א פּאלגע[1], אזא פּאָטעפּאלנאָסט צו ריידן מיט אים, מיט הערש-לייב דעם מעכאניק, אזעלכע ווערטער, מיט אזעלכע רייד, מיט אזעלכע דיבורים, מיט אזא שפּראך און מיט אזא לאָשנ?!“ איך בין אומזיסט געווען פריילעך: איך האָב געמיינט, אָט-אָט פליען פעטש. צום סאָף האָבן זיך אריינגעלייגט מענטשן (אומעטום וואקסן אויס „מענטשן“!), און מע האָט זיי צעטומען, און מע האָט געמאכט שאָלעם, און מע האָט זיך אָנגעהויבן דינגען, און מע האָט זיך אויס-געגליכט מיטן מעקעך, און מע האָט געשיקט נאָך בראנפן, און מע האָט געטרונקען לעכאַיִם. מע האָט אונדז געווינטשעוועט, מיר זאָלן פאָרן געזונט, און קומען געזונט, און מאכן גוטע געשעפטן, און פאַרדינען א סאך געלט, און קומען צוריק, אימירצעשעם...

— פּאַוואָליע! ניט אזוי גיך קומט מען צוריק פון אמעריקע! — זאָגט מיין ברודער עליע, און עס פאַרבינדט זיך א שמועס וועגן אמעריקע. הערש-לייב דער מעכאניק ווינטשט זיך אזא שטיק גאָלד, ווי מיר וועלן אלע, אימירצעשעם, קומען צוריק פון אמעריקע. ווען ניט דער „פּריזיוו“, וואָלט ער זיינע פּיניען, זאָגט ער, ניט גע-לאָזט פאָרן קיין אמעריקע. אמעריקע, זאָגט ער, איז פּע! פרעגט אים זיליע דער שניידער: ער זאָל קיין פאַריבל ניט האָבן, מיט וואָס

[1] א זידלוואָרט אפ א שניידער.

איז אמעריקע פע? ענטפערט אים הערש-לייב: דערפאר, ווײַל אמע-ריקע איז א פאסקודנע לאנד. פרעגט אים ווידעראמאָל זיליע דער שנײַדער: ער זאָל קיין פאריבל ניט האָבן, פונוואנען ווייסט ער, אז אמעריקע איז א פאסקודנע לאנד? ענטפערט אים הערש-לייב, אז ער פארשטייט עס אלפי-סייכל. זאָגט אים זיליע, ער זאָל אים געבן צו פארשטיין דעם סייכל. הייבט אָן הערש-לייב מעכאניק צו שטאמ-לען מיט דער צונג, געבן צו פארשטיין אלפי-סייכל. נאָר עס קלעפט זיך ניט א וואָרט צו א וואָרט, מאכמעס ער איז שוין א ביסל אונטערן גלעזל. אלע זײַנען אונטערן גלעזל. אלע פילן זיך גוט, אויסגעצייכנט גוט. איך אויך. נאָר די מאמע מײַנע באהאלט אלע מינוט דאָס פּאָנעם אין פארטעך אוןווישט די אויגן. מײַן ברודער עליע קוקט אָפּ אויף איר און זאָגט צו איר שטילערהייט:

— גאזלענטע! דו האָסט קיין ראכמאָנעס ניט אָפּ די אויגן! דו קוילעסט אונדז!

ד

איצט האָט זיך אָנגעהויבן א נײַע כאסענע — געזעגענען זיך. פון שטוב צו שטוב גייען מיר זיך געזעגענען. מיר זײַנען שוין געווען בא אלע אונדזערע קרויווים, שכייני־ים און באקאנטע. בא אונדזער מעכוטן, יוינע דעם בעקער, האָבן מיר פארבראכט א גאנצן טאָג. אונדזערע מעכוטאָנים האָבן געמאכט פאר אונדז א וואַרעמעס, צונויפגעדופן די מישפּאָכע, געשטעלט ביר צום טיש. מיך האָט מען אוועקגעזעצט באזונדער מיט מײַן שוועגערנס שוועסטערל. אלטע הייסט זי. איך האָב אײַך שוין אמאָל דערציילט פון איר. זי איז עלטער פון מיר מיט א יאָר און טראָגט צוויי צעפּלעך, צונויפגע-דרייט פון אונטן ווי א בייגל. מע האָט זי מיר אמאָל גערעדט פאר א קאלע. פון דעמלט אָן, אז מע זעט אונדזביידן, רופט מען אונדז: „די כאָסן-קאלע". פונדעסטוועגן, שעמען מיר זיך ניט ריידן צווישן זיך. זי פרעגט בא מיר, אויב איך וועל נאָך איר בענקען? — געוויס וועל איך נאָך איר בענקען! נאָכדעם פרעגט זי מיך, אויב איך וועל איר שרײַבן בריוולעך פון אמעריקע? — געוויס וועל איך שרײַבן בריוולעך פון אמעריקע!

— וויאַזוי וועסטו שרײַבן? דו קענסט דען שרײַבן?

— א טײַערע מעציִע אין אמעריקע זיך אויסלערנען שרײַבן! — זאָג איך און האלט די הענט אין די קעשענעס. אלטע קוקט אָפּ מיר און שמייכלט. איך ווייס, וואָס זי שמייכלט, זי מאכט זיך א

האַרץ. זי איז מיר מעקאַנע, וואָס איך פֿאָר און זי ניט. אַלע זײַנען מיר מעקאַנע, אַפּילו יאָסיע דעם נאָגידס יינגל, העגעך מיטן אייגל, זאָל מיך קאָנען דערטרינקען אין אַ לעפל וואַסער! ער שטעלט מיך אָפּ און מאַכט צו מיר מיטן אייגל:

— הער נאָר, דו, דו פֿאָרסט קיין אַמעריקע?

— יאָ, איך פֿאָר קיין אַמעריקע.

— וואָס וועסטו דאָרטן טאָן? גיין איבער די הײַזער?

זײַן גליק, וואָס מײַן ברודער עליע איז דערבײַ נישטאָ, ער וואָלט אים געגעבן אַ „גיין איבער די הײַזער"!.. איך וויל זיך מיט אים ניט אָנהייבן, מיט אַזאַ לאָבוס. איך ווײַז אים נאָר אַ צונג און לויף אַוועק צו אונדזער שכנים פֿעסיע זיך געזעגענען מיט איר כאַליאַסטרע. אַ היפּשע כאַליאַסטרע. איך האָב אײַך שוין אַמאָל דערציילט פֿון זיי. אַכט שטיק, איינס אין איינס. אַלע אַכט רינגלען מיך אַרום. זיי פֿרעגן מיך, צי בין איך צופֿרידן, וואָס איך פֿאָר קיין אַמעריקע? אַ שיינע מײַסע, נאָר אַ קורצע! וואָס טויג מיר גרויס — זיי זײַנען מיר גוט מעקאַנע. מער פֿון אַלע איז מיר מעקאַנע הערשל. אָט דער, וואָס מע רופֿט אים „וואַשטי", דערפֿאַר וואָס ער האָט אַ גאָליע אָפּגן שטערן. ער לאָזט פֿון מיר קיין אויג ניט אַראָפּ. ער זיפֿצט און זאָגט צו מיר: „דו וועסט זיך עס אָנזען אַ וועלט!"

יאָ, איך וועל זיך אָנזען אַ וועלט! ווי דערלעבט מען שוין!..

ה

שוין געקומען לייזער מיט די „אָדלערס". דרײַ ברענענדיקע פֿערד! זיי קאָנען ניט אײַנשטיין אויף איין אָרט. אָדער זיי טופּען מיט די פֿיס, אָדער זיי פֿאָרשקען מיט די נאָזלעכער און באַשפּריצן מיר דאָס פּאָנעם. איך ווייס ניט, וואָס איך זאָל טאָן פֿריִער: צי איך זאָל קוקן אויף די פֿערד, צי איך זאָל העלפֿן טראָגן די פּעקלעך מיט די קישנס אין וואָגן אַרײַן? איך קאָן באַשטיין ביידע זאַכן: איך שטיי בײַ די פֿערד און זע, ווי מע טראָגט די פּעקלעך מיט די קישנס. אַ פֿולער וואָגן מיט פּעקלעך און מיט קישנס. אַ גאַנצער באַרג מיט בעטגעוואַנט. שוין צײַט אויפֿצוזעצן זיך און פֿאָרן. מיר האָבן פֿינף און פֿערציק וויאָרסט צו דער באַן. אַלע זײַנען שוין דאָ: איך, און מײַן ברודער עליע, און מײַן שוועגערין בראָכע, און אונדזער כאַווער פּיניע, און זײַן ווײַב טײַבל, און די גאַנצע מישפּאָכע זייערע: פּיניעס טאַטע, הערש־לייב מעכאַניק, שנייער דער זייגערמאַכער, פּיניעס שווער און שוויגער, דער מילנער מיט דער

מילנערקע, און דער מומע קריינעס טאָכטער מיטן פויגלש פּאָנעם, און אפילע דער אלטער זיידע דעב העסיע איז אויך געקומען אָנזאָגן פיניען, וויאזוי ער זאָל זיך פירן אין אמעריקע. פון אונדזער מיש־פּאָכע זײַנען געווען נאָר אונדזערע מעכוטאָנים, יוינע דער בעקער מיט זײַנע באָנים. אַן אווירע, וואָס איך האָב אײַך ביז אהער גאָר נישט באקענט מיט זיי. איצט איז ניט די צײַט. מיר פאָרן קיין אמעריקע. אלע דרייען זיך ארום אונדז, קוקן אפ אונדז, גיבן אונדז אייצעס, מיר זאָלן זײַן געהיט פאר גאנאָווים.

— אין אמעריקע איז נישטאָ קיין גאנאָווים.

אזוי זאָגט מײַן ברודער עליע און טאַפּט זיך בא דער קעשענע, וואָס די מאמע האָט אים אײַנגענייט אין אזא אָרט, וואָס קיין גא־נעוו אין דער וועלט וועט ניט אײַנפאלן, אז דאָרט זאָל זײַן א קע־שענע. דאָרט ליגט דאָס גאנצע געלט, וואָס מיר האָבן אָפּגעלייזט פאר אונדזער האלבער דירע. אפּאָנעם, ס׳איז דאָרט א היפּשע פּוטעקע. וואָרעם אלע פרעגן אים, צי האָט ער כאָטש גוט באהאלטן דאָס געלט?

— גוט! גוט! האָט קיין יעסורים ניט! — זאָגט מײַן ברודער עליע. עס איז אים שוין פּאָשעט נימעס געוואָרן איטלעכן באזונדער אָפּ־געבן דין־וועכעושבן פארן געלט. דער אוילעם הייבט אָן זאָגן, מע זאָל זיך געזעגענען. אלע הייבן אָן זיך גרייטן צום געזעגענען. מע טוט זיך א כאפּ — נישטאָ די מאמע! ווו איז די מאמע? קיינער ווייסט ניט, ווו איז די מאמע! מײַן ברודער עליע איז אויסער זיך. אונ־דזער כאווער פיניע האָט איינגאנצן פארלאָרן דאָס האלדזטיכל. לייזער טרײַבט האלדז־און־נאקן. ער זאָגט, אז מיר קאָנען פארשפּעטיקן די באן. שאט! אָט גייט די מאמע. דאָס פּאָנעם איז איר רויט. די אויגן פארשוואָלן. מײַן ברודער עליע פאלט צו צו איר.

— וואָס איז מיט דיר? ווו ביסטו געווען?

— אפן הייליקן אָרט, זיך געזעגענען מיטן טאטן...

מײַן ברודער עליע קערעוועט זיך אָפּ אָן א זײַט. אלע בלײַבן שטיין אָן לאָשן. זינט מיר פאָרן קיין אמעריקע איז דאָס דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער טאטע קומט מיר אפן זינען. עס טוט מיר א צופּ באם הארצן. איך טראכט מיר: „אלע פאָרן קיין אמעריקע, און דער טאטע נעבעך בלײַבט דאָ, אפן הייליקן אָרט, איינער אליין”... לאנג טראכטן לאָזט מען מיך ניט. מע טוט אפּ מיר א הוק און מע הייסט מיר קריכן אפן וואָגן. וויאזוי קאָן איך קריכן אפּ אזא הויכן וואָגן מיט אזא בארג מיט בעטגעוואנט? ס׳איז דאָ אן אייצע:

מיר פאָרנ, מיר פאָרנ, מיר פאָרנ קיינ אמעריקע!

לייזער שטעלט מיר אונטער זײַנע ברייטע פּלייצעס. פּלוצעם ווערט א קושערײַ מיט א געוויין, א יעלאָלע. ערגער ווי טישעבאָוו[1]. מער פון אלע וויינט די מאמע. זי פאלט אונדזער שכיינע פעסיע אפּנ האלדז און זאָגט: „איר זײַט מיר געוועזנ א שוועסטער. געטרײַער פון א שוועסטער!”... אונדזער שכיינע פעסיע וויינט ניט, נאָר איר גראָבער גיידער טרייסלט זיך, און גרויסע טרערנ, ווי באָב, קײַקלענ זיך איבער אירע פעטע גלאנצנדיקע באקנ. אלע האָבנ זיך שוינ צעקושט, נאָר פּיניע נאָך נישט. זענ פּיניענ קושנ זיך — דארפ מענ נישט קיינ טעאטער. מאכמעס ער האָט א גידעריקע דיע, טרעפט ער ניט, ווו מע דארפ. אָדער ער קושט אינ באָרד ארײַנ, אָדער אינ שפּיצ נאָז, אָדער ער כוט זיך גאָר א בוצקע אינ שטערנ. דערצו האָט ער א טעווע, אז ער גייט, שפּרינגט ער אונטער און פארטשעפעט זיך בא זײַנע אייגענע פיס. איך זאָג אײַך, פונ פּיניענ קאָנ מענ בלײַבנ אָנ א בויך לאכנדיק. דאנקענ האשעם־ייִסבאָרעכ[2], מיר זיצנ שוינ אינ וואָגנ. דאָס הייסט, איך האָב געוואָלט זאָגנ: אפּנ וואָגנ. אויבנאָנ, אפּ די קישנס און צווישנ די קישנס, זיצנ: די מאמע, בראָכע און טײַבל. פאָריטש (אקעגנ) — מײַנ ברודער עליע און אונדזער כאווער פּיניע; איכ מיט לייזערנ — אפּ דער קעלניע. די מאמע וויל אפילע, איכ זאָל מיכ אוועקזעצנ בא איר צופוסנס. זאָגט אָבער מײַנ ברודער עליע, אז אפּ דער קעלניע ועט מיר זײַנ בעסער. געוויס וועט מיר זײַנ בעסער! אפּ דער קעלניע זע איכ פאר זיכ די גאנצע וועלט, און די גאנצע וועלט זעט מיכ. לייזער נעמט זיכ צו דער בײַטש. דער אוילעמ געזעגנט זיכ נאָכ. די ווײַבער וויינענ.

— זײַט געזונט!

— פאָרט געזונט!

— שרײַבט אונדז פונ אײַער געזונט!

— זײַט מאצלִיעכ!

— פארגעסט אונדז ניט!

— שרײַבט אלע וואָכ! לעמאנ־האשעם, יעדע וואָכ א בריוו!

— לאָזט גריסנ מוישענ, מיט באסיענ, מיט מייערנ, מיט זלאטענ, מיט כאנע־פערלענ, מיט סאָרע־ראָכלענ, מיט זייערע קינדער.

---

1 דער נײַנטער טאָג פונ כוידעש אָוו — א טרויער־טאָג. אינ דעמ טאָג איז לויט דער לעגענדע כאָרעוו געוואָרנ דער טעמפּל אינ יערושאָלאיִמ (דער בייס־האמיקדעש).

2 גאָט.

— גאָר פרײַנטלעכ! זײַט געזונט! זײַט געזונט!

אזוי שרײַען מיר אלע פונעמ וואָגנ ארויס, אונ איכ וואָלט גע-מעגט שווערנ, אז מיר פאָרנ שוינ. לײזער האָט געשענקט אלע דרײַ אָדלערס צו רעכטע שמיצ. אײנעמ האָט ער מעכאבעד געווענ מיטנ שטעקנ אכוצ. די רעדער קאטשענ זיכ. מיר שאָקלענ זיכ אונ העצ-קענ זיכ. איכ שפּרינג אונטער אפ דער קעלניע אונ פאל שיר נישט אראָפּ פאר פרייד. עס קיצלט מיכ, עס גענדזלט מיכ אינ האלדז. עס גלוסט זיכ מיר זינגענ. מיר פאָרנ, מיר פאָרנ, מיר פאָרנ קײנ אמעריקע!

XIII

מיר גאנווענענ די גרענעצ

א

פאָרנ מיט דער באנ איז א גאנײדנ! מיט דער פור איז אויכ ניט שלעכט, נאָר סע טרײסלט, אונ די זײַטנ טוענ נאָכדעמ וויי סאקאָנעס. לײזערס פערד פליענ טאקע ווי די אָדלערס, פונדעסט-וועגנ האָבנ מיר זיכ גענוג געשלעפּט, ביז מיר זײַנענ געקומענ צו דער סטאנציע. אונ אז מיר זײַנענ געקומענ צו דער סטאנציע, האָבנ מיר נישט געקאָנט ארויס. מיר איז געווענ גרינגער פונ אלע-מענ. איכ בינ דאָכ געזעסנ מיט לײזערנ אפ דער קעלניע. הארט איז טאקע געווענ, אונ די בײנער האָבנ גוט וויי געטאָנ. דערפאר האָט מענ אָבער געקאָנט אראָפּשפּרינגענ אינ אײנ מינוט. זיי האָבנ שוינ ניט געקאָנט שפּרינגענ. איר ווײסט דאָכ ווער: מײַנ ברודער עליע מיט מײַנ שווענערנ בראָכע, אונדזער כאווער פּיניע מיט זײַנ ווײַב טײַבל אונ די מאמע מײַנע. ערגער פונ אלע איז געווענ די ווײַבער. זיי זײַנענ ארײַנ אונ פארהרוזנעט געוואָרנ! מע האָט פריער באדארפט ארויסוווארפנ פונעמ וואָגנ אלע פּעקלעכ מיטנ גאנצנ בעט-געוואנט, אונ ערשט נאָכדעמ שלעפּנ די ווײַבער אײנציקווײַז. אונ דאָס האָט אלצ געטאָנ לײזער. ער איז טאקע א בײזער ייִד אונ שעלט מיט טויטע קלאָלעס. ער איז אָבער אנ ערלעכער, א געטרײַער באלעגאָלע. אנ אוויירע, וואָס ער האָט אונדז אָפּגעוואָרפנ מיט די פּעקלעכ אונ מיטנ בעטגעוואנט אפ דער סטאנציע פונ דער באנ, אונ אלײנ איז ער אוועק זוכנ פּארשוינענ אפ צוריק. מיר זײַנענ געבליבנ אָנ אימ עלנט, ווי אפּנ וואסער. ערשטנס, האָט אונדז דער גוי פונ דער באנ אָנגעטאָנ צאָרעס. ער האָט זיכ געטשעפּעט

צו אונדז פאר די פעקלעכ. און ניט אזוי פאר די פעקלעכ, ווי פארנ בעטגעוואנט. זײַנ אײַסעק, וואָס מיר פירנ א סאכ קישנס. די מאמע רעדט צו אים מיט גוטנ. זי זאָגט אים, אז מיר פאָרנ קײַנ אמעריקע. ווערט ער גאזלענ און זאָגט אונדז, אז מיר זאָלנ פאָרנ אינ אזא אנ אָרט, וואָס איכ שעמ מיכ אויסצוזאָגנ.

— מע דארפ מיטנ אָרל שלאָגנ בלאט, אימ עפעס נאסענענ אפ דער יאד[1]...

אזוי זאָגט מײַנ ברודער עליע צו אונדזער כאווער פיניע. אונדזער כאווער פיניע איז אונדזער פירער, אונדזער קאָפ. ער קאָנ ריידנ גוט רוסיש. א כיסאָרנ, וואָס ער א״ז א ביסל צו א היציקער. מײַנ ברודער עליע איז אויכ א גוטער קײַסנ, אָבער ניט אזוי היציק, ווי פיניע. באלד צינדט ער זיכ אָנ, ווי א פײַער, און זידלט זיכ. ער גייט צו צום גוי און טוט מיט אים א שמועס אפ רוסיש. איכ גיב עס אײַכ איבער מיט זײַנ רוסישער שפראכ און זעצ עס אײַכ באלד איבער אפ אונדזער לאָשנ:

— סלוכײַ נאָ, טשאָלאָוויקו! טשאָרט טאָבי נע ווזיאוו קאק מי פאָיעכאלי וו׳אמעריקו איז מנאָזשעסטווענע טשיסלאָ פאָדושקי אי פאָדושעטשקו קאטאָרע מי טאָבי דאל נא וואָדקע אי מאָלטשי סוויני׳א!

אפ יידיש קומט דאָס אויס א סאכ שענער:

— הער נאָר, דו מענטשל! דער שווארציאָר וועט דיכ ניט נעמענ, וואָס מיר פאָרנ קײַנ אמעריקע מיט א טאכ קישנס און קישעלעכ, פאר וועלכע מיר גיבנ דיר א טרונק בראנפנ — און שווײַג, כאזער!

אוו״דע האָט אים דער גוי ניט אָפגעשוויגנ. ער האָט אים אָנגערופנ מיט אלערליי נעמענ: „זשיד כאלאמײ״ז", „הינטישע מאָרדע", „כאזערשער אויער", „פאהאנער גלויבנ". מיר האָבנ מוירע געהאט פאר א סקאנדאל, פאר פאָליציע. מײַנ מאמע האָט שוינ געבראָכנ די הענט, געוויינט פאר פיניענ:

— ווער האָט דיכ געבעטנ, זאָלסט ארויס מיט דײַנ צונג, באוויײַזנ, אז דו קענסט?

— האָט קיינ מוירע ניט, דער אָרל וועט נעמענ א כאָצי-רוכ[2], און מע וועט זיכ איבערבעטנ.

קאכ-האווע. זיי האָבנ זיכ טאקע איבערגעבעטנ. פיניע האָט ניט

1 געבנ אינ דער האנט, געבנ כאבאר.

2 א האלב רובל.

אופגעהערט צו שיטן מיט רוסיש. דער אָרל האָט ניט אופגעהערט צו שעלטן און האָט איבערגעטראָגן אַלע פּעקלעך מיט אַלע קישנס אין א גרויסע שטוב מיט הויכע פענצטער, וואָס מע רופט דאָס „וואָקזאַל". און ערשט דאָ הייבט זיך אָן די רעכטע כאַסענע. וואָס איז שוין ווײַטער? דער גוי זאָגט, אַז מע וועט אונדז ניט אַרײַנלאָזן אין וואַגאָן אַרײַן מיט אַזויפיל קישנס און מיט אַזויפיל שמאַטעס (דאָס מיינט ער, אַפּאָנעם, די קאָלדרעס: א ביסל צעריסן דער אונטערשלאַק, זעט זיך אַרויס די וואַטן, הייסט דאָס שוין בא אים שמאַטעס!). עס בלײַבט, מע זאָל גיין צום „נאַטשאַלניק". ווער זאָל גיין? געווייִנטלעך, פּיניע! פּיניע גייט מיטן גוי צום „נאַטשאַלניק". איך גיי זיי נאָך. מיטן „נאַטשאַלניק" שטעלט זיך אַוועק פּיניע אויסטײַנען שוין גאָר מיט אַן אַנדער לאָשן. ער בייזערט זיך שוין ניט אַזוי שטאַרק, נאָר ער רעדט און מאַכט מיט די הענט. ער זאָגט אים עפּעס מאָדנע ווערטער, וואָס איך האָב זיי קיינמאָל ניט געהערט: „קאָלומבוס"... „ציוויליזאַציע"... „אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלד"... „סלאָנימסקי"... „מאַטעמאַטיקע"... די איבעריקע ווערטער האָב איך שוין פאַרגעסן. דער „נאַטשאַלניק" האָט אים גוט אויסגעהערט, אָנגעקוקט און אָפּגעשוויגן. אַפּאָנעם, אַז פּיניע האָט אים גוט דערלאַנגט! פונדעסטוועגן, האָט דאָס אויך ניט געהאָלפן. מע האָט געמוזט אַוועקגעבן דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט אין באַגאַזש און אַרויסנעמען א קוויטאַנציע. די מאַמע איז געווען אויסער זיך: אויף וואָס וועלן מיר שלאָפן?

ב

די מאַמע האָט זיך אומזיסט געזאָרגט: אויף וואָס וועלן מיר שלאָפן? איך בין אײַך שוין מויכל דאָס שלאָפן. איך וואָלט א באַלן געווען, ס'זאָל כאָטש זײַן וווּ צו זיצן. ווי אויף צולאָכעס, איז אין וואַגאָן אַזוי ענג, אַז מע קאָן דערשטיקט ווערן. אַכוץ אונדז, פאָרן נאָך א סאַך פאַרשוינען, ייִדן און קריסטן, און מע שלאָגט זיך פאַר די ערטער. איבערן בעטגעוואַנט האָבן מיר פאַרשפּעטיקט אַלע בעסטע ערטער. מיר האָבן קוים באַזעצט די ווײַבער מיט די פּעקלעך אויף דער ערד. די מאַמע אין איין זײַט וואַגאָן, בראָכע און טײַבל אין דער אַנדערער זײַט וואַגאָן. אַז זיי ווילן ריידן, מוזן זיי שרײַען הויך איבערן גאַנצן וואַגאָן. לאַכט מען פון זיי. מײַן ברודער עליע און אונדזער כאַווער פּיניע זײַנען געבליבן הענגען, ווי אײַנדערלופטן, ניט אַהין, ניט אַהער. פּיניע איז בלינד,

כאַפּט ער אַלעמאָל א קלאַפּ אין שטערן. און איך? פאַר מיר זאָרגט
אײַך נישט. מיר איז גוט. מיר איז אויסגעצייכנט. מע קוועטשט
מיך טאָקע פון אַלע זײַטן. איך שטיי אָבער בא א פענצטער. דאָס,
וואָס איך זע, האָט איר געוויס קיינמאָל ניט געזען. פאַר מײַנע
אויגן פליִען שטיבער, וויאָרסטן, ביימער, מענטשן, פעלדער, וועל-
דער — ס'איז ניט צו באַשרײַבן! און וויאַזוי פליט די באַן! און
וויאַזוי קלאַפּן די רעדער! וויאַזוי טראַסקעט דאָס! וויאַזוי פײַפט דאָס!
וויאַזוי קוויטשעט דאָס! די מאַמע האָט מוירע, איך זאָל נישט אַרויס-
פאַלן דורכן פענצטער, שרײַט זי אַלע מינוט אַף א קול: „מאָטל!
מאָטל?" און עפּעס איינער א פּאָרעצל מיט בלויע ברילן קרימט איר
איבער און זאָגט איר נאָך מיטן אייגענעם ניגון: „מאָטל! מאָטל?"
אַלע קריסטן לאַכן. די ייִדן מאַכן זיך ניט ווייסנדיק. די מאַמע הערט
זיי אוואַדע ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי. זי הערט ניט אויף צו שרײַען:
„מאָטל! מאָטל?" וואָס וויל זי ווײַטער? זי וויל, איך זאָל עפּעס גע-
מען אין מויל אַרײַן. מיר פירן מיט זיך פון קאָל-טוּו: רעטעך, און
ציבעלעס, און קנאָבל, און גרינע אוגערקעס, און האַרטע אייער,
אַף יעדן איינציקן אַן איי. איך האָב שוין לאַנג נישט אַזאַ האַנאָע
געהאַט פונעם עסן. א ביסל האָט אונדז פאַרשטערט די סודע טאָקע
פיניע אַליין. ער דאַרף זיך אָנעמען דעם ייִדנס קריוודע. ער קאָן
ניט ליַידן, לעמײַ די קריסטן לאַכן, וואָס מיר עסן ציבעלקעס מיט
קנאָבל. ער ציט זיך אויס, ווי לאַנג ער איז, און רופט זיך אָן
צום פּאָרעצל, וואָס מיט די בלויע ברילן, גאָר זײַן רוסישער שפּראַך:
— א קאַק ווי קושאַיעטיע סוויניא (און אַז איר עסט כאַזער?)?
די דאָזיקע ווערטער האָבן דערלאַנגט די קריסטן ביזן ביין אַרײַן.
איינעם פון זיי האָט דאָס, אַפּאָנעם, אָנגענומען בײַ דער לעבער.
ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט אַראָפּגעלאָזט אונדזער כאַווער
פיניען א פּאַטש, אַז עס האָט געגעבן א קלונג. פיניע האָט פײַנט
אָפּשווײַגן. ער האָט אים געוואָלט געבן צוויי צוריק. איז ער דאָך אָבער
בלינד. טרעפט ער אין אַן אַנדער קריסט. א גליק, וואָס עס קומט
אַרײַן דער קאָנדוקטאָר מיטן אָבער-קאָנדוקטאָר, און עס ווערט א
טומל, א מעהומע. אַלע ריידן. די ייִדן קלאָגן זיך אַף די קריסטן.
איינעם האָט מען אָפּגעקוועטשט א פינגער פון פוס מיט א טשעמאָ-
דאַן. איינעם האָט מען אַרויסגעוואָרפן דאָס היטל דורכן פענצטער.
די קריסטן שרײַען: ס'א ליגן! ס'א בילבל! די ייִדן שטעלן איידעס,
און דאַפּקע צוויי קריסטן. איינער פון זיי איז א גאַלעך. א גאַלעך
וועט ניט זאָגן קיין ליגן. די קריסטן זאָגן, אַז די ייִדן האָבן אונ-

טערגעקויפט דעם גאלעכ. דער גאלעכ האלט א גאנצע דראשע. עס לויפן אפ אזוי עטלעכע סטאנציעס. אפ יעדער סטאנציע ליידיקט אויס דער וואגאן א פאר פארשווינדלעכ. עס ווערט אלעמאל גראמער. אונדזערע ווײַבער זיצן שוין, ווי די פריצעס, אפ די בענק מיט זייערע פעקלעכ. מײַן ברודער עליע און אונדזער כאווער פיניע האבן זיכ מעכײַע געווען. זיי האבן די בעסטע ערטער. ערשט דא דערזעט טײַבל, אז בא איר מאן פיניע איז אופגעלאפן א באק, און מע קאן דערקענען פינגער. טײַבל איז אויס מענטש. זי האט אפ אים ראכמאנעס. פיניע שווערט איר, אז ער פילט ניט קיין זאכ. ער פילט נאר, ווי סע שמארצט. ס'וועט באלד איבערגיין. ער האט פײַנט צוריידן פון אזעלכע זאכן. ער רעדט בעסער מיט די יידן. ער פרעגט זיי, וווהין זיי פארן. א סאכ פון זיי פארן קיין אמעריקע. דערהערט, אז קיין אמעריקע, ווערט אפ אונדז א געדולע.

— סטײַטש, וואס זשע האט איר געשוויגן ביז אהער? מיר פארן דאכ אויכ קיין אמעריקע!

אזוי זאגט זיי פיניע, און מיר ווערן גיכ באקאנט. מיר ווייסן אלע, פון וואסער א שטאט איטלעכער פארט און צו וועמען.

— איר קיין ניו-יארק? מיר קיין פילאדעלפיע!

— וואס איז דאס פילאדעלפיע?

— אויכ א שטאט, ווי ניו-יארק.

— פאוואליע, האלט זיכ אײַן! פילאדעלפיע קעגן ניו-יארק איז אזוי ווי איישישאק קעגן ווילנע, דראזשנע קעגן אדעס, אטוואצק קעגן ווארשעוו, סעמיאנעווקע קעגן פעטערבורג, קאזעלעצ קעגן כארקאוו...

— טע-טע-טע! איר זײַט דאכ עפעס אויסגעוועג א וועלט, קיין אײַנארע!

— לאמיכ עס פארמאגן! אויב איר ווילט, וועל איכ אײַכ אויסרעכענען אלע שטעט, וואס איכ בין דארט געווען...

— דאס לאזט איבער אפ שאבעס. זאגט בעסער, יידן, וואס טו איכ מיט דער גרענעצ?

— איר וועט טאן, וואס מיר טוען, דאס, וואס אלע טוען.

דא רוקן זיכ צונויפ אלע יידן איינעם, און מע שמועסט וועגן גאנוועגע די גרענעצ. איכ פארשטיי ניט, וואס הייסט דאס „גאנוועגע די גרענעצ”? מיר זײַנען דען גאנאווים?.. וועמען פרעגט מען? די מאמע איז א יידענע. וואס ווייסט א יידענע? מײַן ברודער עליע האט פײַנט, אז מע דולט אים א קאפ. א יינגעלע ווי איכ, זאגט ער, דארפ זיכ נישט ארײַנמישן צווישן גרויסע. פיניע איז פארטראגן. ער רעדט. אלע ריידן. איטלעכער דערציילט אן אנדער

מײַסטע פֿון אַן אַנדער גרענעץ. אײנער זאָגט, אַז די בעסטע גרענעץ אַפֿ צו גאַנווענען איז נאָוואָסעליץ. דער אַנדערער זאָגט, אַז אַפֿ בראָד איז בעסער ווי אומעטום. קומט צו גײן אַ דריטער און זאָגט, אַז אונגעני איז אױך ניט שלעכט. ווערט אַ געלעכטער: „אונגעני אױך מיר אַ גרענעץ! רומעניע אױך מיר אַ לאַנד! ייִמאַך־שמאָם[1] זאָלן זײ ווערן מיט זײער לאַנד און מיט זײער גרענעץ!”...

— שאַט! מיר זײַנען שױן באַ דער גרענעץ!

ג

„די גרענעץ”, האָב איך געמײנט, איז מיט הערנער. צום סאָף — גאָרנישט: די אײגענע הײַזער, די אײגענע ייִדן מיט די אײגענע גויִים, וואָס באַ אונדז. אַפֿילע אַ מאַרק מיט קלײטן מיט שטעלעכלעך — אַלצדינג אַזוי ווי באַ אונדז. מײַן שוועגערן בראָכע און אונדזער כאַווער פֿיניעס ווײַב טײַבל זײַנען געגאַנגען אין מאַרק אײַנקויפֿן. איך וויל אױך מיט זײ גײן — לאָזט מיך די מאַמע ניט אָפּ פֿון זיך אַפֿ אײן מינוט. זי האָט מוירע, מע זאָל מיך ניט אוועקגאַנווענען סאַמע באַ דער גרענעץ. מײַן ברודער עליע און אונדזער כאַווער פֿיניע זײַנען נישטאָ. זײ דרײען זיך אַרום מיט פֿרעמדע ייִדן, וואָס איך קען זײ ניט. די מאַמע זאָגט, אַז דאָס זײַנען אַגענטן. די אַגענטן וועלן מיט אונדז גאַנווענען די גרענעץ. אײנער זעט טאַקע אױס ווי אַ גאַנעוו. אַ גרינע קאַפּאָטע, אַ ווײַסער שירעם, און אױגן גנײוויִשע. דער אַנדערער איז דאַפּקע אַ פֿײַנער מענטש מיט אַ קאַפּעליוש. און אַ ייִדענע דרײט זיך אױך אַרום אין קאָן. די ייִדענע ווײַזט אױס אַ פֿרומע, אַן ערלעכע. זי טראָגט אַ שײטל אַפֿן קאָפּ און רעדט מיט גאָט. זי פֿרעגט די מאַמע, ווו וועט זי בענטשן ליכט, אױב מיר האַלטן דאָ שאַבעס? די מאַמע זאָגט, אַז מיר האַלטן דאָ ניט קײן שאַבעס. שאַבעס וועלן מיר שױן, זאָגט זי, מיט גאָטס הילף זײַן אַפֿ יענער זײַט. די ייִדענע מאַכט אַ פֿרום פּאָנעם און זאָגט: אָמײן, ריבױנע־שעל־אױלעם! זי האָט אָבער מוירע, זאָגט זי, אַז מע פֿירט אונדז אין באָד אַרײַן. די אַגענטן, זאָגט זי, וואָס מיר האַנדלען מיט זײ, זײַנען פּראָסטע גאַנאָווים. זײ וועלן אױסנאַרן באַ אונדז דאָס געלט, זאָגט זי, און וועלן אונדז אַרײַנפֿירן אין אַ בלאָטע אַרײַן. אױב מיר ווילן, זאָגט זי, גאַנווענען די גרענעץ, זאָלן מיר גאַנווענען מיט איר, וועט אונדז זײַן, זאָגט זי,

1 אָפּגעמעקט זאָל ווערן זײער נאָמען.

אז וויל אונ גוט!.. אזוי? איז זי, הייסט עס, אויך א גאנעווטע? הײַנט וואָס טראָגט זי א שייטל אונ רעדט מיט גאָט?..

שוינ געקומענ מײַנ ברודער עליע מיט אונדזער כאווער פיניע. ביידע זײַנענ עפּעס שטארק צעטראָגנ. אפּאָנעם, זיי האָבנ זיך צע-קריגט? איינער זאָגט אפנ אנדערנ, אז איבער אים וועלנ מיר דאָ מוזנ שאבעס האלטנ. שאבעס האלטנ אליינ איז נאָך גאָרנישט. מיר ווערנ געוואָר, אז ביידע אגענטנ האָבנ זיך בארימט, אז מע וועט אונדז מאסערנ, אז מיר ווילנ גאַנווענענ די גרענעצ. ביז עפּעס וואָס— די מאמע וויינט דערווײַלע. מײַנ ברודער עליע בייזערט זיך אפ איר, וואָס זי מאכט א טעל פונ די אויגנ. איבער אירע אויגנ, זאָגט ער, וועט מענ אונדז אלעמענ נישט ארײַנלאָזנ קיינ אמעריקע! מײַנ ברו-דער עליע אונ פיניע הערנ אופ צו האנדלענ מיט די אגענטנ. זיי זאָגנ: אנ עק, מיר פאָרנ ניט קיינ אמעריקע אונ גאַנווענענ ניט די גרענעצ! מיר רײַסט זיך אָפּ איינ הארצנ. איך מיינ, ס'איז טאקע אנ עמעס. צום סאָפ, איז דאָס נאָר א מאניפּאָרגע. פיניעס קאָפּ! דאָס האָבנ זיי אומיסטנע אזוי געזאָגט. ביכדיי זיך אָפּטשעפּענ פונ די אגענטנ. אונ מיר האָבנ גענומענ האנדלענ מיט דער יידענע. די יידענע האָט גענומענ אנ אופגאָב אונ האָט אונדז געזאָגט, מיר זאָלנ זײַנ גרייט אפ הײַנט ארום האלבע נאכט. די נעכט זײַנענ פינצטערע נעכט. סאָפ כוידעש. אויסגעצייכנט גוט אפ צו גאַנווענענ די גרענעצ. איך וואָלט שוינ געוואָלט דערלעבנ זענ, וואָס הייסט דאָס „גרענעצ" אונ וויאזוי וועלנ מיר דאָס גאַנווענענ?

ד

א גאנצנ טאָג זײַנענ מיר געווענ באשעפטיקט מיט די זאכנ. מיר האָבנ אלצדינג באדארפט אײַנפּאקנ אונ אוועקגעבנ דאָס דער יידענע. די זאכנ וועט זי אונדז אריבערפעקלענ נאָכדעם. דער איקער איז בא איר, זאָגט זי, די נעפּאשעס. אונ זי זאָגט אונדז אָנ, וויאזוי מיר זאָלנ זיך פירנ. אז ס'וועט ווערנ, זאָגט זי, האלבע נאכט, זאָלנ מיר ארויסגיינ הינטער דער שטאָט. דאָרט איז פאראנ, זאָגט זי, א בערגל. זאָלנ מיר, זאָגט זי, דאָס בערגל דורכלאָזנ, אונ נעמענ זיך לינקס, אונ גיינ אונ גיינ, ביז מיר וועלנ דערזענ נאָך א בערגל. פונ דעם בערגל זאָלנ מיר זיך נעמענ, זאָגט זי, רעכטס, אונ גיינ אזוי לאנג, ביז מיר וועלנ קומענ צו א שענקל. אינ שענקל זאָל ארײַנגיינ נאָר איינער פונ אונדז, ניט אלע. אינ שענקל וועלנ מיר טרעפנ, זאָגט זי, צוויי אריילים טרינקענ בראַנפנ בא איינ טישל,

זאָלן מיר צוגיין, זאָגט זי, צו די ארײלים און א זאָג טאָן „כײַמאָוא" — איז שוין גענוג. וויבאלד זיי וועלן דערהערן, זאָגט זי, דאָס וואָרט „כײַמאָווא" (ס'איז איר נאָמען), אזוי וועלן זיי אופשטיין און גיין מיט אײַך ביזן וועלדל. אין וועלדל וועלן אפ אײַך ווארטן נאָך פיר גויִם. טאָמער וועלן זיי שלאָפן, זאָלט איר זיי אופוועקן. אין וועלדל אז איר וועט גיין, זאָלט איר, זאָגט זי, זײַן שטיל, קיין פּיפּס ניט ארויסלאָזן, מע זאָל כאָלילע ניט דערהערן און אויסשיסן. אפ יעדן טריט, זאָגט זי, איז דאָ א סאָלדאט מיט א ביקס און שיסט... פון וועלדל, זאָגט זי, וועלן אײַך שוין די ארײלים ארויספירן אפן רעכטן וועג, בארג-אראָפּ, און אָט זײַט איר שוין אפ יענער זײַט...

מיר איז די מײַסע מיטן בערגל, מיטן שענקל, מיטן וועלדל שטארק געפעלן. די מאמע האָט א ביסל מוירע. בראָכע און טײַבל — אויך. מיר לאכן פון זיי. נעקייוועס ציטערן פאר א קאץ אויך!..

קוים דערלעבט נאכט. אָפּגעדאוונט מײַרעוו, אָפּגעגעסן וועטשערע, האָבן מיר אָפּגעווארט, ביז עס וועט ווערן רעכט פינצטער. פּונקט צוועלף דעם זייגער האָבן מיר זיך אלע, זאלבעזעקסט, געלאָזט אין וועג ארײַן. פריִער זײַנען געגאנגען מיר, מאנצבלען. נאָך אונדז זײַנען נאָכגעגאנגען די ווײַבער, ווי געוויינלעך. אזוי ווי די ייִדענע האָט נעוויִעס געזאָגט, אזוי איז טאקע געווען. ארויסגעגאנגען פון שטאָט, האָבן מיר דערזען א בערגל. האָבן מיר דורכגעלאָזט דאָס בערגל און זיך גענומען לינקס. פון דאָרטן זײַנען מיר געגאנגען און געגאנגען און דערזען נאָך א בערגל. פון דעם בערגל האָבן מיר זיך גענומען, ווי זי האָט אונדז אָנגעזאָגט, רעכטס און זײַנען געגאנגען אזוי לאנג, ביז מיר האָבן דערזען א שענקל. אין שענקל איז ארײַן איינער פון אונדז. ווער? געוויינלעך פּיניע. מיר ווארטן א האלבע שאָ, א שאָ, צוויי שאָ — נישטאָ פּיניע. הייבן אָן די ווײַבער זאָגן, מע זאָל גיין זען, וווּ איז פּיניע? ווער זאָל גיין? מײַן ברודער עליע. זאָגט די מאמע: זי וויל ניט. זאָג איך: „אָט-אָ גיי איך". זאָגט די מאמע: זי האָט מוירע. שאט! אָט איז פּיניע. „וווּ ביסטו געווען אזוי לאנג?" — „אין שענקל". — „וווּ זײַנען די ארײלים?" — „זיי שלאָפן". — „פארוואָס האָסטו זיי נישט געוועקט?" — „פונוואנען ווייסט איר, אז איך האָב זיי ניט געוועקט?" — „פארוואָס האָסטו זיי ניט געזאָגט „כײַמאָווא?" — „פונוואנען ווייסט איר, אז איך האָב זיי ניט געזאָגט?" „נו?" — „נו-נו!" — „איז דאָך שלעכט!" — „ווער זאָגט דען, אז ס'איז גוט?"...

ה

מייַן ברודער עליע איז טאקע א כאָכעם. ער זאָגט, זיי זאָלן גיין ביידע אינ שענקל אריַין, פּרווון זיך נאָכאמאָל אופוועקן די ארייליִם. קאכ-האווע. עס האָט ניט געגומענ קיינ האלבע שאָ, מיר טוענ א קוק, זיי גייענ מיט די צוויי ארייליִם. די ארייליִם זייַנען נאָכ פארשלאָפנ, א ביסל שיקערלעכ אונ שפּייַענ אונ שעלטנ זיך — סאקאָנעס-נעפאָשעס. דאָס וואָרט „טשאָרט" ווערט איבערגעכאזערט עפּשער הונדערט מאָל. די ווייַבער הייבנ אָנ, דאכט מיר, מוירע האָבנ. איך דערקענ נאָכ זייער זיפצנ אונ זייער קרעכצנ אונ נאָכ דעם „ריבוינע-שעל-אוילעם", וואָס די מאמע דערמאָנט אלע מינוט שטילערהייט. הויך האָט זי מוירע. מע הערט ניט פונ אונדז קיינ פּיפּס. מיר גייענ אונ גייענ, אונ מער קיינ גויִים זעענ מיר ניט. ווו זייַנענ די איבעריקע פיר? פּלוצעם שטעלנ זיך אָפּ אונדזערע צוויי ארייליִם אונ רופנ זיך אָפּ צו אונדז, מיר זאָלנ זיי זאָגנ, וויפל געלט מיר האָבנ. עס פאלט אָנ אפ אונדז א פּאכעד, אז מיר קאָנענ ניט ריידנ קיינ וואָרט. שטעלט זיך ארויס די מאמע אונ זאָגט, אז מיר האָבנ נישט קיינ געלט. זאָגנ זיי: ס'א ליגנ. אלע ייִדנ האָבנ געלט. אונ נעמענ ארויס צוויי לאנגע מעסערס אונ טראָגנ אונדז צו גלייַכ צום פּאָנעם אונ זאָגנ: „וועט איר אונדז נישט אָפּגעבנ באלד אינגאנצנ, וואָס איר האָט, זייַט איר געקוילעטע!"... אלע שטייענ אָנ לאָשנ אונ ציטערנ, ווי די לעמעלעכ. רופט זיך אָפּ די מאמע צו מייַנ ברודער עליע, ער זאָל אופבינדנ די קעשענע אונ אָפּגעבנ דאָס געלט (דאָס איז דאָס געלט, וואָס מיר האָבנ אָפּגעלייזט פאר אונדזער האלבע דירע). אינ דער מינוט געפעלט מייַנ שוועגערנ בראָכע צו פאלנ כאלאָשעס. דערזענ, אז בראָכע איז געפאלנ, שרייַט די מאמע: גוואלד! אפ איר קוקנדיק, שרייַט טייַבל אויכ: גוואלד! פּלוצעם — טראכ-טאראראכ!!.. דאָס האָט מענ אויסגעשאָסנ. דער שאָס צעטראָגט זיך מיט א ווידערקאָל איבערנ גאנצנ וואלד. די ארייליִם זייַנענ אויסגעטריקנט געוואָרנ. בראָכע האָט זיך אופגעכאפּט. די מאמע כאפּט מיכ מיט אײנ האנט אונ מייַנ ברודער עליע מיט דער אנדערער האנט:

— קינדער! לאָמיר לויפנ!.. דער שוימער-יִסראָעל [1] איז מיט אונדז!..

איך ווייס ניט, ווו עס נעמט זיך צו איר אזויפיל קויעכ אפ צו לויפנ? אלעמאָל פארטשעפּענ מיר זיך אָנ א בוים אונ פאלנ. מיר

---

1 געמיינט גאָט.

שטייען אױף און לױפֿן װײַטער. אַלעמאָל דרייט אױס די מאַמע דעם קאָפּ צוריק און טוט אַ פֿרעג שטילערהייט:

— פּיניע, דו לױפֿסט? בראָכע, דו לױפֿסט? טײַבל, דו לױפֿסט? לױפֿט, לױפֿט, דער שומער־ישׂראל איז מיט אונדז!

װיפֿל מיר זײַנען אַזױ געלאָפֿן — קאָן איך אײַך ניט זאָגן. פֿונעם װאַלד זײַנען מיר שױן לאַנג אַרױס. עס הײבט אָן װערן װי טאָג־לעך. עס בלאָזט אַ קיל װינטל, נאָר אונדז איז הײס סאַקאַנעס. מיר דערזעען פֿאַר זיך אַ גאַס און נאָך אַ גאַס. אַ װײַסן קלױסטער, גערטנער, הױפֿן, שטיבלעך. אַפּאַנעם, דאָס איז דאָס שטעטל, װאָס די ייִדענע האָט אונדז געזאָגט נעכטן. װיבאַלד אַזױ, זײַנען מיר דאָך שױן פֿון „יענער זײַט“. מיר באַגעגענען אַ ייִדן, מיט אַזעלכע פּײעס, װאָס איך האָב אין מײַן לעבן נישט געזען. אַ קאַפּאָטע טראָגט ער אַ לאַנגע, אַ צעפֿליקטע. אָפּן האַלדז אַ גרינעם שאַל. ער טרײַבט אַ ציג. מיר שטעלן אים אָפּ מיט דער ציג און גיבן אים „שאָלעם“. דער ייִד פֿון דער ציג באַטראַכט אונדז פֿון קאָפּ ביז פֿיס. פּיניע פֿאַרבינדט מיט אים אַ שמועס. דער ייִד פֿון דער ציג רעדט עפּעס מאָדנע. טאַקע אונדזער לאָשן, נאָר מיט פּאַסעכן. פּיניע פֿרעגט אים, צי ס'איז נאָך עפּעס װײַט צו דער גרענעץ? דער ייִד פֿון דער ציג קוקט אים אָן: „װאָסער גרענעץ?“... עס לאָזט זיך אױס אַ מײַסע, אַז מיר זײַנען שױן לאַנג אױף דער זײַט, מיר זײַנען שױן װײַט פֿון דער רוסישער גרענעץ.

— װיבאַלד אַזױ, הײַנט װאָס זשע לױפֿן מיר, װי די משוגאָים?

עס פֿאַלט אָן אױף אונדז אַלעמען אַ מוירעדיק געלעכטער. די װײַבער פֿאַלן אױס צו דער ערד לאַכנדיק. נאָר די מאַמע הײבט אױף די הענט אַרױף: „איך דאַנק דיר, גאָטעניו!“ — און צעװײנט זיך.

XIV

מיר זײַנען שױן אין בראָדי!

א

װײסט איר, װוּ מיר שפּאַרן אָן? אױש אין בראָדי! איך מײן, אַז מיר זײַנען שױן נאָענט צו אַמעריקע. אַ שײנע שטאָט אָט דאָס בראָדי! ס'איז גאָר ניט די שטאָט, די גאַסן, די מענטשן, װאָס בײַ אונדז. אַפֿילע די ייִדן זײַנען דאָ ניט די ייִדן, װאָס בײַ אונדז. דאָס הײסט, די ייִדן זײַנען די אײגענע ייִדן, װאָס בײַ אונדז.

און אויב אירווילט, זײַנען זיי נאָך מער ייִדן, ווי אונדזערע ייִדן. די פּייעס א סאַך לענגערע, ווי בא אונדזערע. די קאַפּאָטעס בא זיי זײַנען קימאַט ביז דער ערד. זיי טראָגן מאָדנע קאַפּעליושלעך, גאַרטעלעך, מיט שיך און זאָקן, און די ווײַבער — פּאַריקן. נאָר דאָס לאָשן זייערס — אוי, דאָס לאָשן! דײַטש רופט מען דאָס. ס'איז גאָרניט דאָס, וואָס בא אונדז. דאָס הייסט, די ווערטער זײַנען די אייגענע ווערטער, וואָס בא אונדז, נאָר מיט פּאַסעכן. לעמאָשל: „וואָס" איז „וואַס", „דאָס" איז „דאַס", „שלאָפן" איז „שלאַפן", „ברויט" איז „ברײַט", „פלייש" איז „פלײַש", „מייער" איז „מײַער", א „בעהיימע" איז „בעהײַמע", א „שייגעץ" — „שײַגעץ", „מילך" איז „מעלך", „ליכט" איז „לעכט", א „ייִד" איז א „יאַיִד", א „ייִדענע" — א „יאַיִדענע", „קינד" איז „קונד", א „טינטערל" איז א „טונטירל", א „ציבעלע" איז א „צייבעלע", א „סירניקל" — א „שוויבעלע". הײַנט דאָס ריידן זייערס! אז זיי ריידן, זינגען זיי. עס קומט אויס גלײַך, ווי זיי וואָלטן שטענדיק מײַוועד געווען ווי סעדרע[1], מיר האָבן באלד געכאַפּט דעם שניט. דער ערשטער איז געווען אונדזער כאַווער פּיניע. ער האָט אָנגעהויבן ריידן דײַטש קימאַט פונעם ערשטן טאָג, וואָס מיר זײַנען געקומען. אים איז געווען גרינגער, ווײַל דײַטש האָט ער געלערנט נאָך אין דער היים. מײַן ברודער עליע זאָגט, אז כאָטש ער האָט קיין דײַטש קיינמאָל ניט געלערנט, פונדעסטוועגן פאַרשטייט ער נישט ווינציקער פון אים. איך הער מיך צו, ווי מע רעדט אָפּ דײַטש, און לערן מיך. אין א פרעמד לאַנד מוז מען קענען די שפּראַך. אזוי זאָגט פּיניע. זײַן ווײַב טײַבל רעדט שוין אויך האַלב דײַטש, האַלב ייִדיש. מײַן שוועגערן בראָכע, עליעס ווײַב, וואָלט עפּשער אויך וועלן ריידן דײַטש, קען זי נעבעך ניט. א גראָבער קאָפּ בא איר! זעט איר, די מאַמע וויל ניט הערן פון קיין דײַטש. זי ווערט, זאָגט זי, ריידן אזוי, ווי זי האָט גערעדט אין דער היים. ברעכן זיך די צונג צוליב די דײַטשן איז זי ניט מעכוייעוו. זי איז גאָר אָפּ זיי בארויגעז. זי האָט געמיינט, אז די דײַטשן זײַנען ערלעכע מענטשן. צום סאָף, איז זי געוואָר געוואָרן, אז זיי זײַנען אויך ניט קיין גרויסע צאַדיקים. אנומלט איז זי געווען אין מאַרק, האָט מען זי אָפּגענאַרט אָפּ דער וואָג. זי האָט געזאָגט, מע זאָל איר געבן א פונט, און געגעבן האָט מען איר — זי ווייסט אַליין ניט וויפל.

[1] מיטן באַשטימטן טראַדיציאָנעלן ניגן געלייענט די טוירע.

אזוי דערציילט די מאמע און לאָזט אויס, אז צווישן די דײַטשן זײַנען, אפּאָנעם, אויך דאָ גאַנאָווים, דערהערט מײַן שוועגערן בראָכע, כאַפּט זי זיך אויף און פײַערט און מאַכט מיט די הענט:

— גאַנאָווים, זאָגט איר, שוויגער? א גאַנעוו אַף א גאַנעוו! איין גאַנעוו גרעסער פונעם אַנדערן! מע דאַרף זיך פאַר זיי היטן ערגער ווי בא אונדז! בא אונדז ווייסט מען כאָטש, אַז א גוי איז א גאַנעוו.

— בא אונדז, נאַרעלע, ווייסט דער גוי אַליין, אַז ער איז א גאַנעוו.

אזוי זאָגט די מאמע און דערציילט א מעשׂה מיט כימקען. ס'איז געווען בא אונדז אַמאָל א שיקסע כימקע. דער טאַטע, עָלעוו-האַשאָ-לעם, האָט נאָך דעמלט געלעבט. איז די כימקע געווען זייער א ווילע שיקסע, נאָר א ביסל א גאַנעווטע. אַז אַלע זײַנען אַוועקגע-גאַנגען פון שטוב, פלעגט זי ניט וועלן בלײַבן אַליין. זי האָט מוירע געהאַט פאַר זיך אַליין, זי זאָל עפּעס ניט צוגאַנווענען...

ב

אַלצדינג איז בא די דײַטשן אַנדערש. אַפילע דאָס געלט איז אויך ניט, ווי בא אונדז. דאָ ווייסט מען ניט קיין קאָפּעקעס, גריוו-נעס, צוואַנציקער, פערציקער. דאָ ווייסט מען נאָר גרײַצערס. אַלצ-דינג פאַרקויפט זיך דאָ אַפן גרײַצער. פאַר אונדזערן א רובל גיט מען אײַך אָן א שיר גרײַצערס. מײַן מאמע געפינט, אַז ס'איז נישט קיין געלט. ס'איז קנעפּלעך. מײַן ברודער עליע זאָגט, אַז זיי צע-גייען זיך עפּעס אונטער די פינגער, אזוי ווי שניי. אַלע טאָג זעצט ער זיך אַוועק אין א ווינקעלע, און טרענט אויף די קעשענע, און נעמט אַרויס א רובל, און פאַרנייט די קעשענע צוריק. אַף מאָרגן טרענט ער ווידער אויף די קעשענע, נעמט אַרויס א רובל און פאַרנייט צוריק. אָט אזוי אַלע טאָג. און די טעג גייען אַוועק, און אונדזערע פּעקלעך מיט אונדזער בעטגעוואַנט זײַנען נאָך אַלץ נישטאָ. די ייִדענע, וואָס האָט מיט אונדז געגאַנוועט די גרענעץ, האָט אונדז, אַפּאָנעם, אָנגעטאָן א רעכטן ספּאָדעק. אכוץ וואָס מע איז אונדז באַפאַלן אין וואַלד, טאַקע אירע שוימרים אַליין, וועלן מיר נאָך עפּשער בלײַבן אָן זאַכן. די מאמע הערט ניט אויף צו ברעכן די הענט און צו וויינען אַף די זאַכן. „דאָס בעטגעוואַנט! די קישנס! וויאַזוי וועלן מיר זיך דירן קיין אַמעריקע אָן בעטגעוואַנט, אָן קישנס?"... פיניע פאַלט אַלעמאָל אַף

אנ אנדער פלאנ. ער וועט גיינ, זאָגט ער, מיט א „זאיאוולעניע" דורכ דער באנ, מיט א „פּראָשעניע" צומ „נאטשאלניק" פונ דער גרענעצ. ער וועט זיכ אריבערכאפּנ אהינ צו דער ייִדענע אונ וועט איר מאכנ א פינצטערנ סאָפ. ער וועט זי פרעגנ: האִיטאָכנ[1]?!.. ס'איז אָבער קאלטע פריפּארקעס! עס וועט ניט העלפנ קיינ „זאיאוולעניעס" מיט קיינ „פּראָשעניעס". אריבערכאפּנ זיכ צו דער ייִדענע וועט אימ טײַבל נישט לאָזנ, ס'איז בלאָטע, מע זאָל איר אָנשיטנ די שטוב מיט גאָלד. אזוי האָט זי געזאָגט בעפּיירעש. עס ליגט איר נאָכ אינ טאמ דאָס „גאנוועענע די גרענעצ". מיר אלע געדענקענ נאָכ דעמ טאמ פונ דער גרענעצ. מיר דערציילנ איטלעכנ די מײַסע, וויִאזוי מיר האָבנ געגאנוועט די גרענעצ, וויִאזוי די ייִדענע האָט אונדז געגעבנ אריילימ אפ אריבערצופּעקלענ אונדז, וויִאזוי די אריילימ האָבנ אונדז געפירט אונ פארפירט אינ א וואלד אונ געוואָלט אונדז קוילענ. א גליק, וואָס מײַנ שוועגערנ בראָכע האָט א טעווע פונ כאלעשנ אונ וואָס מײַנ מאמע האָט געמאכט א גוואלר. האָבנ דערהערט די סאָלדאטנ אונ האָבנ אָנגעהויבנ שיסנ. זײַנענ זיכ די אריילימ צעלאָפנ, אונ מיר זײַנענ געבליבנ געוואָרנ. אזוי דערציילט די מאמע. מײַנ ברודער עליע דערציילט די אייגענע מײַסע, נאָר א ביסל אנדערש. שלאָגט אימ בראָכע איבער אונ דערציילט טאקע דאָס אייגענע, נאָר א ביסל אנדערש. זאָגט אונדזער כאווער פיניעס ווײַב, טײַבל, אז בראָכע געדענקט ניט אקוראט, וואָרעמ בראָכע האָט געכאלעשט. אונ טײַבל וויל אָנהייבנ דערציילנ די מײַסע פונ אָנהייב אָנ, האקט איר פיניע איבער אונ זאָגט, אז זי ווייסט גאָרניט. אָט וועט ער דערציילנ נאָכאמאָל פונ אָנהייב ביזנ סאָפ. אלע טאָג אונ איטלעכנ באזונדער דערציילנ מיר די מײַסע, וויִאזוי מיר האָבנ געגאנוועט די גרענעצ. אלע די, וואָס הערנ, שאָקלענ מיט די קעפּ, שמוצערנ מיט די ליפּנ, זיי זאָגנ, אז מיר זײַנענ גליקלעכע! מיר דארפנ בענטשנ גוימל[2]!

ג

אפ דער זײַט גרענעצ איז אונדז גוט, בעסער ווי אינ דער היימ. טאָנ טוענ מיר ניט קיינ האנט אינ קאלט וואסער. אָדער מיר זיצנ אפ דער אכסאניע, אָדער מיר גייענ אפנ שפּאציר, אָנקוקנ

1 ווי איז דאָס רעכט?

2 א רעליגיעזער מינהעג לויבנ גאָט, ווענ מע ווערט געראטעוועט פונ עפּעס אנ אומגליק.

בראָד. א שיינע שטאָט. איך ווייס ניט, וואָס מײַן שוועגערן בראָכע האָט צו דער שטאָט. אלע טאָג געפינט זי אַן אַנדער כיסאָרן אָפ דער שטאָט. דאָס געפעלט איר ניט — ס'איז בלאָטיק. דאָס זאָגט זי — סע שטינקט, ערגער ווי בא אונדז. איינמאָל באַנאַכט כאַפּט זי זיך אוּפ מיט א גוואלד: מע האָט זי באַפאַלן. מיר זײַנען אַלע אַראָפּ פון די געלעגערס:

— ווער האָט דיך באַפאַלן? גאַזלאָנים?

— וואָסערע גאַזלאָנים? וואַנצן!..

אינדערפרי דערציילן מיר דעם באַלעבאָס פון דער אַכסאַניע, ווייסט ער ניט, מיט וואָס מען עסט דאָס. גיט אים פיניע צו פאַר־שטיין אָפ דײַטש, וואָס דאָס איז. זאָגט ער, אַז בא זיי ווייסט מען ניט דערפון. אין זייער דײַטשיש לאַנד זעט מען דאָס ניט. דאָס האָבן מיר, זאָגט ער, מיסטאַמע געבראַכט מיט זיך פון דער היים...

אײַ, איז בראָכע געוואָרן אין קאַס! זי האָט פײַנט, זאָגט זי, דעם ייִדן, ערגער ווי א מעשומעד! איך ווייס ניט, פאַרוואָס. דאַכט זיך, זייער א פײַנער מענטש. אַז ער רעדט, האַלט ער א ביסל דאָס מויל אָפ א זײַט און שמייכלט. הײַנט האָט ער ליב געבן אייצעס. וווהין מיר זאָלן גיין, בא וועמען מיר זאָלן קויפן און בא וועמען ניט. און אַז מיר גייען עפּעס קויפן, גייט ער מיט. און קויפן קויפן מיר, צום מײנסטן, מאַלבושים. מיר האָבן אָנגעהויבן צוביסלעך אויסקליידן זיך. אונדזער כאַווער פיניע זאָגט, אַז ס'איז ניט שיין, וואָס מיר גייען, ווי די שלעפּערס. אין א פרעמדער שטאָט דאַרף מען, זאָגט ער, אַרויסגיין ווי מענטשן. אוּבּיפּראָט דאָ, אין אויסלאַנד, וווּ עס איז האַלב אומזיסט. דאָס איז דאָך באַוווּסט אָפ דער גאַנצער וועלט. קוידעם־קאָל האָט ער זיך געקויפט א קאַפּעליושל, ווי מע טראָגט בא די דײַטשן, און א פּידזשאַק א קורצן ביז די קני מיט א נײַעם שניפּס. אָנקוקן פיניען אין זײַנע דײַטשע מאַלבושים דאַרף מען זײַן שטאַרקער פון אײַזן. לאַנג און דין איז ער. א נידעריקע ריִע האָט ער. און אַז ער גייט, שפּרינגט ער. הײַנט די נאָז? די מאַמע זאָגט, אַז ער האָט א פּאָנעם פון כויזעק. מײַן ברודער עליע געפינט, אַז ער זעט אויס ווי א „וויינגער” אָדער ווי א „קאַטע־רינשטשיק”. פיניע זאָגט, אַז ער ווייסט ניט וואָס איז שענער: צי א „וויינגער”, צי א „קאַטערינשטשיק”, צי גאָר א „שלעפּער”? דאָס מיינט ער טאַקע אונדז. מײַן ברודער עליע זאָגט, אַז ער זאָל וועלן, קאָן ער זיך אויך אויסקליידן ווי א דײַטש. ס'איז אָבער נישט קיין גרויסע קונץ, זאָגט ער, אויסבערענגענע געלט, טרענצלענע קערבלעך. מע דאַרף, זאָגט ער, דאָס קערבל היטן קיין אַמעריקע... זאָגט אים פיניע: אין

אַמעריקע דאַרפֿן מיר קיין געלט ניט. דאָרטן, זאָגט ער, זײַנען מיר אַליין געלט! ער רעדט איבער אונדז אַזוי לאַנג, ביז מײַן ברודער עליע קויפֿט זיך אויך אַ קאַפּעליוש מיט אַ פּידזשאַק, און מיר אויך אַ קאַפּעליושל מיט אַ רעקל. מיר גייען אַלע דרײַ איבער די גאַסן אוןריידן דײַטש. איך בין זיכער, אַז אַלע מיינען, אַז מיר זײַנען דײַטשן. אײַנ כיסאָרן נאָר, וואָס אונדז גייען נאָך די ווײַבער. איך מיין טאַקע די מאַמע, מײַן שוועגערן בראָכע און פּיניעס ווײַב טײַבל. זיי טרעטן נישט אָפּ פֿון אונדז אַף קיין ווײַלע. די מאַמע האָט מוירע, איך זאָל צווישן די דײַטשן ניט פֿאַר-בלאָנדזשעט ווערן, און יענע גייען גלאַט נאָך, ווי די קעלבלעך. וואָס האָבן זיי מוירע — ווייס איך ניט. מאַכמעס מיר דרייען זיך אַרום זאַלבעזעקסט, קוקט די גאַנצע וועלט אַף אונדז. וואָס האָבן זיי ניט געזען?

— די גרעסטע נאַראָנים אין דער וועלט זײַנען דײַטשן. — אַזוי זאָגט מײַן ברודער עליע. אַ סימען, וואָס איר זאָלט ניט זאָגן, גלייבן זיי אײַך אַף נעמאָנעס.

— אַכוץ געלט. געלט איז בײַ זיי טײַערער, ווי בײַ אונדז! אַ „גרײַצער" איז בײַ זיי די נעשאָמע. פֿאַר אַ „קרוין" וועלן זיי אײַך פֿאַרקויפֿן דעם טאַטן, און פֿאַר אַ „גולדן" — גאָט אַליין!

אַזוי זאָגט בראָכע, און טײַבל האַלט זי אונטער. אַלע דרײַ ווײַ-בער, ווי איך האָב אײַך שוין געזאָגט, זײַנען עפּעס ניט צופֿרידן מיט די דײַטשן. איך ווייס ניט פֿאַרוואָס. מיר זײַנען זיי דאַפֿקע געפֿעלן. ווען ניט אַמעריקע, וואָלט איך דאָ געוואָלט זײַן אייביק און אייביק. ווו האָט איר אַזעלכע הײַזער, ווי דאָ? הײַנט די מענטשן? אַזעלכע גוטע מענטשן! אַלצדינג פֿאַרקויפֿן זיי אײַך! אַפֿילע די בע-היימעס זײַנען ניט די בעהיימעס, וואָס בײַ אונדז. סײַכל, קאָן זײַן, האָבן זיי ניט מער ווי אונדזערע, נאָר זיי זעען אויס לײַטישער. אַלצדינג האָט דאָ אַן אַנדער פּאָנעם. און רעדט מיט די ווײַבער, זאָגן זיי, אַז בײַ אונדז איז בעסער. קיין זאַך געפֿעלט זיי ניט, אַפֿילע די אַכסאַניע אויך ניט. און ניט אַזוי די אַכסאַניע, ווי די באַלעבאַטים. זיי רײַסן די הויט, זאָגט בראָכע. פֿאַר אַ גלעזל וואַ-רעם וואַסער הייסן זיי זיך באַצאָלן. אַ ביסל זאַלץ וועלן זיי אײַך נישט געבן אומזיסט. אַז מיר וועלן ניט אָפּפֿאָרן פֿונדאַנען באַצײַטנס, וועלן מיר דאַרפֿן גיין איבער די הײַזער.

אַזוי זאָגט מײַן שוועגערן בראָכע. נאָר וואָס מײַן שוועגערן בראָכע קאָן זאָגן! לעמײַ זי זאָגט אַף מײַן ברודער עליע, אַז ער

איז א יידענע? אונ אפ אונדזער כאַווער פּיניע זאָגט זי, אז ער איז א קאָלבוי, וואָס אינ דער קאָרט. אנ אנדערע אפ טײַבלס אָרט וואָלט איר געגעבנ א וויסטנ פּעטשאַטעק. טײַבל איז אָבער, ווי די מאמע זאָגט, א מענטש אָנ א גאל. זי שווײַגט איר אָפּ. אלע שווײַגנ איר אָפּ. איכ אויכ. אפ מיר איז זי גאזלענ. מיכ דופּט זי דער „וויקראָ-בעק”, אָדער „מאָטל מיט די פּיסקעס”. איכ האָב זיכ אויסגעהאָדע-וועט, זאָגט זי, אינ וועג א פּאָר גוטע פּיסקעס. מיכ הייבט דאָס אפילע ניט אָנ צו ארנ. נאָר די מאמע וויל ניט לײַדנ, לעמײַ זי רעדט פונ מײַנע פּיסקעס. הייבט אָנ די מאמע וויינענ. אונ מײַנ ברודער עליע האָט פּײַנט, אז די מאמע וויינט. ער זאָגט, אז זי מאכט זיכ קאליע די אויגנ, אונ מיט קאליעדיקע אויגנ לאָזט אמע-דיקע נישט ארײַנ.

ד

איכ קאָנ אײַכ איבערגעבנ א נײַס. מיר האָבנ א גרוס פונ אונדזערע זאכנ. די יידענע, וואָס האָט מיט אונדז געגאַנווועט די גרענעצ, האָט מענ אײַנגעזעצט אינ טורמע. אונדזער כאַווער פּיניע קוועלט. ער זאָגט, אז ס'איז א גרויסע מיצווע. זאָגט די מאמע: „סטײַטש, אונ מײַנע זאכנ?” זאָגט פּיניע: „נו, אונ מײַנע זאכנ?”... אצינד ווייסנ מיר שוינ פאר געוויס, אז אונדזערע זאכנ זײַנענ פארפאלנ. וואָס טוט מענ? מע דארפ פּאָרנ ווײַטער. א ברייטע האָבנ מיר? מײַנ ברודער עליע גייט ארומ אָנ א קאָפּ. די מאמע רעדט אימ אויס דאָס הארצ. זי זאָגט אימ: וואָס וואָלטנ מיר געטאָנ, נארעלע, ווענ מע זאָל געוועזנ צונעמענ בא אונדז דאָס געלט, וואָס מיר האָבנ אָפּגעלייזט פאר דער האלבער דירע, אונ נאָכ קוילענ אויכ? אונדזער כאַווער פּיניע גיט אָפּ דער מאמענ דעמ גערעכט. ער זאָגט, אז א ייד דארפ שטענדיק זאָגנ: „גאמ זו לעטויווע[1]”. בראָכע לייגט אויכ צו א קנייטל. זי זאָגט, אז ניט אומזיסט האָט זי אימ א נאָמענ גע-געבנ „יידענע”. מיר גרייטנ זיכ אינ וועג ארײַנ. מיר צעפּרעגנ זיכ בא מענטשנ, וויאַזוי פאָרט מענ קיינ אמעריקע? מענטשנ הערנ אויס אונ גיבנ אונדז אייצעס. איטלעכער אנ אנדער אייצע. איינער זאָגט: אפ פּאריז. דער אנדערער — אפ לאָנדאָנ. א דריטער דרינגט, אז אפ אנטווערפּנ איז נעענטער. מע פארדולט אונדז אזוי דעמ קאָפּ, אז מיר ווייסנ שוינ אליינ ניט, וואָס צו טאָנ. פאר פּאריז האָט די מאמע

---

1 אויכ דאָס איז צומ גוטנ.

מוירע. א צו גרויסער טומל, זאָגט מען. אנטווערפּן געפעלט ניט בראָכען. עפּעס אנטווערפּן — א מאָדנער נאָמען. זי האָט אזעלכן ניט געהערט. עס בלײַבט לאָנדאָן. פּיניע זאָגט, אז לאָנדאָן איז דאָס בעסטע. ער האָט געלייענט וויפל מאָל אין דער געאָגראפיע (אזא בוך), אז לאָנדאָן איז א שארפע שטאָט. הײַנט קומט ארויס פון דאָרטן מוישע מאָנטעפיאָרע[1], און רויטשילד, זאָגט ער, איז אויך פון לאָנדאָן.

— רויטשילד איז גאָר פון פאריז.

אזוי זאָגט מײַן ברודער עליע. דאָס איז דאָך בא זיי א קלאל. וואָס איינער זאָגט, זאָגט דער אנדערער פארקערט. אז דער זאָגט: טאָג, זאָגט יענער: נאכט. דאָס הייסט, מע זאָל זיך קריגן — דאָס ניט, נאָר מע שפּארט זיך. זיי קאָנען זיך אמאָל אזוי אוועקשפּארן א שאָ קעסיידער, ביז מע צענעמט זיי. אנומלט האָבן זיי זיך צע-אמפּערט איבער א דײַטשיש וואָרט: „כריין". איינער האָט געזאָגט, אז כריין איז אף דײַטש: „כראן". דער אנדערער האָט געדרונגען, אז כריין דארף מען זאָגן אף דײַטש „כראָן". א שאָ צוויי האָט מען זיך אוועקגעריסן, ביז ס'איז געבליבן, מע זאָל קויפן א ווערצל כריין און מע זאָל דאָס ווײַזן דעם באלעבאָס פון דער אכסאניע. געבראכט דאָס ווערצל כריין, פרעגט מען אים: „רעב דײַטש! מיר האָבן צו אײַך א באקאָשע, נאָר איר זאָלט אונדז זאָגן דעם ריינעם עמעס. וויאזוי הייסט בא אײַך אף אײַער לאָשן אָט די דאָזיקע פיירע — „כראן", אָדער „כראָן"? רופט זיך אָפּ דער באלעבאָס: „אף אונדזער דײַטשער שפּראכע הייסט דיזע פרוכט ניט „כראן" און ניט „כראָן", נאָר „מערעטיכ"... נאט אײַך אזא מעשוגאס! קירע-דײַטש איז א גוטער צולאָכעסניק. ער קאָן אײַך אמאָל געבן א זאָג א וואָרט, זאָל זײַן וואָס צו הערן. לעמאָשל, נעמט, אשטייגער, א זייגערל. דאכט זיך, וואָס קאָן שוין זײַן מער פּאָשעט פון א זייגערל? הייסט דאָס בא קירע-דײַטש ניט א זייגערל, נאָר „א האָר". און א האָר איז בא אים „א האר". א האר איז בא אים „א הער". אהער איז בא אים „היר-היר". אז מע זאָגט קירע-דײַטש[2], זאָל מען גלייבן!

---

1 א באוווּסטער פילאנטראָפּ.

2 א פאראכטונג־אויסדרוק אף עסטרײַכישע דײַטשן.

האָט קיין פּאריבל ניט, איך האָב מיך פֿאַרעזט וועגן די נאַ־רישע דײַטשן מיט זייער מעשוגענער שפּראַך, און האָב פֿאַרגעסן, אַז מיר פֿאָרן קיין אַמעריקע. דאָס הייסט, ניט גלײַך קיין אַמעריקע— דערווײַל פֿאָרן מיר קיין לאָנדאָן. און ניט גלײַך קיין לאָנדאָן, נאָר קיין לעמבערג. דאָרט, אין לעמבערג, איז פֿאַראַן, זאָגט מען, אַ קאָמיטעט פֿאַר עמיגראַנטן. עפּשער וועלן מיר קאָנען דורכן קאָמי־טעט עפּעס באַהילפיק ווערן. מיט וואָס זײַנען מיר ערגער פֿון אַלע אַנדערע עמיגראַנטן? אויביפראַט, מיר האָבן נאָך געהאַט אַזאַ שאָדן— אונדזערע אַלע פּעקלעך מיט אונדזער גאַנצן בעטגעוואַנט. די מאַמע גרייט זיך שוין, וויאַזוי זי זאָל זיי זאָגן, וויאַזוי זי זאָל פֿאַר זיי וויינען. מײַן ברודער עליע בעט זיך בײַ איר: „נאָר ניט געוויינט! מע דאַרף אין זינען האָבן די אויגן. אָן אויגן לאָזט אַמעריקע ניט אַרײַן“...

אַזוי זאָגט מײַן ברודער עליע און גייט אַרײַן צום באַלעבאָס זיך געזעגענען פֿאַר דער אַכסאַניע. אין עטלעכע מינוט אַרום קומט אַרײַן מײַן ברודער עליע אַ טויטער. וואָס איז? דער באַלעבאָס האָט אים אויסגעלייגט אַ כעזשבן, איז אים, זאָגט ער, פֿינצטער גע־וואָרן אין די אויגן. פֿאַר אַלצדינג רעכנט ער אונדז געלט. פֿאַר לײַכטער אַפּ ליכט-בענטשן רעכנט ער זעקס לײַכטער — זעקס גרײַ־צערס, פֿאַר האַוודאָלע — פֿיר גרײַצערס. וואָסער האַוודאָלע? ער, דער באַל-אַכסאַניע, האָט געמאַכט האַוודאָלע, און מיר האָבן געהערט, קומט אים פֿיר גרײַצערס. פֿרעגן מיר אים: „וואָס עפּעס פֿיר?“ — זאָגט ער: „ווילט איר פֿינף, לאָז זײַן פֿינף“. הײַנט רעכנט ער אונדז עפּעס אַ מין זאַך מיטן נאָמען „קאָמיסיאָן“. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שלאַק? דאָס קומט אים, זאָגט ער, פֿאַר דער טירכע, וואָס ער איז געגאַנגען מיט אונדז קויפֿן מאַלבושים.

דערהערט אַזאַ מײַסע, כאַפּט זיך אויף מײַן שוועגערן בראָכע מיט אַ פּליעסק אין די הענט.

— שוויגער! וואָס האָב איך אײַך געזאָגט? זײַנען די דײַטשן ניט ערגער ווי די נאַכט-גאַזלאָנים אין וואַלד? זײַנען אונדזערע רוסישע כוליגאַנעס ניט קיין צאַדיקים אַקעגן זיי? מיר זײַנען דען אין בראָד? מיר זײַנען דאָך אין סדוים[1]!!!..

---

1 אַ שטאָט, וועגן וועלכער עס ווערט אין דער ביבל דערציילט, אַז אירע אײַנוווינער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע שלעכטע מידעס.

דאָס פארגלײַכנ אים מיט די רוסישע כוליגאנעס, װײַזט אויס, האָט דעם באלעבאָס ניט אזוי פארדראָסנ, װי דאָס פארגלײַכנ בראָד מיט סדום. ער איז געװאָרנ אָנגעצונדנ! ער האָט אונדז געזאָגט, אז ס׳איז זײער רעכט, װאָס די רוסישע „כוליגאנעס״ מאכנ אפּ אונדז פּאָגראָמענ. ער געפינט, אז ס׳איז נאָכ װיניציק, װאָס מע טוט אונדז. װענ ער זאָל זײַנ, זאָגט ער, דער רוסישער „קײַזער״, װאָלט ער „געהײַכנ״, מע זאָל אונדז אלעמענ „אויסקײַלנ״ ביז „אײַנעמ״!

מיר דאכט, איכ האָב אײַכ שוינ געזאָגט, אז אונדזער כאװער פּיניע איז א היציקער פּארשוינ. ביז מע רירט אימ ניט שטארק אָנ, קאָנ ער אײַכ שװײַגנ אונ שװײַגנ. נאָר טאָמער דערלאנגט מענ אימ מיט אזא װאָרט, װאָס ער האָט פײַנט, איז כײַעס ניט זיכער! פּיניע האָט זיכ אויפגעכאפּט, אויסגעצויגנ זיכ װי לאנג ער איז, צוגעגאנגענ גלײַכ צומ באלעבאָס פונ דער סטאנציע אונ האָט אימ אויסגעשריענ אפנ קאָל גלײַכ אינ פּאָנעמ ארײַנ:

— קירע-דאאאײַטש!!!.. א רועכ אינ דײַנ טאאאטנ ארײַנ!

עמעס, דער „קירע-דײַטש״ האָט אונדזער כאװער פּיניענ געקאָסט טײַער, דער באלעבאָס האָט אימ פארנ „קירע-דײַטש״ אופּגעװאָרפנ צװײ שװערע, געשמאקע פּעטש, אז פונקענ זײַנענ געפלויגנ. עס האָט אָבער געהאט דעמ זיבעטנ כײנ. גאנצ בראָד האָט זיכ צונויפ-געלאָפנ. ס׳איז געװענ „לײַהודים״[1], איכ האָב ליב. אז ס׳איז פרײלעכ.

דעמ זעלבנ טאָג זײַנענ מיר אנטלאָפנ קײנ לעמבערג.

XV

קראָקע מיט לעמבערג

א

לעמבערג, זעט איר, איז שוינ גאָר ניט דאָס, װאָס בראָד. ערשטנס, די שטאָט אלײנ. רײנ, ברײט, ציכטיק, שײנ — פארנעמט אנ אויג! דאָס הײסט, ס׳איז פאראנ אינ לעמבערג אויכ אזעלכע גאסנ, װי אינ בראָד, װאָס אז מע גײט אינמיטנ זומער, דארפ מענ אָנטאָנ טיפע קאַלאָשנ אונ פארשטעלנ די נאָז. דערפאר אָבער איז פאראנ אינמיטנ שטאָט א גאָרטנ, װאָס אלע מעגנ דאָרטנ גײנ שפּאצירנ,

1 געמײנט: פרײלעכ.

אפילע ציגג. א פרײַע מעדינע. שאבעס גייען ייִדן מיט שטרײַמלעך פראנק און פרײַ אפ אַלע גאַסן, און קיינער זאָגט זיי ניט א וואָרט. הײַנט די מענטשן? גאָלד און זילבער! מײַן מאמע זאָגט, אז פון בראָד ביז לעמבערג איז אזא כילעק, ווי פון טאָג צו נאַכט. מײַן ברודער עליע זאָגט, אז עס טוט אים באַנק, וואָס בא דער גרענעץ שטייט פריִער בראָד און נאָכדעם לעמבערג. עס וואָלט באַדארפט, זאָגט ער, זײַן פאַרקערט. גיט אים אונדזער כאַווער פּיניע צו פארשטיין, אז דערפאר איז לעמבערג בעסער פון בראָד, ווײַל עס שטייט ווײַטער פון דער גרענעץ און נעענטער צו אמעריקע. זאָגט אים עליע: „א פּאָלג מיך א גאַנג! ווו איז לעמבערג און ווו איז אמעריקע!" זאָגט אים פּיניע: אז וואָס כ'איז שײַעך צו ט'טעט, מעג ער זיך נאָך דער-ווײַלע לערנען בא אים, וואָרעם ער האָט געלערנט געאָגראפיע. זאָגט אים מײַן ברודער עליע: „אז דו האָסט געלערנט געאָגראפיע, זאָג זשע מיר, ווו איז דער קאָמיטעט?" — „וואָסער קאָמיטעט?" — „דער עמיגראַנטן-קאָמיטעט!" — „א סמיכעס-האַפּאַרשע[1]! וואָס געהער זיך עס אָן מיט געאָגראפיע?" — דער וואָס ווייסט געאָגראפיע, „דער דאַרף וויסן אַלצדינג".

אזוי זאָגט צו אים מײַן ברודער עליע, און מיר פרעגן זיך נאָך אפן קאָמיטעט. ווען מיר פרעגן, ווייסט קיינער ניט. א מאָדנע שטאָט.

— זיי ווייסן, נאָר זיי ווילן ניט זאָגן!

אזוי פּאַסקנט מײַן שווענערן בראָכע. איר געפעלט קײן זאַך ניט. אפ לעמבערג האָט זי אויך א כיסאָרן: צו ברייטע גאַסן. א כיסאָרן — די קאַלע איז צו שיין. אונדזער כאַווער פּיניעס ווײַב טײַבל האָט אַן אַנדער כיסאָרן אפ לעמבערג. דעהײַנע? לעמבערג זאָגט מען בא אונדז „קראָקע מיט לעמבערג"? אז מע עסט א זויערע זאַך, זאָגט מען: „ס'איז אזוי זויער, אז מע קאָן דערזען קראָקע מיט לעמבערג". אָדער אז מע דערלאַנגט איינעם א גוטן פּאַטש, זאָגט מען, אז „ער האָט דער-זען קראָקע מיט לעמבערג".

בעקיצער, די ווײַבער האָבן שוין אזא טעווע. זעלטן זיי זאָל עפּעס געפעלן! .

---

1 גאַמיינט: א שײַכעס.

בּ

מיר האָבנ זיכ שוינ דערפרעגט צומ קאָמיטעט. א הויכע שטוב מיט א רויטנ דאכ. פריִער דארפ מענ שטיינ א ביסל אינ דרויסנ. דאָס הייסט, ניט א ביסל, נאָר א סאכ. נאָכדעמ עפנט מענ די טיר. דארפ מענ גיינ אפ טרעפּ. אז מע קומט ארופ, טרעפט מענ א סאכ מענטשנ. צומ מייסטנ, אונדזערע רוסישע, עמיגראנטנ רופט מענ זיי. קימאט אלע זײַנענ זיי הונגעריק, אונ אלע האָבנ קליינע זויגעדיקע קינדער. די, וואָס האָבנ ניט קיינ זויגעדיקע קינדער זײַנענ, אויכ הונ-געריק. מע הייסט זיי קומענ מאָרגנ. מאָרגנ זאָגט מענ זיי ווידעראמאָל, זיי זאָלנ קומענ מאָרגנ. מײַנ מאמע באקענט זיכ מיט א סאכ ווײַ-בער. איטלעכע פונ זיי האָט אפ זיכ אנ אנדער אומגליק. פארגלײַכנ, זאָגט זי, איר אומגליק בּיט זייערע אומגליקנ, קומט אויס, אז זי איז נאָכ איינע א גליקלעכע! א סאכ פונ זיי זײַנענ אנטלאָפענע פונ פּאָ-גראָמענ. וואָס זיי דערציילנ זיכ אָנ איז א גוואלד! אלע פאָרנ זיי קיינ אמעריקע, אונ קיינער האָט ניט מיט וואָס. א סאכ פונ זיי האָט מענ אָפּגעשיקט צוריק. אייניקע גיט מענ ארבעט. אייניקע שיקט מענ אָפּ קיינ קראָקע. דאָרט איז, זאָגט מענ, דער עמעסער קאָמיטעט. וואָס זשע איז דאָ? — זיי ווייסנ אליינ ניט. מע הייסט זיי קומענ מאָרגנ, קומענ זיי. ווּ איז דער קאָמיטעט? אָט דאָס איז דאָכ דער קאָמיטעט. ווער איז דער קאָמיטעט? זיי זאָלנ אזוי וויכנ פונ בייז! עס קומט ארײַנ א הויכער פארשוינ מיט א געשטופּלט פּאָנעמ אונ מיט גוטע לאכנדיקע אויגנ.

— אָט דאָס איז איינער פונעמ קאָמיטעט. ער איז א דאָקטער.

דער דאָקטער מיט די גוטע לאכנדיקע אויגנ זעצט זיכ אוועק אפ א שטול. אלע מינוט גייט צו צו אימ אנ אנדער עמיגראנט אונ טײַנעט עפּעס, מאכט מיט די הענט. דער דאָקטער הערט אימ אויס אונ ענטפערט אימ, אז ער איז אייכ מענטש אליינ. ער קאָנ גאָרנישט העלפנ. פּאראנ, זאָגט ער, בא אונדז א קאָמיטעט פונ עטלעכע אונ דרײַסיק פּארשוינ, נאָר קיינער וויל ניט קומענ. וואָס קאָנ איכ, אייכ מענטש אליינ, טאָנ?

די עמיגראנטנ ווילנ ניט ויסנ, וואָס ער איז אייכ מענטש אליינ. זיי קאָנענ מער ניט זיצנ. זיי האָבנ שוינ אופגעגעסנ פונ זיכ, וואָס זיי האָבנ געהאט. זיי זאָגנ, אָדער מע זאָל זיי געבנ בילעטנ קיינ אמעריקע, אָדער בּע זאָל זיי אָפּשיקנ צוריק. דער דאָקטער טײַנעט, אז ער קאָנ זיי נאָר שיקנ קיינ קראָקע, אויב זיי ווילנ. דאָרט איז דאָ

א קאָמיטעט. עפשער וועט זיי יענער קאָמיטעט עפּעס קאָנען העלפן. די עמי־
גראַנטן הערן דאָס אויס און זאָגן, אַז זיי האָבן ניט דערוויַילע פּונ־
וואַנען א טאָג איבערצולעבן. דער דאָקטער נעמט ארויס דאָס ביַי־
טעלע און שענקט זיי א מאַטבייע. די עמיגראַנטן באַטראַכטן די מאַטבייע
און גייען אַוועק. עס קומען אָן ניַיע עמיגראַנטן. זיי פאַלן, זאָגן זיי,
מיטן פּאָנעם צו דער ערד.

— וואָס ווילט איר? — טיַינעט נעבעך דער דאָקטער.

— מיר ווילן עסן! — זאָגן די עמיגראַנטן.

— אָט האָט מען מיר געבראַכט עסן, עסט.

אַזוי זאָגט זיי דער דאָקטער מיט די גוטע לאַכנדיקע אויגן, און
ער וויַיזט זיי אָפּן אָנבײַסן, וואָס מע האָט אים געבראַכט: קאַווע מיט
וויַיסע בולקעלעך. ער זאָגט, אַז ער מיינט דאָס ערנסט. ער גיט זיי
אַוועק זיַין אָנבײַסן. וואָס זאָל ער טאָן, אַיין מענטש אַליין? די עמי־
גראַנטן באַדאַנקען אים. זיי זאָגן, אַז ניט פאַר זיך בעטן זיי, פאַר
זייערע קינדער נעבעך.

— נו, ברענגט אַהער די קינדער! — זאָגט דער דאָקטער און טוט א
ווינק צו אונדז מיט זיַינע גוטע לאַכנדיקע אויגן.

— וואָס ווילט איר?

ג

טרעט ארויס די מאַמע צום גוטן דאָקטער מיט די לאַכנדיקע
אויגן און הייבט אים אָן דערציילן א מיַיסע פונעם אָנהייב, וויאַזוי
זי האָט געהאַט א מאַן. דער מאַן איז געווען א כאַזן און האָט גע־
קרענקט און געקרענקט. נאָכדעם איז ער געשטאָרבן, איבערגעלאָזט
זי אַן אַלמאָנע מיט צוויי קינדער, איינעם אַן עלטערן און איינס
נאָך קימאַט אַן אייפעלע (דאָס מיינט מען מיך). האָט זי דעם עלטערן
כאַסענע געמאַכט, אַריַינגעגעבן אים אין א שמאַלץ־גרוב. די שמאַלץ
איז אויסגעריננען, די גרוב איז געבליבן. דער שווער האָט זיך גע־
שטעלט, און דער זון דאַרף שטיין צום פּריזיוו...

— מאַמע, ווהין ביסטו פאַרפאָרן?

אַזוי זאָגט מיַין ברודער עליע און שטעלט זיך אַוועק דערציילן
די אייגענע מיַיסע, נאָר אין אַן אַנדער אויפן. ער הייבט אָן אַזוי:

— יאָ פּריזיוו, ניט פּריזיוו — מיר פאָרן, הייסט עס, קיין אַמע־
ריקע, דאָס הייסט, איך, און מיַין מאַמע, און מיַין וויַיב, און א
קליין ברודערל (דאָס מיינט מען מיך), און אָט דער יונגערמאַן (ער
וויַיזט אָן אויף פּיניען) פאָרט אויך, הייסט עס, מיט אונדז. האָבן מיר באַ־

דארפט אריבער די גרענעצ. זײַנען מיר, הייסט עס, געקומען צו דער גרענעצ. און אזויווי קיינ פּעסער, הייסט עס, האָבנ מיר ניט, וואָרעם מיר דארפנ ביידע שטיינ צום פּריזיוו...

— אָט דאָ לאָז מיכ! — רופט זיכ אָנ אונדזער כאוועד פּיניע און שטופּט אָפּ מײַנ ברודער עליע און דערציילט די אייגענע מײַסע, נאָר א ביסל אנדערש. כאָטש עליע איז מיר א ברודער, פונדעסטוועגנ מוז איכ זיכ מודע זײַנ, אז פּיניע רעדט א סאכ שענער פון אים. ערשטנס, איז בא אים נישטאָ קיינ „הייסט עס", ווי בא מײַנ ברודער עליע. הײַנט קענ ער רוסיש זייער גוט. א סאכ ווערטער זײַנען בא אים רוסישע, און גלאַט שיינע ווערטער, מעכײַעדיקע. א סאכ פון זיי פארשטיי איכ ניט, וואָס ער מיינט, נאָר זיי זײַנען שיינ. אָט וויִאזוי אונדזער כאוועד פּיניע האָט אָנגעהויבנ:

— איכ וועל אײַכ געבנ אינקורצנ א ווזגליאד אפּ דער גאנצער פּאָלאָזשעניע, וועט איר האָבנ א טאָטשקע זרעניע. מיר פּאָרנ קיינ אמעריקע ניט אזוי צוליב וואָינסקי פּאָווינאָסט, ווי צוליב סאמאָסטאָיאטעלנאָסט און ציוויליזאציע, וואָרעם מיר זײַנענ דאָרט זייער סטיעסני-טעלני נישט נאָר אינ פּראָגרעס, נאָר אפילע אינ וואָזדוכ, ווי טורגעניעוו זאָגט — און וואָוטאָריכ, זינט עס האָט זיכ אָנגעהויבנ בא אונדז דער יעווריייסקי וואָפּראָס מיט די פּאָגראָמענ, קאָנסטיטוציע און טאָמו פּאָדאָבנע, ווי באָקל זאָגט אינ זײַנ היסטאָריא ציוויליזאציא...

אנ אווײַרע! דאָ האָבנ ערשט אָנגעהויבנ גייג די שיינע ווערטער. אונדזער כאוועד פּיניע האָט זיכ ערשט רעכט צעשאָקלט. ער האָט זיכ ערשט פארקאטשעט ריידנ און ריידנ — צום סאָפּ האקט אים איבער דער דאָקטער סאמע אינמיטנ, טוט א זופּ די קאווע און רופט זיכ אָנ צו אים מיט א שמייכל:

— זאָגט: וואָס ווילט איר?

טרעט ארויס ווידער מײַנ ברודער עליע און מאכט צו פּיניענ:

— לעמײַ זאָלסטו האָבנ א טעווע ריידנ נישט צו דער זאכ?

דאָס פארדריסט, אפּאָנעמ, אונדזער כאוועד פּיניענ, מאכמעס ער טרעט אָפּ אפ א זײַט, פארטשעפּעט זיכ פאר זײַנע אייגענע פּיס, און רופט זיכ אָנ בארויגעזולעכ:

— דו רעדסט בעסער? רייד דו!

און מײַנ ברודער עליע גייט צו צום טיש און דערציילט נאָכאמאָל די מײַסע בעקיצער.

ד

— זײַנען מיר, הייסט עס, געקומען צו דער גרענעצ. געקומען צו דער גרענעצ, האָבן מיר אָנגעהויבן האַנדלען, הייסט עס, מיט די אַגענטן. און די אַגענטן, ווייסט איר דאָך, זײַנען גרויסע מאַמזיירים. האָבן זיי אָנגעהויבן לויפן איינער איבערן אַנדערן, גראָבן, מאַסערן, יאַבעדען, ביז ס׳האָט זיך אונטערגעכאַפּט איינע אַ ייִדענע, הייסט עס, אַ לײַטישע, אַן ערלעכע, אַ פֿרומע, אַ קאָשערע, און האָט זיך אויסגעגלײַכט מיט אונדז פֿאַרן מעקעך, הייסט עס, זיך אונטערגענומען אונדז אַלעמען אַריבערפּעקלען, פֿריִער אונדז, און נאָכדעם די זאַכן. האָט זי אונדז געגעבן, די ייִדענע, הייסט עס, צוויי אַריילים, שומרים, הייסט עס...

— אָט אַזוי גיך? זע נאַר! ער איז שוין פּאַרטיק מיט די אַריילים.

אַזוי שפּרינגט אַרויס מײַן שווער ברוער ברוך, שטופּט אָפּ מײַן ברודער עליע און דערציילט בעסער אַליין די מײַסע. טאַקע די אייגענע מײַסע, נאָר אַ ביסל אַנדערש: וויאַזוי די ייִדענע האָט אונדז געהייסן גיין און גיין, ביז מיר וועלן דערזען אַ בערגל. פֿונעם בערגל זאָלן מיר זיך נעמען רעכטס און גיין און גיין, ביז מיר וועלן קומען צו נאָך אַ בערגל. זאָלן מיר זיך פֿון יענעם בערגל נעמען לינקס און גיין און גיין, ביז מיר וועלן קומען צו אַ שענקל. זאָל אַרײַנגיין איינער פֿון אונדז אין שענקל, וועט ער טרעפֿן צוויי אַריילים טרינקען בראָנפֿן. זאָל מען צוגיין צו די אַריילים און זאָגן זיי נאָר איין וואָרט „כײַמאָווא״, וועלן זיי שוין וויסן און וועלן אונדז פֿירן איבער אַ וועלדל. אַ גליק, וואָס איך האָב אַ טעווע פֿון כאַלעשן...

רופֿט זיך אָן דער דאָקטער:

— ווייסט איר, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, מײַנע ליבע ווײַבער? איך האָב אויך אַ טעווע פֿון כאַלעשן. זאָגט מיר איינקורצן, וואָס ווילט איר?

טרעט אַרויס די מאַמע ווידעראַמאָל, און עס קומט פֿאָר צווישן איר און צווישן דאָקטער אַזאַ מין געשפּרעך:

מאַמע: איר ווילט אײַנקורצן? מע האָט בײַ אונדז צוגענומען די זאַכן.

דאָקטער: וואָסערע זאַכן?

מאַמע: דאָס בעטגעוואַנט: צוויי איבערבעטן, פֿיר קישנס גרויסע, און נאָך צוויי גרויסע קישנס, און דרײַ קלייניטשקע מאַמזיירימלעך איבערגעשאָטן.

דאָקטער: דאָס איז גאָר?

מאמע: און קאָלדרעס דרײַ, צוויי אלטע, איינע א נײַע, און מאַלבושים א פּאָר, און א פּאַטשיילע א זײַדענע, און...

דאָקטער: נישט דאָס פרעג איך. מער קיין אומגליק האָט איר ניט געהאט?

מאמע: וואָסער אַן אומגליק ווילט איר נאָך?

דאָקטער: איך מיין, וואָס פעלט אײַך?

מאמע: בעטגעוואנט.

דאָקטער: דאָס איז גאָר?

מאמע: ס'איז אײַך קארג?

דאָקטער: און בילעטן האָט איר? געלט האָט איר?

מאמע: נישט צו פארזינדיקן. מיר האָבן שיפסקארטן, מיר האָבן אַפּ בילעטן.

דאָקטער: זײַט איר דאָך, דאנקען גאָט! איך בין אײַך מעקאנע. לאָמיר זיך בײַטן. מיינט ניט, איך שפּאַס. איך זאָג עס אײַך אָן ליי־צאָנעס. נאט אײַך מײַן אָנבײַסן, נאט אײַך מײַנע עמיגראנטן, נאט אײַך מײַן קאָמיטעט, און גיט מיר אײַערע שיפסקארטן מיט אײַערע בילעטן, פאָר איך אוועק קיין אמעריקע הײַנטיקן טאָג. וואָס קאָן איך דאָ טאָן, איינ מענטש אליין, מיט קיין אײַנאָרע אזויפיל אָרעמעלײַט?

דער דאָקטער איז עפּעס — מיר ווייסן אליין ניט וואָס! — אזוי האָבן מיר אָפּגעפּאסקנט, און מיר ווילן נישט מאכן דאָ קיין לאנגע שיִעס. מײַן ברודער עליע זאָגט: אַז אוויירע די הויצאָעס. לאָמיר בע־סער פאָרן קיין קראָקע. א סאך עמיגראנטן פאָרן קיין קראָקע, לאָז זיך אונדז דאכטן, עלעהיי מיר זײַנען אויך עמיגראנטן.

— אַז מיר זײַנען אין לעמבערג, בווּג מיר שוין זײַן אין קראָ־קע אויך, — זאָגט אונדזער כאווער פּיניע.

— ביכדיי ס'זאָל אויסקומען, אפּאָנעם, קראָקע מיט לעמבערג? — כאפּט אונטער זײַן ווײַב טײַבל.

זײַט געזונט, מיר פאָרן קיין קראָקע.

XVI

מיט די עמיגראַנטנ

א

אז איר ווילט פאָרנ קיינ אמעריקע, זאָלט איר פאָרנ נאָר מיט עמיגראַנטנ. אז איר פאָרט מיט עמיגראַנטנ, איז אײַכ גוט. קומט איר אינ א שטאָט, פארשפּאָרט איר זוכנ אנ אכסאַניע. מע האָט אײַכ אָנגעגרייט אנ אכסאַניע פונ פריִער. דערפּ איז דאָכ געמאכט געוואָרנ א קאָמיטעט. א קאָמיטעט זעט, אז איר זאָלט האָבנ אלצדינג גרייט. מיר, אז מיר זײַנעג אָנגעקומענ די ערשטע נאכט קיינ קראָקע, האָט מענ אונדז באלד פארטריבנ אינ אזא מינ שטוב, אָדער א קאמער, אָדער א שטאל. דאָרט האָבנ מיר אָפּגעוואַרט ביז אינדערפרי. אינדערפרי איז מענ געקומענ צו אונדז פונעם קאָמיטעט און מע האָט אונדז פארשריבנ אלע בא די נעמענ. די מאמע האָט אפילע ניט געוואָלט זאָגנ אונדזערע נעמענ. זי האָט מוירע געהאט פארנ פריזיוו. א קאשע אפּ א מײַסע? האָבנ די עמיגראַנטנ זי אויסגעלאכט: וואָס גייט אָנ קירע-דײַטש אונדזער רוסישער פריזיוו? נאָכדעם האָט מענ אונדז געבראכט אלעמענ אפּ א גרויסער אכסאַניע. א גאנצע שטוב מיט א סאכ בעטלעכ מיט אָנ א שיר עמיגראַנטנ. „עס זעט דאָ אויס ווי בא אונדז א העקדעש". אזוי געפינט מײַנ מאמע. און מײַנ שוועגערנ בראָכע זאָגט: „שוויגער, לאָמיר בעסער פאָרנ ווײַטער". איכ האָב אײַכ שוינ געזאָגט אמאָל, אז די ווײַבער האָבנ א טעווע — עס געפעלט זיי ניט קיינ זאכ. אפּ אלצדינג מאכנ זיי אײַכ א כיסאָרנ. אפּ דער שטאָט קראָקע האָבנ זיי גלאט געוואָרפנ אנ אומכיינ פונ דער ערשטער מינוט. אפילע מײַנ ברודער עליע איז אויכ אינ קאס אפּ קראָקע. קראָקע, זאָגט ער, איז ניט לעמבערג. אינ לעמבערג איז כאָטש דאָ יידנ, און אינ קראָקע איז ניטאָ קיינ יידנ. דאָס הייסט, ס'איז דאָ יידנ, נאָר מעשונע-מאָדנע יידנ — אנדרויגענעסנ[1], האלב ייִד האלב פּליאקע[2], פארדרייט די וואָנצעס און „פּראָשע פּאני!"... אזוי זאָגט מײַנ ברודער עליע. נאָר אונדזער כאווער פּיניע וויל אים איבערשפּארנ. ער זאָגט, אז דאָ איז פאראנ מער „ציוויליזאציע". איכ וואָלט וועלנ וויסנ, וואָס איז דאָס אזעלכעס „ציוויליזאציע", וואָס אונדזער כאווער פּיניע קאָנ זיכ אָנ דעם ניט באגיינ?

---

1 הערמאפראָדיטנ — מענטשנ פונ אומבאשטימטנ געשלעכט.

2 דאָנ א שאָוויניסטישער אויסדרוק אפּ א פּאָליאק.

ב

אפ דער אכסאַניע, וואָס מע האָט אונדז אָנגעגרייט פונעם קאָמיטעט, איז אויסגעצייכנט גוט. דאָס הייסט, עס איז ניט אזוי גוט, ווי פריילעך. מע באקענט זיך אלעמאָל מיט נייַע עמיגראַנטן. מע זיצט אינײנעם, מע דערציילט מײַסעס. אַך, וואָסערע שיינע מײַסעס! ניסים וועניפלאָעס! ניסים פונ פאָגראָם. ניסים פונעם פּדיזיון. ניסים פונ דער גרענעץ. איטלעכער דערציילט אַנ אנדער מײַסע פונ זײַנ אגענט. איינער פרעגט באַם אנדערנ: „ווער איז געוועגַ אײַער אגענט באַ דער גרענעץ — א רויטער צי א שווארצער?“ ענטפערט אים דער אַנדערער: „ניט קיינ רויטער, ניט קיינ שווארצער, נאָר אזוי א גאַנעוו“...

געוויינטלעך, דערציילנ מיר אונדזער נעס אויך, וויִאַזוי גאָט האָט מיט אונדז געפירט, וויִאַזוי מיר האָבנ געגאַנווּעט די גרענעץ, וויִאַזוי די אגענטנ האָבנ אונדז באַפאַלנ, וויִאַזוי מיר האָבנ זיך באקענט מיט א ייִדענע, וויִאַזוי די ייִדענע האָט באַ אונדז אויסגענארט די זאַכנ, וויִאַזוי אירע שומרים, צוויי ארײלים, האָבנ אונדז פארפירט אינ א וואלד, געפרעגט אונד, וויפל געלט מיר האָבנ, אונ ארויסגענומענ מעסערס אַפּ צו קוילענ. א גליק, וואָס אינדזער בראָכע האָט א טעווע פונ כאַלעשנ אינ וואָס די מאמע האָט געמאכט א גוואַלד, — האָט זיך דערהערט א שאָס, זײַנענ די ארײלים אנטלאָפנ אונ מיר זײַנענ דערוויַל אריבער אַפּ יענער זײַט... אלע הערנ אויס אונדזער מײַסע, שאָקלענ מיט די קעפּ אונ שמוצערנ מיט די ליפּנ. איינער א הויכער עמיגראַנט מיט א בייזנ קוק אונ מיט וואַטע אינ די אויערנ טוט אונדז א פרעג:

— ווִיאזוי זעט זי אויס, די ייִדענע? א פרומע, א קאָשערע, מיט א שייטל אַפנ קאָפּ?

דערהערט, אז אונדזער ייִדענע איז א פרומע, א קאָשערע, מיט א שייטל אַפנ קאָפּ, — טוט דער הויכער עמיגראַנט מיטנ בייזנ קוק זיך א כאַפּ אוּפ אונ א זאָג צו זײַנ ווײַב, וואָס זי הייסט סאָרע:

— סאָרע! דו האָרכסט? ס'איז דאָך די אייגענע ייִדענע!

— א כאַליערע זאָל קומענ אַפּ איר אונ אַפּ אלע אגענטנ, ריבוינע-שעל-אוילעם!

אזוי זאָגט זײַנ ווײַב סאָרע, אונ זי דערציילט אונדז אויך א שיינע מײַסע, וויִאַזוי די אייגענע ייִדענע מיטנ שייטל האָט זי אָפּגענארט, באַנומענ פונ קאָפּ ביז די פיס אונ געוואָלט ארײַנרוקנ זיי שיפסקארטנ קיינ אמעריקע.

דערהערט דאָס וואָרט „שיפסקארטן”, כאפּט זיך אוף אַן עמיגראנט, א שנײַדער, מיט שווארצע אויגן און מיט א בלאס פּאָנעם, און רופט זיך אָן:

— שיפסקארטן? לאָזט מיך, וועל איך אײַך דערציילן א מײַסע פון שיפסקארטן.

און דער שנײַדער מיט די שווארצע אויגן און מיטן בלאסן פּאָנעם וויל אָנהייבן דערציילן א מײַסע פון שיפסקארטן. שטייט אוף נאָך אַן עמיגראנט, וואָס מע רופט אים טאָפּאָלינסקי. ער זאָגט, אז ער האָט א שענערע מײַסע מיט שיפסקארטן, וויאזוי אין שטעטל בא זיי איז דאָ א קאָמפּאניע, וואָס פארקויפן קלוימערשט שיפסקארטן פון ליבאווע קיין אמעריקע. האָבן זיי דערטאפּט א יונגנמאן און האָבן בא אים אויסגענארט עטלעכע און זעכציק קארבן און האָבן אים ארײַנגערוקט עפּעס א סוקע-שער[1] מיט א רויטן אָדלער. דער יונגערמאן קומט קיין ליבאווע, וויל זיך זעצן אפן שיף, נעמט ארויס און באווײַזט דעם סוקע-שער, מיטן רויטן אָדלער. ווער? וואָס? א נעכטיקער טאָג! ס׳איז ניט קיין שיפסקארטע, ס׳איז גאָר א שיר-האמײַלעס[2]!

ג

די מײַסע מיט די שיפסקארטן הייבן מיר אָן ווערן נימעס. איך האָב ליב עמיגראנטן. איך האָב מיך בעסער באקענט, אין וואגאָן זיצנדיק, מיט א ייִנגל פון די עמיגראנטן אין מײַנע יאָרן. מע רופט אים קאָפּל, און ער האָט א צעשפּאָלטענע ליפּ. די ליפּ איז אים געקומען פון א פאל. ער איז געקראָכן אף א לייטער און איז געפאלן אף א שפּיז האָלץ. ער שווערט, אז ס׳האָט אים גאָר ניט וויי געטאָן, נאָר בלוט איז געגאנגען א סאך. ניט געגוג, זאָגט ער, ער האָט זיך צעשפּאָלטן די ליפּ, האָט ער נאָך געכאפּט קלעפּ פונעם טאטן. אָט דער הויכער, וואָס מיטן בייזן קוק און מיט וואטע אין די אויערן, דאָס איז טאקע זײַן טאטע. און די ייִדענע, וואָס מע רופט זי סאָרע, דאָס איז זײַן מאמע. זיי זײַנען געווען, זאָגט ער, אמאָל גרויסע נגידים. דאָס הייסט, ניט אמאָל, טאקע אָט דאָ ניט לאנג, פארן פּאָגראָם. איך פרעג אים, וויאזוי איז דאָס א פּאָגראָם? איך הער אלץ

1 געמיינט: א פּוסטע זאך, וואָס האָט קיין שום ווערט ניט.

2 איבערגעשריבענע קאפּיטלעך טילים, וואָס מע פלעגט אָנקלעפּן אף דער וואנט אלס א באוואָרעניש פון שיידים. אין פאָלק איז דער אויסדרוק א „שיר־האמײַלעס” געוואָרן א סינאָנים פון פּוסטע פּאפּירלעך, וואָס האָבן קיין שום ווערט ניט.

פון די עמיגראַנטן, מע זאָגט „פּאָגראָם", „פּאָגראָם", נאָר וואָס דאָס איז — ווייס איך ניט. רופט זיך אָן צו מיר קאָפּל:

— א פּאָגראָם ווייסטו ניט? ע! ביסטו דאָך גאָר א ניונקעלע! א פּאָגראָם איז א זאַך, וואָס איז היינט אומעטום. הייבן הייבט זיך עס אָן קימאַט פון גאָרניט, און אז עס הייבט זיך אָן, ציט זיך עס אוועק דריי טעג...

— וואָס זשע, זאָג איך, איז דאָס? א יאַריד?

— וואָסער יאַריד? א שיינער יאַריד! מע שלאָגט פענצטער! מע ברעכט מעבל! מע טרענט קישנס! פעדערן פליִען, אזוי ווי שניי!

— אקעגן וואָס?

— נא דיר גאָר אקעגן וואָס! אקעגן שמערלען! א פּאָגראָם איז ניט נאָר אף הייזער אליין. א פּאָגראָם איז אף קלייטן. מע צעשלאָגט אלע קלייטן, און מע וואַרפט ארויס פון דאָרטן די סכוירע אף דער גאַס, און מע צעטראָגט, און מע צעראַבעוועט, און מע צעשיט, און מע באַגיסט מיט גאַז, און מע צינדט אונטער, און מע ברענט.

— גיי שוין, גיי!

— וואָס דען מיינסטו? איך וועל דיר אויסטראַכטן? נאָכדעם, אז ס'איז נישטאָ שוין וואָס צו ראַבעווען, גייט מען איבער די הייזער מיט העק, מיט אייזנס און מיט שטעקנס, און פּאָליציע גייט נאָך פון הינטן. מע זינגט און מע פייפט און מע שרייט: „עי, רעביאַטאַ, ביי זשידאָוו!" און מע שלאָגט, מע הארגעט, מע קוילעט, מע שטעכט מיט שפּיזן...

— וועמען?

— וואָס הייסט וועמען? יידן!

— פאַרוואָס?

— נא דיר גאָר פאַרוואָס! ס'איז דאָך א פּאָגראָם!

— און אז א פּאָגראָם, איז וואָס?

— גיי אוועק, דו ביסט א קעלבל! איך וויל מיט דיר ניט ריידן!

אזוי זאָגט צו מיר קאָפּל, שטופּט מיך אָפּ פון זיך און לייגט אריין די הענט אין די קעשענעס, ווי א גרויסער. מיר שטייט ניט אָן די מייסע. סע פאַרדריסט מיך אף קאָפּלען, וואָס ער האַלט זיך אזוי גרויס אקעגן מיר נאָר איך מאַך א שוויַיג. „וואַרט אויס, גאָד-לעניוק! וועסט אמאָל אָנקומען צו מיר!"... אזוי טראַכט איך מיר, און לאָז דורך עטלעכע מינוט. איך גיי צו ווידעראַמאָל צו קאָפּלען און מאַך מיט אים א שמועס. שוין נישט פון פּאָגראָמען — פון אַנדערע זאַכן. איך פרעג אים, צי ער קען ריידן אף דייטש. צעלאַכט

ער זיך: „ווער קען דאָס ניט קיין דײַטש? דײַטש איז דאָך ייִדיש!..

— אזוי? אז דו קענסט יאָ דײַטש, זאָג זשע מיר, וויאזוי זאָגט מען כריין אף דײַטש?

צעלאכט זיך קאָפּל נאָך שטארקער, קוים וואָס ער קען אויס־ריידן א וואָרט.

— וואָס הייסט, וויאזוי איז כריין? כריין איז כריין!

— אויב אזוי, זאָג איך, ווייסטו טאקע ניט!

— וויאזוי זשע דען איז כריין?

אפּצולאָכעס האָב איך אליין אויך פארגעסן, וויאזוי מע זאָגט אף דײַטש כריין. איך האָב געוווּסט, נאָר איך האָב פארגעסן. גיי איך צו מײַן ברודער עליע און פרעג אים: וויאזוי איז אף דײַטש כריין? זאָגט ער: ער וועט מיר געבן א כריין, וועט מיר פארגיין אין די ציין... מײַן ברודער עליע איז, אפּנעם, אין כּעס. אלעמאָל, ווען ער גייט צו דער קעשענע נעמען געלט, איז ער אין כּעס. אונדזער כאווער פיניע לאכט פון אים. זיי ווערטלען זיך. איך זוך מיר אויס אן אָרט אף דער ערד צווישן די פּעקלעך און לייג מיך שלאָפן.

ד

מיר האָבן אין קראָקע נישט געמאכט גאָרנישט ניט. אין קאָמי־טעט זײַנען מיר ניט געווען. די עמיגראנטן האָבן אונדז געזאָגט, אז ס'איז ארויסגעוואָרפן. אז איר קומט, זאָגן זיי, אין קאָמיטעט, הייבט זיך אָן א דולעניש. קודעם פארשרײַבט מען אײַך די יאָרן. נאָכדעם שיקט מען אײַך אָפּ צו א דאָקטער, ער זאָל אײַך באטראכטן. נאָכ־דעם הייסט מען אײַך ווארטן. נאָכדעם הייסט מען אײַך קומען. קומט איר צו גיין, פרעגט מען אײַך: וואָס זײַט איר געקומען? זאָגט איר, אז מע האָט אײַך געהייסן קומען, זײַט איר געקומען. הייבט מען אײַך אָן זאָגן מוסער, לעמײַ איר פאָרט קיין אמעריקע. פרעגט איר: ווהין דען זאָלן מיר פאָרן? זאָגט מען אײַך: ווו שטייט ד'אָס געשריבן, אז איר דארפט פאָרן? דערציילט איר זיי א מײַסע מיט א פּאָגראָם. זאָגן זיי: איר זײַט אליין שולדיק. א סימען, אָט האָט נעכטן א ייִנגל פון אײַערע עמיגראנטן אוועקגעגאנוועט א בולקע אינמיטן מארק. זאָגט איר: עפּשער איז ער געווען הונגעריק? זאָגן זיי: אָט האָט זיך נעכטן צע־שלאָגן פון אײַערע עמיגראנטן אינמיטן גאס א מאן מיט א ווײַב, מע האָט געמוזט אראָפּברענגען זשאנדארמען. זאָגט איר: דאָס ווײַבל איז געווען גערעכט; זי האָט דערקענט איר מאן, וואָס האָט זי אוועקגע־וואָרפן אין דער היים, געוואָלט אנטלויפן קיין אמעריקע. האָט זי אים

דערזען דאָ אומגעריכט און האָט אים געפּאַקט. האָט ער זיך געוואָלט אויכרײַסן און אַנטלויפן. האָט זי געמאַכט א גוואַלד... זאָגן זיי: לעמײַ גייען אײַערע עמיגראַנטן, צום מיינסטנס, אָפּגעריסן? זאָגט איר: זיי זײַנען אָרעם; לאָז מען זיי געבן קליידער, וועלן זיי ניט גיין אָפּגעריסן. בעקיצער, מוסער זאָגן זיי, און קיין געלט גיבן זיי ניט.

אזוי קלאָגן זיך פּאר אונדז די עמיגראַנטן. זיי זאָגן, אז מיר זײַנען גליקלעכע מענטשן, וואָס מיר האָבן ביז אהער ניט באַדאַרפט אָנקומען צו דער לאַסקע פונעם קאָמיטעט. די מאַמע זאָגט: זי וואָלט איצטער אויך ניט אָנגעקומען צו זיי, ווען ניט דאָס בעטגעוואַנט. ווען מע נאַרט ניט אויס בא אונדז די זאַכן אַפ דער גרענעץ, וואָלט זי איצטער געווען א „קייסערינע". איך דערמאָן מיך אָן דער מאַמעס זײַדענע געלע פּאַטשיילע, וואָס זי פלעגט טאַקע אויסזען אין איר ווי א „קייסערינע". די מאַמע זאָגט אָבער, אז קיין זאַך טוט איר ניט אזוי באַנק, ווי דאָס בעטגעוואַנט. וואָס וועלן מיר טאָן אין אַמעריקע אָן בעטגעוואַנט?

אזוי זאָגט די מאַמע, ברעכט די הענט און צעוויינט זיך. דערהערט מײַן ברודער עליע, צעשרײַט ער זיך אַפ איר:

— שוין? דו וויינסט שוין ווידער? האָסט פאַרגעסן, אפּאָנעם, אז מיר זײַנען שוין נאָענט צו אַמעריקע, און מע דאַרף היטן די אויגן?

— מיינט איר אוואַדע, אז מיר זײַנען טאַקע נאָענט צו אַמעריקע? עס הייבט זיך גאָר ניט אָן! מיר דאַרפן נאָך פאָרן און פאָרן! וווהין פאָרן — ווייס איך נאָך ניט אַקוראַט. איך הער פון די עמיגראַנטן נעמען פון שטעט: האַמבורג, ווין, פּאַריז, לאָנדאָן, ליווערפּול... אַפ האַמבורג זאָגן אַלע, אז עס מעג זיך אָנצינדן הײַנטיקן טאָג. האַמבורג, זאָגן זיי, איז סדום. דאָרטן טרײַבט מען די עמיגראַנטן אין א באָד אַרײַן, ערגער ווי אַרעסטאַנטן. אַזעלכע רעשאָים, ווי אין האַמבורג, איז נישטאָ אין ערגעץ.

אזוי זאָגן די עמיגראַנטן, און מיר קלײַבן זיך דערווײַל קיין ווין. דאָרטן, זאָגט מען, איז פאַראַן א קאָמיטעט, נאַקע וואָס א קאָמיטעט הייסט!

יאָ קאָמיטעט, ניט קאָמיטעט — איך ווייס דערווײַל, אז מיר פאָרן קיין ווין. איר האָט אַמאָל געהערט פון דער שטאָט ווין? וואַרט צו א ביסל, אָט וועלן מיר קומען קיין ווין, וועל איך אײַך דערציילן אַלצדינג, וואָס אין ווין טוט זיך.

XVII

ווינ איז א שטאָט, אונ גאָט איז א פּאָטער

א

— ווינ איז א שטאָט!

אזוי האָט געפּאסקנט מײַנ ברודער עליע, אונ אונדזער כאווער פּיניע האָט צוגעבאָמקעט:

— נאָב א מינ שטאָט! פונ שטאָטנלאנד א שטאָט!

אפּילע די ווײַבער, וואָס זיי געפעלט נישט קיינ זאכ אינ דער וועלט, האָבנ אויכ צוגעגעבנ, אז ווינ איז א שטאָט. צוליב דער שטאָט ווינ האָט די מאמע ארויסגענומענ די שאבעסדיקע זײַדענע פּאטשיילע. מײַנ שוועגערנ בראָכע האָט זיכ אויסגעפּוצט, ווי צו דער כאסענע. זי האָט אָנגעטאָנ איר שאבעסדיק מאלבוש אונ האָט אויסגעזוענ אינעם פּאריק מיט די לאנגע באָמבלדיקע אוירינגלעכ אונ מיט איר רויט קלײַנגדיק פּאָנעם, אזוי ווי א רויטע קאצ אינ א שווארצנ שלייער. איר האָט אמאָל געזוענ א רויטע קאצ אינ א שווארצנ שלייער? איכ האָב שוינ געזוענ. אונדזער שכיינע פּעסיעס קינדער האָבנ ליב מאכנ מיט דער קאצ אלערליי אָנשטעלנ אונ טעאטער-שטיק. די קאצ האָט בא זיי, ווי איכ האָב אײַכ שוינ אמאָל דערציילט, א מאָדנעם צונעמעניש: „פייגע-לייע די גאבעטע". זיי האָבנ שוינ אמאָל אָנגעטאָנ „פייגע-לייע די גאבעטע" א יארמעלקע. עס פארשטייט זיכ, אז זיי האָבנ איר די יארמעלקע אונטערגעבונדנ מיט צוויי בענדלעכ אונ האָבנ זי געלאָזט לויפנ. אכוץ דעם, האָבנ זיי איר אָנגעהאנגענ אפנ עק, אפּאָנעם, פונ שיינקײַט וועגנ, א פלעדערוויש. די יארמעלקע איז געווענ פאר איר, ווײַזט אויס, א ביסל צו גרויס, האָט דאָס איר פארשטעלט די אויגנ, אונ דעם פלעדערוויש קאָנ זי נישט לײַדנ. האָט זיכ „פייגע-לייע די גאבעטע" געלאָזט לויפנ מעשוגענערווײַז, דראפּענ זיכ אפּ די גלײַכע ווענט, אונ האָט אָנגעמאכט בא אלע שכיינים מוירעדיקע שאָדנס. אײַ, האָט מענ זיי דעמלט געקאטעוועט! מער פונ אלע האָט געהאט וואשטי, הערשל הייסט דאָס, אָט דער, וואָס מיט דער גאָליע אפנ שטערנ. א מאָדנער יונג, אָט דער וואשטי! וויפל מע זאָל אימ נישט שלאָגנ, איז דאָס ווי אינ א וואנט. איכ בענק נאָכ אימ מער ווי נאָכ אלעמענ! עס קאָנ זײַנ, אז מיר וועלנ זיכ איבגיכנ זענ מיט אימ אינ אמעריקע. מיר האָבנ געהאט א יעדיע, אז אונדזער שכיינע פּעסיע מיט איר מאנ מוישע דעמ אײַנבינדער מיט דער גאנ-

צער כאליאסטרע פאָרן הײַנט קיין אמעריקע. פריִער האָט זי געלייגט קנײטלעך, וואָס מיר פאָרן אין אזא ווײַטן לאַנד, און איצט פאָרט זי אליין אויך אהין... אלע פאָרן הײַנט קיין אמעריקע. אזוי שרײַבט אונדז אונדזער מעכוטן יאָנע דער בעקער. ער פאָרט אויך קיין אמעריקע. ער איז שוין אַף דער גרענעץ. נישט אַף דער גרענעץ, וואָס מיר האָבן געגאַנוועט. אַף אַן אַנדער גרענעץ. אונדזער גרענעץ טויג נישט. אַף אונדזער גרענעץ גאַנוועט מען אוועק דאָס בעטגעוואַנט. אַף אַנדערע גרענעצן גאַנוועט מען אויך בעטגעוואַנט, נאָר מע פאַלט נישט אָן אינמיטן וואַלד מיט שאַרפע מעסערס, ווי מען איז אָנגעפאַלן אַף אונדז, לעמאָשל. עמיגראַנטן דערציילן, אַז ס'איז פאַראַן אַזעלכע גרענעצן, ווו מע טוט אויס נאַקעט און מע נעמט צו, וואָס מע האָט. נאָר שלאָגן שלאָגט מען נישט. אונדז האָט מען אויך נישט געשלאָגן, נאָר מע האָט אונדז געוואָלט שלאָגן. מיר זײַנען שיר ניט געשטאָרבן פאַר שרעק. אַ גליק, וואָס מע האָט אויסגעשאָסן פון אַ ביקס. איך האָב שוין אײַך דערציילט אמאָל, וויאַזוי מיר האָבן געגאַנוועט די גרענעץ. מיר האָבן עס שוין לאַנג פאַרגעסן. מיר האָבן פײַנט געדענקען אַ זאַך. עמעס, די ווײַבער דערציילן נאָך הײַנט אויך די נסים, וואָס מיט אונדז האָט געטראָפן בעשאַס גאַנוענען די גרענעץ. עס מישן זיך אָבער אַרײַן די מאַנצבלען, איך מײַן דאָס מײַן ברודער עליע און אונדזער כאַווער פיניע, און לאָזן נישט, אַז די ווײַבער זאָלן דערציילן. זיי וועלן דאָס אליין דערציילן אַ סאַך בעסער. אונדזער כאַווער פיניע זאָגט: ער מוז דאָס באַשרײַבן אַף די גאַזעטן. ער האָט שוין אפילע אָנגעהויבן דאָס צו באַשרײַבן אין אַ לידל. איך האָב אײַך, דאַכט מיר, אמאָל דערציילט, אַז פיניע שרײַבט לידלעך. דאָס לידל פון דער גרענעץ הייבט זיך אָן בא אים אזוי:

ראַדזיוויל איז נישט גרעסער ווי אַ גענעץ,
דאָרט גאַנוועט מען די גרענעץ,
און מע ווערט באַגאַנוועט פון קאָפּ ביז פיס,
און מע ווערט באַהאַנדלט זייער מיִעס;
מע גיט אוועק וואָס מע האָט
און מע זאָגט נאָך דאַנקען גאָט!
מען איז גליקלעך, ווי די ראַבע קעץ,
וואָס מען איז אַריבער אָן אַ זעץ,
און אָן אַ קלאַפּ, און אָן אַ שטורכ,
און אָן אַ מעסער דורכ און דורכ...

דאָס איז ערשט אַן אָנהייב, זאָגט פּיניע. ווײַטער גייט בא אים, זאָגט ער, פיל שענער! ער האָט געמאכט, זאָגט ער, א באשרײַבונג פון בראָד אויך. און פון קראָקע מיט לעמבערג אויך. און אלצדינג אין גראמען. פּיניע איז דורוף א מאזיק. אלצדינג גראמט זיך בא אים. אפילו אפ זײַן אייגן ווײַב טײַבל האָט ער געמאכט א לידל. איך קען עס אפ אויסווייניק:

איך האָב א ווײַבל,
הייסט זי טײַבל,
גוט און שיין
און מאָלע כיין,
קיין אײַנאָרע זאָל ניט שאטן!
איין כיסאָרן —
וויל נישט פאָרן
צוריק אהיים צום טאטן...

וואָס זאָגט איר אפ דעם לידל? זאָלט איר אָבער זען, ווי טײַבל בלאָזט זיך! (זי האָט א טעווע פון בלאָזן זיך). מײַן שווּעגערן בראָכע נעמט זיך אָן איר קריוודע. זי רופט פּיניען „שמאדילניק". די מאמע רופט אים „שלימאזל". זיי קאָנען נישט לײַדן, לעמיי ער מאכט לידלעך. מײַן ברודער עליע, פארקערט, איז אים מעקאנע. ער זאָגט, אז אין אמעריקע איז גראמען און לידער א סכוירע. מײַן ברודער עליע זאָגט, אז אין אמעריקע וועט ער די סכוירע פארצוקערן. מע וועט אים אין אמעריקע, זאָגט ער, אָפּגילטן. אין אמעריקע זײַנען דאָ א סאך בלעטער מיט א סאך יידישע גאזעטן. פּיניע זאָגט, אז ער ווייסט אליין, אז אין אמעריקע וועט ער מאכן גוט. ער פילט, זאָגט ער, אז ער איז באשאפן פאר אמעריקע און אמעריקע איז באשאפן פאר אים. ער וואָלט שוין געגרן, זאָגט ער, מיר זאָלן שוין זיצן אפן שיף און שווימען אפן יאם. דערווײַל זיצן מיר נאָך אפ דער טוי־קעריש און זײַנען אין ווין.

ב

וואָס טוען מיר אין ווין? גאָרנישט. מיר שפּאצירן איבער די גאסן. איי, גאסן! איי, שטיבער! איר זאָלט זען פענצטער! שפּיגלען, נישט קיין פענצטער! הײַנט זאכן! צאצקעס! מאלבושים! קיילים! צירונגן! קימאט בא יעדן פענצטער שטעלן מיר זיך אוועק שאצן, וויפל סע קאָן אָנטרעפן. מיר, מאנצבלען, שאצן, און די ווײַבער ווינטשעווען

זיך פארמאַגן כאָטש האלב פון דעם, וואָס סע גדעפּט אָן די שטאָט ווינ מיט די הײַזער און מיט די געוועלבנ און מיט די כּוירעס. צע-לאכט זיך פיניע און זאָגט:

— איר בעגט זיך ווינטשנ כאָטש א צענטכיילעק, איז אויך גענוג.

— וואָס ארט דיך, אז האלב? דו פארגינכּט זיי נישט?

אזוי זאָגט צו אים מײַנ ברודער עליע און דרייט זיך דאָס בערדל. אינ דער צײַט פון אונדזער נעסיע קיינ אמעריקע האָט דאָס בערדל בא מײַנ ברודער עליע שטארק א וואקס געטאָנ. זונ מאָדנע א וואקס געטאָנ. עפּעס ווי א בעזעם. איך בינ א באלנ געווענ גימ געבנ א נעם אראָפּ אפּ פאפיר. איך האָב אנומלטנ פיניענ אויך זפּגעמאָלט אפּ א שטיקל פאפיר. און מײַנ שווענגערנ בראָכע האָב איך אראָפּגעכאפּט מיט א שטיקל קרײַד אפּנ טיש. האָב איך געכאפּט א מיעסנ פסאק. זי אליינ, בראָכע הייסט עס, האָט דערזענ זונ האָט זיך דערקענט ווי אינ א שפיגל. האָט זי צוגערופנ מײַנ ברודער עליע. האָב איך פונ אים געהאט! ווענ נישט די מאמע, וואָלט ער מיר גע-מאכט דעמ ט.יט. ער שלאָגט מיך אלעמאָל, ווענ ער דערזעט מיך מאָלנ. מאָלנ האָב איך ליב פונ קינדווײַז אָנ. פריִער פלעג איך מאָלנ בּיט שווארצע קויל אפּ די ווײַסע ווענט, האָט מענ מיך געשלאָגנ. נאָכדעם — מיט קרײַד אפּ דער טיר, האָט מענ מיך אויך געשלאָגנ. איצט מאָל איך שוינ מיט א בלײַשטיפט אפּ פאפיר — וויל מענ מיך ווײַטער שלאָגנ.

— האָסט שוינ ווידער גענומענ זיך צו די „פּענטשעלעך״?..

פאר מאָלנ שלאָגט מענ מיך נישט אזוי, ווי פאר קנעטנ. איך האָב א טעווע קנעטנ ווייך ברויט זונ מאכנ פונ דעמ כאזיירימלעך. מײַנ ברודער עליע, אז ער דערזעט, גיט ער מיר איבער די פינגער. אונדזער כאווער פיניע וויל זיך אײַנשטעלנ פאר מיר. ער זאָגט:

— וואָס האָסטו צו אים? לאָז ער קנעטנ, לאָז ער מאָלנ! עפּ-שער איז אים באשערט זײַנ אמאָל א מאָלער!

מײַנ ברודער עליע דערהערט און שיט מיט ווערטער:

— וואָס? א מאָלער? א מולגעטש? ער וועט שמירגעווענ קלויס-טערס? וואלגאָזשענ ווענט? פליאסקענ דעכער? ארומגיינ מיט פאר-פאטשקעטע הענט, ווי א באלעגאָלע מיט כּמאָלע? לאָז ער מיר בע-סער זײַנ א זינגעדל בא א כאזנ. אז מיר וועלנ קומענ, אימירצעשעם, קיינ אמעריקע, באשטעל איך אים בא א כאזנ. ער האָט א סאָפּראנאָ-שטימע.

— פארוואָס נישט בא א באלמעלאָכע? אינ אמעריקע זײַנענ אלע באלמעלאָכעס. אינ אמעריקע ארבעטנ אלע!

אזוי טוט זיך אפּ אַ מינוט אַ זאָג אונדזער כאַווער פּיניע. כאַפּט זיך ארופ אַף אים די מאַמע:

— אַזוי? אַ באַלמעלאָכע? מײַנע סאָנים וועלן נישט דערלעבן, אַז פּייסי דעם כאַזנס יינגל זאָל זײַן אַ באַלמעלאָכע!

איך זע, אַז די מאַמע וויל שוין אָנהייבן וויינען. פּיניע וויל זיך פאַרענטפערן. ער זאָגט:

— אַ מאָדנע יידענע איר זײַט! לעמײַ אָט לערנען מיר אין דער געמאָרע, אַז דער טאַנע רעב יויכענען[1] איז געווען אַ שוסטער. דער טאַנע רעב ייצכאָק איז געווען אַ שמיד. צי דער וואָס דאַרפט איר אַ סאַך? אָט איז מײַן פעטער אַ זייגערמאַכער און מײַן טאַטע אַ מעכאַניק!

פּיניע מיינט, אַז ער האָט פאַריכט. צום סאָף האָט ער געמאַכט אַ סאַך ערגער. די מאַמע הערט נישט אויף צו וויינען:

— אוואַדע האָט מײַן מאַן באַדאַרפט זײַן אַ קאָשערער ייד, אַ כאַזן, און גיין יונגערהייט פון דער וועלט, בײַכדיי זײַן מיזיניקל זאָל זײַן כאָלילע אַ שנײַדער אָדער אַ שוסטער, און נאָך אין אַמעריקע דערצו?..

— שוין? דו וויינסט שוין ווידער? האָסט פאַרגעסן, אַז אין אַמעריקע דאַרף מען אויגן?

אזוי זאָגט מײַן ברודער עליע, און די מאַמע הערט באַלד אויף צו וויינען.

ג

וואָס איך זאָל נישט זײַן אין אַמעריקע — אַבי איך זאָל קוינ זײַן. עס ציט מיך אַהין — סאַקאָנעס. בײַ זיך האָב איך אָפּגעמאַכט, אַז אין אַמעריקע לערנ איך מיך אויס דרײַ זאַכן: שווימען, שרײַבן און רייכערן ציגאַרן. די אַלע דרײַ זאַכן קען איך איצט אויך, נאָר נישט אזוי גוט, ווי מע קאָן עס קענען אין אַמעריקע. אַף שווימען ווייס איך, אַז איך וואָלט געווען אַ בעריע, האָב איך ניט געהאַט וווּ צו שווימען. בײַ אונדז אין טײַך איז אומעגלעך. בײַ אונדז אין טײַך, אַז אַ ר לייגט זיך אַוועק מיטן בויך אַף דער בלאָטע, זײַנען די פיס אין דרויסן. אויך מיר אַ טײַך! אין אַמעריקע, זאָגט מען, איז אַ יאַם. דאָרט, אַז איר לייגט זיך אַפן וואַסער מיט אַ פּענכער, טראָגט דאָס אײַך אַוועק צו אַלדי רוכעס! שרײַבן קען איך אויך, כאָטש קיינער האָט מיך נישט געלערנט. איך שרײַב געדרוקטע אויסיעס פון סידער. איך שרײַב אַזוי, אַז ס'איז שווער צו דערקענען. איך מאָל, נישט איך שרײַב. איך וואָלט אָבער אַ באַלן געווען צו שרײַבן גיך — קען

[1] אַן אַווטאָר פון דער מישנע — פונעם עלטערן טייל טאַלמוד.

איך נישט. אינ אמעריקע, זאָגט מענ, שרײַבט מענ גיכ. אלצדינג ווערט דאָרטנ געטאָנ, זאָגט מענ, גיכ אונ געשווינד, כאפנדיק. מע האָט דאָרט קײנ צײַט נישט. אזוי האָב איך געהערט דערציילנ אונטער־וועגנס פונ די עמיגראנטנ. איך ווייס קימאט אלצדינג, וואָס איג אמעריקע טוט זיכ, נאָכ אײדער איך בינ דאָרט געוועג. דאָרט פאָרט מענ, זאָגט מענ, אונטער דער ערד אונ מע מאכט א לעבנ. וויאזוי מע מאכט דאָס — ווייס איך נאָכ נישט. נאָר איך וועל דאָס גיכ וויכנ. איכ נעם איבער א זאכ זייער גיכ. אז איך זע א מענטשנ איינ מאָל, מאכ איך אים נאָכ מיט אלע פישטשעוקעס. איך האָב אנומלטנ נאָכגע־מאכט אונדזער כאזער פיניע, וויאזוי ער גייט מיט א טענצל, אונ ווי ער קוקט מיט די קורצזיכטיקע אויגנ, אונ ווי ער רעדט גיכ, זופט הייסע לאָקשנ, האָט זיכ מײַנ שוועגערנ ברָכע געהאלטנ בא די זײַטנ, אונ די מאמע האָט אוש אָנגעהויבנ וויינענ פאר געלעכטער. מײַנ ברודער עליע אָבער האָט דאָס פײַנט. ער לאָזט מיכ נישט א קאָפּ אופהייבנ. א מאָדנע זאכ מיט מײַנ ברודער עליע! ער האָט מיכ ליב — אונ שלאָגט מיכ, מאכט מיר דעם טויט. די מאמע דערלאָזט אים נישט, ער זאָל מיכ שלאָגנ. זי זאָגט צו אים:

— האָב פריער אייגענע קינדער, וועסטו זיי נאָכדעם שלאָגנ...

לאָז אָבער פרווונ א פרעמדער מיכ אָנרירנ מיט א פינגער, וועט ער יענעמ די אויגנ ארויסנעמענ. אנומלטנ האָט אנ עמיגראנטס א יינגל מיר געשטעלט א גובערנאטאָר. איר ווייסט, וואָס הייסט שטעלנ א גובערנאטאָר? אָט וועל איך אײַך אויסלערנענ, וויאזוי: מע טוט א נעצ אײַנ דעמ גראָבנ פינגער אינ מויל אונ מע דערלאנגט אײַך אינ זײַט צווישנ די ריפּנ אונ צווישנ בויכ, דערזעט איר זיכ מיטנ מאלעכ־האמאָוועס. דאָס יינגל, וואָס האָט מיר געשטעלט א גובערנאטאָר איז א יונגאטש פונ א יאָר עלף מיט געשוואָלענע באקנ. האָט ער א פּאָר יאָדאימ — מעגנ זיי אימ אָפּדארנ! ער האָט זיכ געוואָלט מיט מיר באַ־קענענ, איז ער צוגעגאנגענ צו מיר אונ האָט מיכ א פרעג געטאָנ, וויאזוי הייס איכ? זאָג איך: מאָטל. זאָגט ער: מאָטל קאפּאָטל, דראָבל דראָטל, יויסעפ סאָטל, ערעצ קאנאָטל. זאָג איך: וואָס הייסט דאָס? זאָגט ער: דאָס הייסט, אז דו ביסט א יאָלד, כאָטש איך אליינ הייס אויכ מאָטל. עפּשער ביסטו א באלנ אפּ א גובערנאטאָר? זאָג איך: פארוואָס נישט? זאָגט ער: קום אהער א ביסל נעענטער, וועל איך דיר ווײַזנ. בינ איך צוגעגאנגענ. האָט ער מיר געוויזנ. בינ איך אנידערגעפאלנ. האָט דערזענ די כאמע אונ געמאכט א גוואלד. איז געקומענ צו לויפנ מײַנ ברודער עליע אונ האָט אימ געגעבנ!

פֿון דעמלט אָן זײַנען מיר געוואָרן מיט אים חבֿרים. ער האָט מיך אויסגעלערנט אַחוץ דעם „גובערנאַטאָר", נאָך אַ סך זאַכן. אַשטייגער, בויכריידערײַ. איר קענט דאָס? אויסלערנען אײַך איז אוממעגלעך. דערצו דאַרף מען זײַן געבאָרן. מע דאַרף האַלטן דאָס מויל צו, נישט רירן מיט קיין אייווער, און בילן ווי אַ הונט, אָדער כרוקען ווי אַ חזיר, אַזוי, אַז אַלע זאָלן זוכן אונטערן טיש. איך האָב גענוג געהאַט איבערגעשראָקן אונדזערע לײַט. מײַן שוועגערן בראָכע, ווייסט איר דאָך, האָט אַ טעווע פֿון כלעשן. אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אונטערן טיש און אונטער די בעטן. איך האָב זיך אויך אָנגעהויבן זוכן דעם הונט און האָבן נישט אויפֿגעהערט צו בילן. עס איז געווען, זאָג איך אײַך, אַ ריינע קאָמעדיע! מײַן ברודער עליע האָט זיך אָבער סאָפּקאָלסאָפּ געכאַפּט, אַז דאָס וואַקסט פֿון מיר. האָט ער מיר אײַנגעטיילט! פֿון דעמלט אָן האָב איך אָוועקגעוואָרפֿן די קונץ פֿון בויכריידערײַ.

ד

מיר וואָלטן פֿון ווין שוין לאַנג אַוועקגעפֿאָרן, ווען נישט דער „אַליאַנץ". ווער איז דאָס דער „אַליאַנץ" — קאָן איך אײַך ריכטיק נישט זאָגן. איך הער נאָר, אַז מע רעדט פֿונעם „אַליאַנץ". אַליאַנץ! אַליאַנץ! אַלע עמיגראַנטן זײַנען אַפּן „אַליאַנץ" בייז! זיי זאָגן, אַז דער „אַליאַנץ" טוט גאָרנישט ניט. דער „אַליאַנץ", זאָגן זיי, האָט קיין רחמנות נישט אַף אַ מענטשן. דער „אַליאַנץ" האָט פֿײַנט אַ ייִדן. אַלע טאָג גייען צום „אַליאַנץ" מײַן ברודער עליע און אונדזער חבֿר פּיניע. און קומען צו גיין פֿון דאָרטן אַלעמאָל ווי פֿון אַ שוויץ־באָד.

— לאָז ער זיך אָנצינדן! — זאָגט עליע.

— לאָז ער ברענען, ווי אַ ליכט! — זאָגט פּיניע.

— לאָזט בעסער מיר זיך אויסשמועסן מיטן „אַליאַנץ"! — זאָגט די מאַמע און זי נעמט מיך פֿאַר אַ האַנט.

מיר גייען אַלע צום „אַליאַנץ": די, מאַמע און איך, און עליע, און פּיניע, און בראָכע, און טײַבל. מיר שטעלט זיך פֿאָר דער „אַליאַנץ" מיט אַ באָרד און מיט אַ גאַרטל און מיט אַ רויטער נאָז. פֿאַרוואָס עפּעס מיט אַ רויטער נאָז — ווייס איך אַליין נישט. לעמײַ דער „אונסאַנע־טויקעפֿ"[1] ? דעם „אונסאַנע־טויקעפֿ" האָב איך דען געזען אַמאָל?

---

1 אַ טפֿילה, ווו עס ווערט דערציילט, האָזוי גאָט מישפּעט די מענטשן. „אונסאַנע־טויקעפֿ" איז געוואָרן אַ סינאָנים פֿון עפּעס אַ ריכטער, וואָס האָט קיין שום ווירקונג ניט (לאָדן צום „אונסאַנע־טויקעפֿ").

פונדעסטוועגן מאָלט זיך מיר אויס, אַז איך קען אים: ער האָט בייזע גלאַנצנדיקע אויגן, טראָגט אַ ברייטן דזשעק און האַלט אַ קאַנטשיק אין דער האַנט.

אוי, זײַנען מיר זיך אָנגעגאַנגען! מײַן שוועגערן בראָכע האָט געווינטשעוועט דעם „אַליאַנץ", ס'זאָל אים אַזוי שטעכן אין דער רעכטער זײַט, ווי עס שטעכט איר אין דער לינקער, וואָלט ער זיך נישט פאַרקליבן צו אַלדי שוואַרצע יאָר אין עק שטאָט! קוים מיט צאָרעס זײַנען מיר געקומען צום „אַליאַנץ". ער זיצט אין שטוב — „אַף אַלע יִידן געזאָגט געוואָרן". נאָר אָן אַ הויף. ווײַן האַלט נישט פֿון קיין הויפן. ווײַן האָט ליב מעשונע־ברייטע פענצטער מיט אומגעלומפּערטע טירן. נאָר זיי האַלטן די טירן פאַרשלאָסן. „זיי האָבן מוירע, אפּאָנעם, מע זאָל זיי נישט אַוועקגאַנווענען?" אַזוי זאָגט מײַן שוועגערן בראָכע. שוין, זי האָט שוין געוואָרפן אַן אומכײַן אַף ווײַן אײַך! עס געפעלט איר נישט, וואָס אַז מע קומט צו צו אַ שטוב, דאַרף מען פריִער קלינגען. וואָס אַרט מיך, אַז מע קלינגט? אַבי מ'זאָל עפענען. דער „אַליאַנץ" אָבער עפנט נישט אַזוי גיך. איר מעגט קלינגען צעזעצטערהייט — ער האָט צײַט. איר מיינט, מיר זײַנען די איינציקע? אַכוץ אונדז שטייען דאָ נאָך עמיגראַנטן. זיי דאַרפן אויך צום „אַליאַנץ". די עמיגראַנטן קוקן אַף אונדז ווי מיר קלינגען. „קלינגט נאָך אַ ביסל, עפשער וועט מען אײַך עפענען, עפשער האָט איר מער גליק?"... אַזוי זאָגן זיי, די עמיגראַנטן, און לאַכן. אַפּאָנעם, ס'איז זיי גוט אַפן האַרצן. אַלעמאָל קומען צו נײַע עמיגראַנטן. עס שטייען אַף דער גאַס שוין אַ היפּש ביסל עמיגראַנטן: יִידן און ווײַבער און קליינע קינדער. איך האָב ליב, אַז ס'איז אַ סאַך מענטשן. די קליינע קינדער זאָלן נישט איבערשלאָגן מיט זייער געוויין, און די מאַמעס זאָלן זיי נישט שעלטן און פאַרשטופן די מײַלער, וואָלט דאָ געווען גאַנץ פריילעך. דאַנקען גאָט, מע האָט געעפנט די טיר. אַלע האָבן זיך געגעבן אַ לאָז אַרײַן אַף דערשטיקט צו ווערן. אַ גליק, וואָס אַף דער טיר האָט זיך באַוויזן אַ נעפעש אָן אַ היטל, מיט אַ רויט פּאָנעם און מיט אַ געגאָלטער מאָרדע, און האָט אונדז גענומען שלײַדערן איינציקווײַז אין דרויסן אַרויס, אַזוי ווי די האָלעשקעס. איינע, אַ ווײַבל מיט אַ קינד, האָט ער דערלאַנגט אַזאַ וואָרף אַרויס, אַז ווען נישט איך מיט מײַן ברודער עליע, וואָלט זי געקליבן די ציין. זי האָט זיך אַזוי אויך איבערגעקערט דרײַ מאָל. עס האָט לאַנג געדויערט, ביז מיר זײַנען אַרײַן אַלע איינציקווײַז איינווייניק אין שטוב אַרײַן. און ערשט דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ כאַסענע — טאַטעניו! אַלע

ווילןריידן פֿריִער. אַלע קריכן גלײַך צו די טישן. בא די טישן זיצן מענטשן מיט נאַקעטע קעפּ און מיט געגאָלטע בערד און לאַכן, און רייכערן ציגאַרן. ווער פֿון זיי איז דער „אַליאַנץ"—ווייס איך נישט. מײַן מאַמע ווייסט אויך נישט. זי שטייט און טײַנעט צו זיי:

— זאָגט מיר, ווער פֿון אײַך איז דאָ דער „אַליאַנץ"? איך האָב געהאַט אַ שאָדן, דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט האָט מען בא מיר צוגענומען אפֿ דער גרענעץ, און שיר נישט אומגעבראַכט מיך מיט מײַנע קינדער, אָט דאָס זײַנען זיי, יעסוימים נעבעך, מײַן מאַן איז געשטאָרבן יונגערהייט, געווען אַ כּאַזן קאָל יאַמאָוו[1]...

און ווײַטער לאָזט מען זי נישט ריידן אַ וואָרט. איינער ציט זי בא דער שאַל און ווײַזט איר צו דער טיר. ער רעדט אפֿ אַ לאָשן, וואָס סע שווער צו פֿאַרשטיין. די מאַמע וויל נישט אָפּטרעטן, ביז זי וועט נישט באַקומען איר רעכט. זי זאָגט:

— וואָס רעדט איר צו מיר אַ דײַטש? איר רעדט בעסער מיט מיר אפֿ אונדזער אייגן לאָשן, ווײַל איך אײַך אויסדערציילן מײַן ביטער האַרץ... איר זאָגט מיר נאָר, ווער פֿון אײַך איז דאָ דער „אַליאַנץ"?..

— שווײַגער! פֿאָלגט מיך, קומט לאָמיר גיין. דער אייבערשטער האָט אונדז אויסגעפֿירט ביז אהער אָן דעם „אַליאַנץ, און אָן דער שטאָט ווין, וועט ער אונדז ווײַטער אויך מיסטאַמע אויספֿירן. גאָט איז אַ פֿאָטער.

אַזוי זאָגט מײַן שוועגערן בראָכע צו דער מאַמע, און די מאַמע ענטפֿערט איר:

— ביסט גערעכט, מײַן קינד! קומט לאָמיר גיין! ווין איז אַ שטאָט, און גאָט איז אַ פֿאָטער.

XVIII

וווּנדער פֿון אַנטווערפּן

א

איר האָט געהערט אַמאָל, אַ שטאָט זאָל הייסן אַנטווערפּן? פֿאַראַן אַזאַ שטאָט אפֿ דער וועלט, פֿאָרן מיר אַהינצוצו. ווי קומען מיר קיין אַנטווערפּן? ווײַל אונדזער מעכוטן, מײַן ברודער עליעס שווער, יונגע דער בעקער, פֿאָרט קיין אַמעריקע אפֿ אַנטווערפּן. דערהערט, אַז איר

---

1 געמיינט: אַלע זײַנע יאָרן.

טאטע איז אינ אנטווערפנ, האָט מײַנ שווערגערנ בראָכע גענומענ שלאָגנ האלדז-אונ-נאקנ, מיר זאָלנ אויכ פאָרנ אפ אנטווערפנ. פריִער האָט זי פונ דער שטאָט נישט געוואָלט הערנ אפילע, דער נאָמענ איז איר נישט געפעלנ. איצט האָט זי זיכ פארליבט אינ אנטווערפנ! אונדזער כאַווער פיניע זאָגט, אז ער וועט זיכ מוזנ אָפּטײלנ פונ אונדז. ער וויל בעסער פאָרנ פונ וויִנ גלײַכ קיינ לאָנדאָנ. עס ציט אים, זאָגט ער, קיינ לאָנדאָנ. לאָנדאָנ, זאָגט ער, שמעקט שוינ מיט אמעריקע: ענגלענדער... געלע האָר... קעסטלדיקע הויזנ... ס'איז גאָר אנ אנדער וועלט!

— פאָר זשע דיר געזונטערהייט צו דײַנע ענגלענדער מיט די קעסטלדיקע האָר אונ מיט די געלע הויזנ, אונ מיר וועלנ זיכ פאָרנ קיינ אמעריקע אפ אנטווערפנ.

אזוי זאָגט מײַנ שווערגערנ בראָכע, אונ פיניעס ווײַב טײַבל בלאָזט זיכ אָנ, ווי אנ אינדיטשקע. איכ האָב דאָכ אײַכ געזאָגט, אז זי האָט א טעווע, באלד עפּעס — בלאָזט זי זיכ אָנ אונ רעדט נישט. פרעגט בא איר פיניע: וואָס ביסטו בארויגעז? זאָגט זי, אז זי האָט פײַנט ענג־לענדער. זאָגט צו איר פיניע: דו קענסט זיי דענ? ווו האָסטו געזענ אנ ענגלענדער? זאָגט זי: נו, אונ דו, ווו האָסטו געזענ אנ ענגלענדער?

בעקיצער, עס בלײַבט, אז מיר פאָרנ אלע קיינ אמעריקע אפ אנטווערפנ. בא מיר מאַכט נישט אויס, מע זאָל פאָרנ אפילע איבער האָצעפּלאָצ — אבי קיינ אמעריקע. איכ אונ אונדזער כאַווער פיניע — מיר ביידע רײַסנ זיכ קיינ אמעריקע מער פונ אלעמענ. מיר פילנ, אז אונדז וועט דאָרטנ זײַנ גוט, ווי די וועלט. פיניע האָט טײַנעס צו מײַנ ברודער עליע. ער זאָגט: מיר פאָרנ אונ פאָרנ — אונ שטייענ אפ איינ אָרט. זאָגט אים עליע: נו, ווער האלט דיכ צו? פאָר! לויפ! פלי! זאָגט פיניע: ווי קאָנ איכ פליִענ, אז דײַנ מאמע וויל זיכ באקענענ מיט אלע קאָמיטעטנ פונ דער גאנצער וועלט?.. דערהערט די מאמע אונ זאָגט צו פיניענ: אז דו ביסט יאָ אזא כאָכעמ, טאָ גיב מיר אנ אייצע, וויִאזוי זאָלנ מיר קומענ קיינ אמעריקע אָנ בעטגעוואנט?.. דאָ בלײַבט שוינ פיניע אָנ לאָשנ, אונ מע וועדט ווידער כאַווער. אונדזער כאַ־ווער פיניע קאָנ זיכ מיט אונדז נישט צעשיידנ. די ווײַבער קאָנענ אויכ נישט לעבנ איינע אָנ דער אנדערער. דאָס הייסט, מע קריגט זיכ אפילע גאנצ אָפט, מע זאָגט זיכ שטעכווערטלעכ. עס דערגייט אמאָל קימאט צו פעטש אויכ. מע בעט זיכ אָבער באלד איבער. ווענ נישט די מאמע, וואָלט מײַנ שווערגערנ בראָכע מיט פיניעס ווײַב טײַבל קיינ לאנגע גוטפרײַנטשאפט ניט אויסגעהאלטנ. עס וואָלט בא

זיי געווען אלע טאָג צוויי שלייערס א גראָשן. איבערהויפּט מײַנ שווערגערנ. זי זאָגט אלײנ אפ זיכ, אז זי איז א שוועבעלע. איר אז עס קומט אָנ די שלעכטע מינוט, ווערט זי אײַכ מאכנ מיט דער בלאָטע. אינ א ווײַלע ארומ ווערט זי ווייכ, כאָטש לייגט זי צו צו א מאקע. מיט מיר „וואָיעוועט“ זי פונ דער ערשטער מינוט נאָכ דער כאסענע. זי ווייסט, אז איכ האָב זי נישט ליב. ערגער פונ אלצדינג איז בא איר, לעמײַ איכ לאכ פונ איר. עס ווײַזט זיכ איר ראק, אז איכ לאכ זי אויס. אז איכ קוק אפ איר, הייסט בא איר, אז איכ לאכ. איכ האָב אײַכ שוינ דערציילט, אז איכ האָב ליב מאָלנ אונ אז מײַנ ברודער עליע שלאָגט מיכ דערפאר. האָב איכ אנומלטנ אויסגעמאָלט א פוס. א מויועדיק גרויסנ פוס. מיט קרײַד אפ דער ערד האָב איכ אימ אויסגעמאָלט. האָט איר באדארפט זענ, וואָס ס'האָט זיכ געטאָנ! זי, בראָכע הייסט עס, האָט זיכ אָנגעטשעפּעט, אז דאָס האָב איכ אויסגעמאָלט איר פוס. פארוואָס עפּעס איר פוס? ווײַל קיינער האָט נישט אזעלכע גרויסע פיס, ווי בראָכע. קאלאָשנ טראָגט זי נומער דרײַצנ. איר זאָלט זענ א פּאָר קאלאָשנ!.. האָט זי מיר צוגעשטעלט א בענקעלע צו מײַנ ברודער עליע. האָט זיכ מײַנ ברודער עליע אפ מיר צעשריִענ, ווי געוויינטלעכ:

— מענטשעלעכ? האָסט זיכ שוינ ווידער גענומענ צו דײַנע אלטע שטיק, מאָלנ מענטשעלעכ?..

שוינ! פונ א פוס איז שוינ בא אימ געוואָרנ א מענטש! אונ פונ א מענטש — „מענטשעלעכ“!.. מע קאָנ פונ זיי מעשוגע ווערנ!.. איכ מוז מיכ מוידע זײַנ, אז וואָס ווײַטער ווערט בא מיר דאָס כאלאָס פונ מאָלנ מענטשעלעכ גרעסער אונ שטארקער. איכ האָב דערטאפּט א פארביק בלײַשטיפטל. מיר האָט דאָס אוועקגעשענקט אנ עמיגראנטס א יִינגל! אָט דער אייגענער, וואָס האָט מיר באוויזנ, וויאזוי מע שטעלט א „גובערנאַטאָר“, אונ אויסגעלערנט מיכ די קונצ פונ בויכריידערײַ. איכ האָב אײַכ שוינ דערציילט פונ אימ. ער הייסט אויכ מאָטל. רופנ מיר אימ מאָטל דער גרויסער, אונ מיכ רופט מענ מאָטל דער קליינער. מיר זײַנענ געוואָרנ כאווער גאָר אפ אנ אנדער אופנ! דערפאר, וואָס ער האָט מיר אוועקגעשענקט דאָס פארביקע בלײַשטיפטל, האָב איכ, פאָרנדיק אינ וואגאָנ, אימ אָפּגעמאָלט אפ פּאַפּיר, אינגאנצנ זײַנ געשטאלט מיט די געשוואָלענע באקנ. איכ האָב אימ באשוואָרנ, ער זאָל דאָס קיינעמ נישט ווײַזנ, וואָרעמ טאָמער דערוויסט זיכ מײַנ ברודער עליע, וועל איכ האָבנ א וויסטנ סאָפ. ווי מיינט איר? אוואדע האָט ער דאָס גלײַכ אָפּגעטראָגנ צו מײַנ ברודער

עליע און האָט אים געגעבן א טו א ווײַז דאָס געמאָלעכץ גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן.

— דאָס דאַרף זײַן מאָטלס אַרבעט! ווו איז ער ערגעץ דער מוגלעטש מיט די „מענטשעלעך“?

אזוי זאָגט מײַן ברודער עליע און זוכט מיך און קאָן מיך נישט געפינען. איך זיץ אונטער דער מאַמעס פּלייצעס און ווער שיר נישט דערשטיקט פאַר געלעכטער. קיין בעסערע אָרט אָפּ צו באַהאַלטן זיך, ווי בא דער מאַמען, איז נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט!

ב

דאַנקען גאָט, מיר זײַנען שוין אין אַנטווערפּן. מיר האָבן זיך גוט אָנגעהעצקעט, גענוג אויסגעריסן געוואָרן, אָבער מיר זײַנען גע-קומען! וואָס זאָל איך אײַך זאָגן — איז דאָס א שטאָט! דאָס הייסט, צו ווין קומט דאָס נישט. מע דאַרף זאָגן „לעהאַוודל“! וואָרעם ווין איז פיל גרעסער, און עפּשער שענער אויך. און מענטשן אויך מער. דערפאַר איז אָבער דאָ אין אַנטווערפּן ריין, אזוי ווי גאָלד. וואָס איז דאָס כידעש? אז די גאַסן וואַשט מען, די טראָטואַרן פּוצט מען, און די הײַזער צוואָגט מען. איך האָב אליין געזען, ווי מע צוואָגט זיי און מע זייפט זיי מיט זייף. דאָס הייסט, נישט אומעטום. לעמאָשל, דאָרט, אָפּ די אַכסאַניעס, ווו מיר שטייען מיט אלע עמיגראַנטן, איז אזוי ווי עס דאַרף צו זײַן. דאָס הייכט: בלאָטיק, און רויכיק, און נאַס, און גליטשיק, און ענג, און א יאַריד מיט א טומל מיט א האַר-מידער. פריילעכ. אויסגעצייכנט. אזוי ווי איך האָב ליב. אונדזער מעכוטן יוינע דער בעקער איז נאָך נישטאָ. אונדזער שכיינע פּעסיע מיט דער כאַליאַסטרע — אויך נישט. זיי פאָרן נאָך. שלעפּן זיך ערגעץ איבער דײַטשלאַנד. „דײַטשלאַנד איז סדוים“! אזוי זאָגן די עמיגראַנטן און דערציילן זיך אָן מוירעדיקע מײַסעס! אונדזער אומגליק מיטן בעטגעוואַנט, וואָס מע האָט בא אונדז אָוועקגעלאַקכנט אָפּ דער גרענעץ, איז א הונט אַקעגן די אומגליקן, וואָס מע הערט זיך אָן פון די עמיגראַנטן. מיר האָבן זיך באַקענט דאָ אָפּ דער סטאַנציע מיט א יידענע פון מעזשביזש, דאַפקע נישט קיין אַלמאָנע. זי האָט דאַפקע א מאַן, און דאַפקע אין אַמעריקע שוין. זי פאָרט אָט דאָס צו איר מאַן. שוין באַלד א יאָר, אז זי שלעפּט זיך מיט צוויי קינדער. זי איז אויסגעוועגן ווו די וועלט האָט אַן עק. נישטאָ איין שטאָט, זי זאָל דאָרט נישט זײַן. זי האָט זיך איבער-געקריגט מיט אלע קאָמיטעטן. קוים מיט צאָרעס האָט זי זיך פאָר-

שלעפּט אהער, קיין אנטווערפּן, און וויל זיך זעצן אפן שיף, לאָזט מען זי נישט. איר מיינט, זי האָט קאַליעדיקע אויגן? כאָלילע! געזונט און שטארק. נאָר זי איז א ביסל געדירט פונעם זינען. דאָס הייסט, אזוי, אז איר וועט מיט איר ריידן, רעדט זי אלצדינג, ווי א מענטש. נאָר אמאָל טוט זי אײַך א זאָג א וואָרט, קאָן מען בלײַבן אָן א בויך לאכנדיק. לעמאָשל, איר פרעגט בא איר: ווו איז אײַער מאן? זאָגט זי: אין אמעריקע. וואָס טוט ער דאָרטן? זאָגט זי: ער איז דאָרט קייסער... זאָגט איר דאָך איר: ווי קאָן א ייד זײַן א קייסער? ענטפערט זי אײַך, אז אין אמעריקע מעג מען... נו, האָט איר עפּעס צו איר?.. נאָך א זאך האָט זי זיך ארײַנגענומען אין קאָפּ ארײַן: זי עסט נישט! אונדז הייסט זי אויך נישט עסן. זי זאָגט אונדז אָן, מיר זאָלן זיך נישט צורירן צו קיין מילכיקס, מאכמעס דאָס מילכיקס איז דאָ פליישיק. פרעגט בא איר די מאמע: נו, און דאָס פלייש? זאָגט זי: דאָס פלייש איז דאָ ניט פליישיק, נישט מילכיק, נאָר פּארעווע... שיסן מיר ארויס א געלעכטער אלע. אלע, אויסער די מאמע. די מאמע וויל נישט לאכן, די מאמע וויל בעסער וויינען. זי זאָגט: „אז אָך און ווי איז צום געלעכטער!” — און זי צעוויינט זיך טאקע.

— שוין? האָסט שוין לאנג נישט געוויינט? דו ווילסט, אז פון אנטווערפּן שוין זאָל מען אונדז אָפּשיקן צוריק אהיים איבער דײַנע אויגן?..

אזוי זאָגט צו איר מײַן ברודער עליע — און בא דער מאמען ווערן אין איין מינוט די אויגן טרוקן. מער ווי אפ דער ייִדענע אליין האָט די מאמע ראכמאָנעס אפ אירע צוויי קינדער נעבעך. איך וויים נישט, וואָס די מאמע באוויינט אזוי די קינדער? די קינדער זײַנען, דאכט זיך, גאנץ פריילעך! אז זייער מאמע הייבט אָן ריידן נארישקײַטן, צעלאכן זיי זיך. איך האָב מיך מיט זיי גיך באקענט. זיי האָבן מיר דערציילט, אז מע שיקט זיי צוריק אהיים, נאָר זייער מוטער וויל נישט פאָרן. זי וויל קיין אמעריקע, צו זייער פאָטער, צום קייסער (כי-כי-כי!). נארט מען זי אָפּ און מע זאָגט איר, אז מע שיקט זי מיט דער באן קיין אמעריקע (כי-כי-כי!). מע האָט איר אײַנגערעדט, אז עס גייט א באן פון דאנען גלײַך קיין אמעריקע (כי-כי-כי!).

ג

די כידושים, וואָס מע זעט זיך אָן אין דעם אנטווערפּן. איז גאָר נישט צום באשרײַבן! אלע טאָג קומען צו נײַע פּארשוינען. צום מיינסטן, מיט קאליעדיקע אויגן. „טראכאָמעס” רופט מען דאָס.

אמעריקע לאָזט נישט אַרײַן קיין „טראַכאָמעס". איר מעגט אײַך האָבן טויזנט שלאַפּקײַטן, איך קאָנט אײַך זײַן קרום און שטום און וואָס איר ווילט, אַבי נישט קיין „טראַכאָמעס" אויף די אויגן. פֿונוואַנען נעמען זיך „טראַכאָמעס"! פֿון דעם, וואָס מע נעמט זיך אָן. אַמאָל מאַכט זיך, אַז מע ווייסט אַליין נישט, פֿונוואַנען עס האָט זיך גע־נומען. אַזוי האָב איך געהערט טאַקע דאָ אין אַנטווערפּן. פֿון אַ מיידל האָב איך עס געהערט. גאָלדעלע הייסט דאָס מיידל. זי איז אין מײַנע יאָרן, עפּשער עלטער פֿון מיר מיט אַ יאָר. מיט דער גאָלדעלע איז אַ שײנע געשיכטע. זאָל איך אײַך דערציילן? באַקענט האָב איך אים מיט איר אין דער „עזרע". נאָר איר ווייסט דאָך נישט וואָס איז „עזרע". דאַרף מען אײַך קלאָר מאַכן. די „עזרע" אין אַנטווערפּן איז דאָס אייגענע, וואָס דער „אַליאַנץ" אין ווין. געמאַכט געוואָרן פֿון אונדזוערטוועגן, פֿאַר די עמיגראַנטן. דער חילוק איז, וואָס דער „אַליאַנץ" איז אַ זאַכער און די „עזרע" אַ נעקייווע. איר הערט דאָך, אַז מע זאָגט דער אַליאַנץ, די עזרע. דאַרכט איר שוין אַליין פֿאַרשטיין דעם אונטערשייד... אַקלאַל, וויבאַלד מיר זײַנען אָנגע־קומען קיין אַנטווערפּן, זײַנען מיר געגאַנגען גלײַך אין דער „עזרע". די „עזרע" איז נישט דאָס, וואָס דער „אַליאַנץ". דער „אַליאַנץ" וואַרפֿט מענטשן, אַזוי ווי האָלעשקעס, און די „עזרע" טרײַבט אײַך נישט. איר קאָנט קומען צו איר ווען איר ווילט און קאָנט זיך אויסריידן פֿאַר איר דאָס האַרץ וויפֿל איר ווילט. אַלצדינג, וואָס איר רעדט, ווערט אַרײַנגעטראָגן אין אַ בוך. סע זיצט אַ מיידל, וואָס מע רופֿט זי פֿרײַלן זײַטשיק, און פֿאַרשרײַבט. זייער אַ ווויל מיידל. זי האָט מיך געפֿרעגט, וויאַזוי איך הייס, און האָט מיר געשענקט אַ צוקערקע. נאָר פֿון דער פֿרײַלן זײַטשיק וועל איך אײַך דערציילנאַן אַנדערש מאָל. איצט דאַרף איך אײַך זאָגן, ווער איז גאָלדעלע. זי איז פֿון קוטנע. געקומען איז זי אַהער פֿאַראַיאָרן מיט איר טאַטע־מאַמע, שוועס־טער און ברידער, סוקעס־צײַט איז דאָס געווען. האָבן זיי געהאַט, זאָגט זי, אַ יאָמטעוו — אויף אַלע ייִדן געזאָגט געוואָרן. דאָס הייסט, קיין גליקן האָבן זיי נישט געזוכט, און קיין האָניק האָבן זיי נישט געלעקט. געוואַלגערט זיך גלײַך מיט אַלע עמיגראַנטן. נאָר דערפֿאַר האָבן זיי געהאַט שיפֿסקאַרטן ביז אַמעריקע אויף דער גאַנצער מיש־פּאָכע, און אויסגעקליידט איז מען געווען ביגדיי־מאַלכעס[1]. אַלע האָבן געהאַט צו צוויי העמדער און גאַנצע שיך. הײַנט איז זי גע־

---

1 קייסערלעכע קליידער.

בליבן אינגאנצן מיט איין העמד און אָן שיך. ווען נישט דאָס פרײַלן זײַטשיק, זאָגט זי, וואָלט זי גאָר געגאנגען באָרוועס. דאָס פרײַלן זײַטשיק האָט איר אָוועקגעשענקט, זאָגט זי, א פּאָר שיך פון אירע אייגענע פיס. נאָך גאנץ גוטע שיך, אזוי האָט מיר דערציילט גאָל־דעלע און. האָט מיר באוויזן די שיך, וואָס דאָס פרײַלן זײַטשיק האָט איר אָוועקגעשענקט. גאנץ שיינע שיך, נאָר א ביסל צו גרויס אף איר... בעקיצער, ס'איז אָוועקגעגאנגען די ערשטע טעג סוקעס און סימכאס-טוירע, ס'איז געקומען די צײַט, וואָס מע דארף זיך זעצן אפן שיף. זאָגט מען צו זיי, אז זיי זאָלן זיך דורכגיין צום דאָקטער. זײַנען זיי געגאנגען צום דאָקטער. האָט זיי דער דאָקטער באטראכט און גע־פונען, אז זיי זײַנען אלע געזונט און שטארק און קענען פאָרן קיין אמע־ריקע. נאָר זי, גאָלדעלע הייסט עס, קען נישט פאָרן, ווײַל זי האָט „טראַ־כאָמעס" אף די אויגן. פריער האָבן זיי גאָר נישט פארשטאנען, מיט וואָס מען עסט דאָס. ערשט שפּעטער האָבן זיי דאָס רעכט צעקײַט. דאָס האָט געהייסן, אז אלע פאָרן אוועק קיין אמעריקע, נאָר זי, גאָלדעלע, בלײַבט איבער דאָ, אין אנטווערפּן. איז געוואָרן א געוויין, א יאָמער, א קלאָג. די מאמע האָט געכאלעשט דרײַ מאָל. דער טאטע האָט גע־וואָלט בלײַבן דאָ, האָט מען נישט געקאָנט. די גאנצע שיפסקארטע וואָלט געגאנגען פארלאָרן. איז געבליבן, אז זיי פאָרן אוועק קיין אמעריקע, און זי, גאָלדעלע, בלײַבט איבער דאָ, ביז עס וועלן זיך אויסשטיין די „טראכאָמעס" פון אירע אויגן... און אָט אזוי, שוין באלד א יאָר, אז זי היילט זיך און האָט זיך נאָך נישט אויסגע־היילט. דאָס פרײַלן זײַטשיק זאָגט, אז דערפאר היילן זיך נישט אויס אירע אויגן, ווײַל זי וויינט קעסיידער. נאָר זי, גאָלדעלע, זאָגט, אז איבער אן אנדער זאך היילן זיך איר נישט אויס די אויגן. איבערן בלוישטיין! אלעמאָל, ווען זי קומט צום דאָקטער, שמירט ער איר די אויגן, זאָגט זי, מיטן זעלבן בלוישטיין, וואָס ער שמירט אלע איבעריקע קראנקע. ווען זי, גאָלדעלע, פארמאָגט צו קויפן אן אייגע־נעם בלוישטיין, וואָלט זי זיך שוין לאנג, זאָגט זי, אויסגעהיילט.

— נו, און דײַנע טאטע-מאמע? — פרעג איך זי.

— זײַנען אין אמעריקע. זיי מאכן דאָרט א לעבן. איך האָב פון זיי בריוו. אלע כוידעש קימאט האָב איך פון זיי א בריוול. נא זע, קענסט לייענען? לייען מיר!

און זי נעמט ארויס פון בוזעם א גאנצן פּאק מיט בריוולעך און גיט מיר, איך זאָל זיי איר לייענען הויך אף א קאָל. איך וואָלט דאָס איר געוויס געטאָן. קען איך אָבער נישט לייענען קיין געשריבע־

נעס. ס'זאָל זײַנ געדרוקט וואָלט איכ עס געלײענט. לאַכט זי פונ מיר אונ זאָגט, אז א ייִנגל איז נישט קײנ בײדל. א ייִנגל דארפ קענענ אלצ אפ דער וועלט! איכ האָב מוירע, אז זי איז גערעכט. אײַ, וואָלט איכ א באלנ זײַנ קענענ לײענענ געשריבענעכ! אײַ, בינ איכ מעקאנע מײַנ כאוועד מאָטל דעמ גרויכנ, וואָס ער קענ לײענענ אונ שרײַבנ (איכ האָב אײַכ שוינ דערצײלט פונ אימ)! האָט אימ גאָלדעלע געגעבנ איבערלײענענ די בריוולעכ, וואָס מע שרײַבט איר פונ אמעריקע. האָט זיי מאָטל דער גרויסער געלײענט ווי א וואסער. די בריוולעכ זײַנענ קימאט אלע געשריבנ מיט אײנ לאָשנ אונ מיט די זעלביקע ווערטער:

„טײַערע גאָלדעלע, הארציקע גאָלדעלע, לעבנ זאָלסטו! אז מיר דערמאָנענ זיכ דאָ, אינ דעמ אמעריקע, אז אונדזער קינד האָט מענ ארויסגעריסנ פונ אונדזערע הענט אונ דו וואלגערסט זיכ דאָרטנ אינ דער פרעמד צווישנ אומבאקאנטע מענטשנ, גײט אונדז נישט אײַנ דאָ דער ביסנ. טאָג ווי נאכט טוענ מיר דאָ קלאָגנ אונ וויינענ אפ אונדזער ליכטיקנ שטערנ, וואָס איז צוגענומענ געוואָרנ פונ אונדזערע אויגנ...‟ אונ אזוי ווײַטער.

מאָטל דער גרויכער לײענט אונ לײענט, אונ גאָלדעלע וויינט, ווישט זיכ די אויגנ. דערזעט דאָס פרײַלנ זײַטשיק, הײבט זי אָנ זיכ בײזערנ אפ אונדז, וואָס מיר מאכנ זי וויינענדיק. אונ צו גאָלדעלענ זאָגט זי, אז זי האָט קײנ ראכמאָנעס נישט אפ זיכ אלײנ. זי מאכט זיכ א מעל פונ דעמ איבעריקנ בינכל אויגנ! ענטפערט איר דערופ גאָלדעלע מיט א געלעכטער, אונ טרערנ גיסנ זיכ איר פונ די אויגנ:

— א טעל פונ די אויגנ מאכט מיר דער דאָקטער מיט זײַנ בלוישטיינ, ערגער ווי איכ מיט מײַנ געוויינ...

מיר געזעגענענ זיכ מיט גאָלדעלענ, אונ איכ זאָג איר צו, אז מאָרגנ אינ דער צײַט וועלנ מיר זיכ דאָ ווידעראמאָל זענ.

— אימירצעשעמ! — ענטפערט גאָלדעלע מיט א פרומ פּאָנעמ, ווי אנ אלטע. אונ מיר בײדע, מאָטל דער קלײנער אונ מאָטל דער גרויסער, לאָזנ זיכ גײנ שפּאצירנ איבער אנטווערפּנ.

ד

מיר, דאָס הײסט, איכ, מאָטל דער קלײנער, אונ מײַנ כאוועד מאָטל דער גרויסער, זײַנענ נישט אלײנ. מיר האָבנ דאָ נאָכ א כאווער. ער איז א ייִנגל פונ א יאָר דרײַצנ אונ הײסט מענדל. ער איז אויכ פארבליבנ אינ אנטווערפּנ, פאָרנדיק קײנ אמעריקע. נישט

איבער די אויגנ, נאָר איבער אנ אנדער זאכ. אימ האָט מענ פאַר-
לאָרנ אפנ וועג, ערגעצ אינ דײַטשלאנד. א גאנצ וועג, דערציילט ער,
האָבנ זיי זיכ דערהאלטנ די נעשאָמע נאָר מיט הערינג. האָט אימ גע-
ברענט אפנ הארצנ. האָט ער זיכ אראָפּגעכאפּט אפּ א סטאַנציע כאפּנ
א טרונק וואסער אונ איז געבליבנ שטעקנ אָנ א בילעט אונ אָנ א
קאָפּעקע געלט אונ אָנ א העמד אפנ לײַב. אונ מאכמעס ער האָט
נישט געקענט זייער שפּראכ, האָט ער זיכ פאַרשטעלט פאַר א שטו-
מענ. האָט מענ אימ אויסגעפירט ווו די וועלט האָט אנ עק, ביז ער האָט
דערזענ א פּארטיע עמיגראנטנ, ייִדנ. איז ער צוגעגאנגענ צו זיי אונ
האָט זיי דערציילט די גאנצע מײַסע. האָבנ זיי אפּ אימ ראכמאָנעס
געהאט אונ האָבנ אימ גענומענ מיט זיכ אונ געבראַכט צו פירנ אהער,
קיינ אנטווערפּנ. דאָ האָט ער זיכ דערשלאָגנ צו דער „עזרע”. האָט
די „עזרע” אוועקגעשריבנ א בריוו קיינ אמעריקע, טאָמער וועט מענ
אופזוכנ זײַנע עלטערנ. ווארט ער דאָס אפּ אנ ענטפער אונ אפּ א
שיפסקארטע. דאָס הייסט, אפּ א האלבע שיפסקארטע, מאַכמעס ער
איז נאָכ א קליינער. דאָס הייסט, ער איז נישט אזוי קליינ, ווי ער
האלט זיכ קליינ. ס'איז א כוואָרע, אז ער איז שוינ בארמיצווע, כאָטש
קיינ טפילנ לייגט ער נישט. ער האָט נישט. זײַנע געוואָר געוואָרנ
עמיגראנטנ, אז מענדל איז א בארמיצווע-באָכער׳ל אונ האָט נישט קיינ
טפילנ, איז געוואָרנ א גוואלד: פּארוואָס זעט מענ אימ נישט קיינ טפילנ?
זאָגט מענדל: „פּארוואָס זעט מענ מיר נישט קיינ שטיוול?”... רופט זיכ
אָנ צו אימ איינער אנ עמיגראנט מיט שארפע אויגנ: „א דו, שייגעצ!
נישט גענוג מע זאָרגט זיכ פאַר דיר, ביסטו נאָכ אנ אזעס-פּאָנעמ?”...
דער עמיגראנט מיט די שארפע אויגנ האָט אזוי לאנג געארבעט, ביז
די איבעריקע עמיגראנטנ האָבנ זיכ צונויפגעלייגט אונ האָבנ אימ גע-
קויפט א פאָר טפילנ, אלצדינג איז צו קריגנ אינ דעמ אנטווערפּנ.
עפשער מיינט איר, ס'איז נישטאָ קיינ באָטעמעדראָשימ מיט קיינ שולנ?
אָהאָ, נאָכ וואָסערע שולנ! איינ שול איז דאָ א טערקישע. איר מיינט,
דאָרטנ דאוונענ טערקנ? ניינ! דאָרטנ דאוונענ ייִדנ, די אייגענע ייִדנ,
וואָס מיר, נאָר אפּ טערקיש. דאָס הייסט, פאַרקערט. מע פאַרשטייט
נישט איינ וואָרט! געפירט האָט אונדז אהינצו אונדזער נײַער כאווער
מענדל. מיר אלע דרײַ, איכ אונ מאָטל דער גרויסער אונ מענדל,
זײַנענ געוואָרנ כאווער. גאנצע טעג גייענ מיר ארומ איבער דער
שטאָט. דאָרט, אינ בראָד, אינ קראָקע מיט לעמבערג, אָדער אינ וויננ,
פלעגט מיכ די מאמע מוירע האָבנ אָפּלאָזנ פונ זיכ אפּ א טריט. דאָ
אינ אנטווערפּנ האָט זי קיינ מוירע נישט. דאָרט, זאָגט זי, זײַנענ

סאַמע דײַטשן, און דאָ, אין אַנטווערפּן, זײַנען מיר, זאָגט זי, צווישן מענטשן, צווישן אייגענע. מע הערט ריידן אַ יידיש וואָרט. דאָס מיינט זי די עמיגראַנטן. לעבן זאָלן די עמיגראַנטן! צווישן עמיגראַנטן פילן מיר זיך טאַקע היימיש. אוביפּראַט צווישן אייגענע! אָט באַלד וועלן מיר האָבן געסט. אימירצעשעם, נאָך שאַבעס קומט אונדזער מעכוטן, יוינע דער בעקער, מיט זײַן הויזגעזינד. מיר וואַרטן, הײַנט-מאָרגן זאָל קומען אונדזער שכיינע פּעסיע מיט איר כאַליאַסטרע. אָט דאָ וועט ערשט ווערן אַ סימכע. איך וועל אײַך, אימירצעשעם, באַ-שרײַבן אַלצדינג.

XIX

די כאַליאַסטרע

א

איר ווײַסט דאָך שוין באַקאַנט מיט דער כאַליאַסטרע. דאָס איז אונדזער שכיינע פּעסיע מיט איר מאַן דעם אײַנבינדער (ער הייסט מוישע), מיט זייערע אַכט קינדערלעך, וואָס יעדער האָט באַ זיי, ווי איך האָב אײַך שוין אַמאָל דערציילט, אַן אַנדער צונעמעניש. דער קלענערער פון אַלע איז אין מײַנע יאָרן (ניין, דאָס צענטע). מע רופט אים „וואַשטי". דאָס הייסט, דער עמעסער נאָמען זײַנער איז הערשל, נאָר מאַכמעס ער האָט אַ גאָליע אָפּן שטערן, האָבן אים די עלטערע אַ נאָמען געגעבן „וואַשטי". איך האַלט פון „וואַשטין". איך האָב אים ליב דערפאַר, וואָס ער וויינט נישט. וויפל איר זאָלט אים ניט שלאָגן, נעמט ער צו ווי אַ שוואָם. עס נעמט אים נישט קיין קויל. איינמאָל האָט ער צעריסן אַ פרעמדן סידער, האָט אים זײַן טאַטע, מוישע דער אײַנבינדער, געשלאָגן מיטן ברעטל, וואָס מע שנײַדט אָפּ דעם פּאַפּיר. „וואַשטי" האָט נאָך דעם גוט געקרעכצט צוויי טאָג קעסיידער. איר קאָנט פאַרשטיין, אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון בולקע. מע האָט שוין נישט געהאַלטן פון זײַן לעבן. די מאַמע זײַנע, אונדזער שכיי-נע פּעסיע, האָט אים שוין באַוויינט, און דער פאָטער איז אַרומגע-גאַנגען אָן אַ קאָפּ. אַלע האָבן געמיינט, אַז ס'איז אַן עק, אויס „וואַשטי"! צום סאָף — גאָרנישט. אָפּן דריטן טאָג האָט „וואַשטי" גע-בעטן ברויט און געגעסן ווי נאָך אַ טאָנעס. עסן האָבן זיי ליב אַלע, זיי האַלטן פון דער אַכילע. „די הונגעריקע טערעדע" — אַזוי רופט זיי די מוטער אַליין, פּעסיע הייסט עס. פּעסיע איז אַ יידענע ווייער

אַ ווײַלע, נאָר אַ ביסל צו דיק. זי האָט דרײַ גוידערס. איכ האָב זי שוינ עטלעכע מאָל אראָפּגעכאַפּט אַפ פּאַפּיר. האָט איינמאָל דערזענ „וואַשטי״, האָט ער אַרויסגעכאַפּט בא מיר דאָס געמאָלעכץ אונ האָט דאָס באַוויזנ אַפ אַ ציקאַווּעסט דער מאַמע זײַנער. האָט זי געלאַכט. איז געוואָר געוואָרנ מײַנ ברודער עליע, האָט ער מיר געוואָלט אײַנ־טיילנ פאַר די „מענטשעלעכ״, ווי זײַנ שטייגער איז. אַ גליק, וואָס פּעסיע אַליינ האָט זיכ אײַנגעשטעלט פאַר מיר. „אַ קינד, זאָגט זי, מאַכט זיכ נאַריש, נישט קעדײַ זיכ צופּעסנ דאָס הארץ״. לאַנג לעבנ זאָל זי, פּעסיע. איכ האָב זי ליב. איכ האָב נאָר פײַנט, אַז זי קושט זיכ. אַז זי איז געקומענ קיינ אַנטווערפּנ, האָט זי מיכ אַרומגעכאַפּט קושנ, ווי אַנ אייגנ קינד. מיט אַלעמענ האָט זי זיכ געקושט. מער פונ אַלע, געוויינטלעכ, מיט דער מאַמע. די מאַמע, אַז זי האָט זי דערזענ, איז גלײַכ ווי דעמ טאַטנ פונ יענער וועלט: זי האָט זיכ אַזוי צעוויינט, אַז מײַנ ברודער עליע איז אָנגעפאַלנ אַפ פּעסיענ, אַז איבער איר מאַכט די מאַמע אַ טעל פונ די זויגנ אונ קאָנ נישט גיינ צומ דאָקטער... גיינ צומ דאָקטער — דאָס מוז יעדער, ווער עס קומט אהער קיינ אַנטווערפּנ. דאָס ערשטע, וואָס איינער פרעגט באַמ אַנדערנ, איז: „זײַט איר שוינ געווענ באַמ דאָקטער?״... „וואָס האָט אײַכ געזאָגט דער דאָקטער?״... אַפּילע די „עזרע״, אַז מע קומט צו איר צו גיינ, שיקט זי באַלד אַפ צומ דאָקטער. אַז מיר זײַנענ געקומענ אַהינ דאָס ערשטע מאָל, האָט די מאַמע נאָרוואָס געוואָלט אָנהייבנ דער־ציילנ די מײַסע: וויאַזוי איר מאַנ איז געווענ קאָל יאָמאָוו אַ כאַזנ אינ דער קאַצאָווישער שול... וויאַזוי ער האָט זיכ פאַרקילט אונ קראַנק געוואָרנ... וויאַזוי זי האָט זיכ צעצדינג פאַרקויכט, אַבי ראַטעווענ דעמ טאַטנ... וויאַזוי דער טאַטע איז געשטאָרבנ אונ זי איז געבליבנ אַנ אַלמאָנע מיט צוויי קינדער יעסוימימ... איינעמ האָט זי, באָרעכאַשעמ, כאַסענע געמאַכט, אַרײַנגעגעבנ אינ אַ שמאַלצ־גרוב... די שמאַלצ איז אויסגערונענ, די גרוב איז געבליבנ... נאָכדעמ, וויאַזוי מיר האָבנ פאַרקויפט דאָס לעצטע שטיקל כיעס, אונדזער האַלבע שטוב, אונ געלאָזט זיכ קיינ אַמעריקע... נאָכדעמ, וויאַזוי מיר האָבנ געגאַנוועט די גרענעצ הינטער בראָד, שיר נישט געהאַרגעט געוואָרנ אינ אַ פינצטערער נאַכט, אונ האָבנ פאַר־לאָרנ דאָס גאַנצע ביסל גוטס, דאָס בעטגעוואַנט — וואָס וועלנ מיר טאָנ איצט אָנ בעטגעוואַנט אינ אַזאַ ווײַט לאַנד?.

אַזוי טײַנעט די מאַמע פאַר דער „עזרע״, אונ די „עזרע״ הערט, אונ דאָס מיידל, וואָס זיצט באַמ טיש (פרײַלנ זײַטשיק הייסט דאָס מיידל), פאַרשרײַבט איטלעכס וואָרט, וואָס די מאַמע זאָגט, אינ אַ

בוך אריַין. די מאמע האָט נאָך צו דערציילן און צו דערציילן, רופט זיך אָן צו איר איינער פון דער „עזרע":

— אלזאָ, פאָרט איר קיין אמעריקע?

זאָגן מיר:

— פארשטייט זיך, נישט קיין יעהופּעץ, קיין אמעריקע.

רופט זיך אָן צו אונדז יענער, וואָס פון דער „עזרע":

— זייַט איר שוין געווען באַם דאָקטער?

זאָגן מיר:

— וואָסער דאָקטער?

רופט זיך אָן צו אונדז יענער, וואָס פון דער „עזרע":

— אָט האָט איר אַן אדרעס. גייט זי דורך, ריישיס־כאָכמע[1], צום דאָקטער, וועט ער באטראכטן אַייערע אויגן.

דערהערט דאָס וואָרט „אויגן", טוט מַיַין ברודער עליע א קוק אף דער מאמען און ווערט טויט ווי די וואנט...

וואָס האָט ער זיך אזוי דערשראָקן?..

ב

שוין, דאנקען גאָט. מיר זייַנען שוין אלע געווען באַם דאָקטער, נאָר די מאמע נאָך נישט. די מאמע וועט זיַין שפּעטער. מיַין ברודער עליע האָט מוירע. זי האָט די לעצטע צייַט צופיל געוויינט... דער דאָקטער האָט אונדז אריַינגעקוקט אין די אויגן אריַין און אָנגעשריבן אונדז עפּעס אַף א פּאפּיר און פארכאסמעט אין א קאָנווערט. האָבן מיר זיך טכילעס זייער דערשראָקן. מיר האָבן געמיינט, אז דאָס האָט ער אונדז פארשריבן א רעפּוּע צו די אויגן. פרעגן מיר אים: וואָס האָט ער אונדז פארשריבן? וויַזט ער אונדז מיט דער האנט אף דער טיר. שטויסן מיר זיך, אז מע הייסט אונדז גיין... קומען מיר צו דער „עזרע" און וויַזן איר דאָס געשריבּס פונעם דאָקטער. נעמט דאָס מיידל (פרַיילן זייַטשיק) און עפנט אוף דאָס קאָנווערטל און לייענט איבער און מאכט צו אונדז:

— איך קאָן אַייך אָנזאָגן א בסורע: דער דאָקטער זאָגט, אז איר האָט געזונטע אויגן.

אוואדע איז דאָס פאר אונדז א בסורע! וואָס טוט מען אָבער מיט דער מאמע? זי הערט נישט אוף צו וויינען. טענען מיר מיט איר:

— וואָס טוסטו? טאָמער כאָלילע וועט דער דאָקטער פארבראקעווען דיר די אויגן?

[1] געמיינט: פריער פון אלץ.

— הערסטו? אָט דאָס ווייִנ איכ דאָכ!..

אזוי ענטפּערט די מאַמע און לייגט צו צו די אויגנ א פּלעסטערל. דאָס פּלעסטערל האָט איר געגעבנ אנ עמיגראַנט א פעלדשער. ער איז זייער נישט קיינ שיינער. ער האָט מעשונע-מאָדנע ציינ, נאָר ער באָכערט זיכ. ער טראָגט א מעשענעמ זייגער מ׳ט א זילבערנער קייט מ׳ט א דוקער, אונ א גאָלדנ רינגל אפ דער האַנט. ער הייסט נישט קיינ שיינעמ נאָמענ: „ביבער!״ געקומענ א׳ז ער אהער קיינ אנטוועריפּנ מיט דער כאָליאַסטרע. אפנ וועג האָט ער זיכ מיט זיי באַקענט. זיי האָבנ איינעמ געגאַנוועט די גרענעצ. קיינ ניסימ וועניפלאָעס, ווי מיט אונדז, האָט זיכ זיי נישט געטראָפנ. האַרגענענ האָט מענ זיי נישט געוואָלט, קיינ בעטגעוואַנט האָט מענ בא זיי נישט צוגענומענ, נאָר זיי זײַנענ גלאַט אזוי פּאַרשוואַרצט געוואָרנ, זיי האָבנ געהאַט, זאָגנ זיי, צו זינגענ אונ צו זאָגנ. זיי זײַנענ דורכגעגאַנגענ, זאָגנ זיי, א שוויצ-באָד אינ האַמבורג. וואָס זיי דערציילנ זיכ אָנ פונ דעמ האַמבורג! די האָר שטעלנ זיכ קאַפּויר! סדומ איז א הונט אקעגנ האַמבורג! מע באַגייט זיכ דאָרטנ, זאָגנ זיי, מיט די עמיגראַנטנ א סאַכ ערגער ווי בא אונדז מיט אַרעסטאַנטנ. ווענ נישט אָט דער פעלד-שער (ביבער), וואָלטנ זיי דאָרטנ אומגעקומענ. ער איז זיי געשטאַ-נענ אינ זייערע נויטנ. ער, ביבער, איז א גרויסער אַזעס-פּאָנעמ. ער דערציילט, וויאַזוי ער האָט זיכ גערעכנט מיט די דײַטשנ, איז א שרעק! ער האָט זיכ, זאָגט ער, אויסגעשמועסט מיט זיי דאַפקע אפ רוסיש. רוסיש, זאָגט ער, קענ ער גוט. א סוואָרע, אז נאָכ בעסער פונ אונדזער פּיניענ. פּיניע דרינגט, אז אַלצדינג, וואָס דער ביבער דערציילט אונדז, וואָלט געווענ זייער שיינ, ווענ ס׳זאָל זײַנ עמעס. אונדזער כאַווער פּיניע האָט פונ דער ערשטער מינוט אָנ געוואָרפנ אנ אומכיינ אפ דעמ פעלדשער ביבער. ער האָט געמאַכט אפ אימ א לידל. אז פּיניע האָט נישט ליב א מענטשנ, מאַכט ער אפ אימ א לידל. אויב איר ווילט, קאָנ איכ אײַכ עס איבערזאָגנ:

אונדזער פעלדשער ביבער
איז א גרויסער גיבער
אַז דערציילנ זאַכנ.
ס׳קאָנ זיכ אַמאָל מאַכנ
(פּופּציק מאָל א טאָג),
טוט ער זיכ א זאָג
א גרויסנ ליגנ
פונ דערעכ-שאָלעמ וועגנ.

ג

ביבער, אָט דער פעלדשער, וואָס איך דערצייל אײַך, האָט זיך אונטערגענומען צורעכט מאכן דער מאמע די אויגן. ער זאָגט, אַז קיין דאָקטער אין דער וועלט וועט נישט געפינען אַף זיי קיין כיסאָרן. ערשטנס, ווייסט ער די קונץ נאָך פון דער היים. ער איז אַ פעלדשער, און אַ פעלדשער איז דאָך אַ האַלבער דאָקטער. און כוצלאָזע[1], איז ער געווען אין „דײַטשלאַנד" און האָט זיך צוגעקוקט, וואָס מע טוט די עמיגראַנטן, זיי זאָלן האָבן געזונטע אויגן. ער זאָגט, אַז מע מאַכט מאַמעש פון בלינד זעענדיק. פרעגט אים פיניע: „עפּשער פאַרקערט?"... ווערט ער אין קאַס (ביבער איז אַ גרויסער קײַסן). ער שיט אָפּ פיניען מיט ווערטער. ער זאָגט, אַז ער איז אַ צו גרויסער כאָכעם! צו קלוג פאַר אַמעריקע! אין אַמעריקע זאָגט ער, האָט מען פײַנט כיטראַקעס! אַמעריקע איז אַ לאַנד, וווּ מע ווייסט נישט פון קיין כאָכמעס. אין אַמעריקע איז געזאָגט — געמיינט, געמיינט — געזאָגט. אין אַמעריקע איז אַ וואָרט אַ וואָרט. אַמעריקע איז, זאָגט ער, געבויט אַף עמעס, און אַף יוישער, און אַף גערעכטיקייט, אין אַף קאָוועד, און אַף ערלעכקייט, און אַף סאָוועסט, און אַף מענטשלעכקייט, און אַף נעמאָנעס, און אַף ראַכמאָנעס... פרעגט אים פיניע: „און אַף וואָס נאָך?"... ווערט ביבער נאָך מער אין קאַס! אַן אַווירע, וואָס מע האָט זיי איבערגעשלאָגן סאַמע אינמיטן שמועס! מען איז אונדז געקומען זאָגן, אַז עמעצער פרעגט זיך נאָך אַף אונדז אין דרויסן. ווער קאָן עס זײַן? מיר גייען אַרויס — געסט! געסט! געסט! אונדזערע מעכוטאָנים זײַנען געקומען! יוינע דער בעקער מיט דער גאַנצער מישפּאָכע. אַ נײַע כאַליאַסטרע! ווידעראַמאָל אַ געדולע: מײַן שוועגערן בראָכע קושט זיך מיט טאַטע-מאַמע, מײַן ברודער עליע קושט זיך מיט זײַן שווער און מיט די שוואָגערס. אַף אים קוקנדיק, כאַפּט זיך פיניע אויך קושן מיט אונדזערע מעכוטאָנים, און אַף אים קוקנדיק, קושט זיך מיט זיי דער פעלדשער אויך. פרעגן זיי: ווער איז דאָס? זאָגט ער: איך בין ביבער. שיסט אויס פיניע אַ געלעכטער... און די מאַמע מײַנע? די מאַמע טוט זיך אירס: זי וויינט!.. מײַן ברודער עליע עקט זיך. ער קוקט אַף איר און צופּט זיך באַם בערדל. ער קאָן איר אָבער איצטער גאָרנישט זאָגן: ס'איז דאָך אייגענע, נישט קיין פרעמדע, מעכוטאָנים, און פון איין שטאָט. פאַרוואָס זאָל מען זי נישט לאָזן אַ ביסל זיך אויסוויינען?..

1 אויסער דעם.

— וויאַזוי האָט איר געגאַנוועט די גרענעץ, און ווו האָט מען אײַך באַנומען?..

דאָס איז געווען דאָס ערשטע, וואָס מיר האָבן געפרעגט בא אונדזערע מעכוטאָנים. און אונדזערע מעכוטאָנים האָבן פון דעם צו דערציילן גאַנצע פעק! מיר קריכן אָבער נישט אין קאָפּ אַרײַן זייערע מײַסעס. איך האָב מיך פאַרקליבן אין א ווינקעלע מיט מײַן שוועגערנס א שוועסטערל. איך האָב אײַך אַמאָל דערציילט פון איר. זי הייסט אַלטע און טראָגט צוויי צעפּלעך פון אונטן צונויפגעדרייט, ווי א בייגל. איר דאַרפט געדענקען, אַז מע האָט זי מיר אַמאָל געפרעדט פאַר א קאַלע (בא מײַן ברודער עליע אָפּ דער כאַסענע). דעמאָלט איז זי אַלט געווען נײַן יאָר. איצט איז זי שוין אַלט צען, דאָס עלפטע. אין איינע יאָרן מיט גאָלדעלען, מיט דעם מיידל, וואָס איז נעבעך געבליבן זיצן אין אַנטלויפן איבער די אויגן. איך דערצייל אַלטען פון גאָלדעלען, און פון אירע קראַנקע אויגן נעבעך, און פון מײַן כאַוועך מאָטל דעם גרויסן, און פון מײַן כאַוועך מענדלען, און פון דער „עזרע", און פון דעם פּרײַלן זײַטשיק, וואָס שרײַבט אין א בוך, און פונעם דאָקטער, וואָס קוקט אין די אויגן. און פון ווין דערצייל איך איר, פונעם „אַליאַנץ", וואָס האָט פּײַנט א ייִדן, און פון קראָקע מיט לעמבערג דערצייל איך איר. און פון דער גרענעץ, וויאַזוי מיר האָבן געגאַנוועט און וויאַזוי מיר זײַנען קוים אַרויס מיטן לעבן. איך לאָז נישט דורך קיין זאַך. אַלטע הערט מיך אויס מיט גרויסע אויגן. נאָכדעם דערציילט זי מיר, וואָס זיי האָבן געהאַט. וויאַזוי דער טאַטע האָט שוין לאַנג געוואָלט פאָרן קיין אַמעריקע, האָט איר מאַמע נישט געוואָלט. און נישט אַזוי די מאַמע, ווי די מישפּאָכע. די מישפּאָכע זאָגט, אַז אין אַמעריקע דאַרף מען האָרעווען, און איר מאַמע איז דערצו נישט געוווינט געוואָרן. איר מאַמע האָט א רעטאָנדע. די רעטאָנדע האָט איר דער טאַטע געמאַכט נאָך אין די גוטע יאָרן, אַז זיי האָבן נאָך געהאַט א סאַך געלט. איצט, אַז ס'איז זיי געוואָרן שלעכט און די באַל-כויוועס האָבן אָנגעהויבן צו דעקוטשען, איז געבליבן, מע זאָל פאַרקויפן אַלצדינג און פאָרן קיין אַמעריקע. אַז ס'איז געקומען צו דער רעטאָנדע, מע זאָל פאַרקויפן די רעטאָנדע, זאָגט די מאַמע: אַלצדינג וועט זי פאַרקויפן, נאָר נישט די רעטאָנדע. פרעגט זי דער טאַטע: אָפּ וואָס דאַרפסטו די רעטאָנדע? אין אַמעריקע דאַרף מען נישט קיין רעטאָנדע! זאָגט אים די מאַמע: וואָס הייסט, אָפּ וואָס דאַרף איך די רעטאָנדע? וויפל יאָר האָב איך, זאָגט זי, געבעטן גאָט, איך זאָל מיך דערשלאָגן צו א

רעטאָנדע, קוים דערלעבט א רעטאָנדע, זאָל איך איצט נעמען און פאַרקויפן די רעטאָנדע? כאָג ווי נאַכט האָט מען געהערט בא אונדז נאָר רעטאָנדע און רעטאָנדע! די גאַנצע מישפּאָכע (פון דער מאַמעס צאַד) זײַנען זיך צונויפגעקומען. מע האָט זיך געקריגט און געזידלט. עס האָט שוין געהאַלטן קימאַט באַם צעגיין זיך, דאָס הייסט, דער טאַטע זאָל זיך געטן מיט דער מאַמע, אַלץ איבער דער רעטאָנדע. ווער האָט אויסגעפירט? געוויינטלעך, די מאַמע! מע האָט די רעטאָנדע נישט פאַרקויפט! מע האָט מיטגענומען די רעטאָנדע, אײַנגעפּאַקעוועט די רעטאָנדע באַזונדער אין א פּעקל, און ביז מיר זײַנען געקו-מען צו דער גרענעץ, איז שוין נישט געווען קיין רעטאָנדע...

אַזוי דערציילט מיר אַלטע, און ווײַטער וויל איך שוין נישט הערן. מיר איז נאָר געגאַנגען צו וויסן, אויב ס'איז נאָך דאָ א רע-טאָנדע? דערהערט, אַז ס'איז שוין נישטאָ קיין רעטאָנדע, בין איך צופרידן. איך נעם אַלטען און גיי מיט איר שפּאַצירן. איך באַווײַז איר די שטאָט אַנטווערפּן. זי ווערט נישט ניספּאָעל. זי האָט, זאָגט זי, געזען גרעסערע שטעט, וואָס זאָגט איר אַפּ איר טאַטן? איך פיר זי אַפּ די סטאַנציעס, ווו סע שטייען עמיגראַנטן. איך מאַך זי באַ-קאַנט מיט מײַנע כאַווייריִם. אַלטע ווערט נישט ניספּאָעל פון קיין זאַך. זי האַלט זיך גרויס. זי איז א גאַדלענטע. זי איז פון טאָמיד אָן אַזוי... שפּעטער גייען מיר אַלע אינאיינעם, אונדזער כאַליאַסטרע און זייער כאַליאַסטרע, אין דער „עזרע". דאָרט באַגעגענען מיר זיך מיט אונ-דזער שכיינע פּעסיע און מיט איר כאַליאַסטרע. אויך גאָלדעלען זעען מיר דאָרטן. גאָלדעלע וויל זיך באַקענען נעענטער מיט אַלטען. אַלטע האַלט זיך מיט איר פונדערווײַטן. גאָלדעלע פירט מיך אָפּ אַפּ א זײַט און פרעגט מיך, וואָס איז מיט דעם מיידל אַזוי דער יײַכעס, וואָס סע שטייט איר נישט אָן מיט איר צו ריידן? דערצייל איך איר, אַז מע האָט מיר פאַראיאָרן בא מײַן ברודער עליע אַפּ דער כאַסענע גערעדט אַלטען פאַר א קאַלע. ווערט זי רויט, אַזוי ווי פײַער, און קערעוועט זיך אָפּ אַפּ א זײַט און ווישט זיך די אויגן...

ד

וואָס זאָגט איר אַפּ דעם אומגליק, וואָס אונדז האָט געטראָפן? מיר זײַנען געווען מיט דער מאַמע באַם דאָקטער, ער זאָל איר באַטראַכטן די אויגן. האָט ער איר באַטראַכט די אויגן און נישט געזאָגט גאָרנישט. ער האָט נאָר אָנגעשריבן א צעטעלע און אַרײַנגעלייגט אין א קאָנווערט. האָבן מיר דעם קאָנווערט אַוועקגעטראָגן צו דער „עזרע". געקומען צו דער

„עזרע", האָבנ מיר דאָרט נישט געטראָפנ קיינעמ נאָכ, נאָר איינ פרײַלנ זײַטשיק, אָט די, וואָס זי פאַרשרײַבט אלע עמיגראַנטנ אינ בוכ ארײַנ. האָט זי מיכ באַגעגנט מיט א געלעכטער. טאָמיד לאַכט זי, ווענ זי זעט מיכ. אלעמאָל גיט זי מיר איבער א גרוס פונ גאָלדעלענ אונ לאַכט. עפנט זי אופ דאָס קאָנווערטל, טוט א קוק אינ צעטל ארײַנ אונ הערט אופ צו לאַכנ אונ פאַרברעכט די הענט. פרעגט בא איר די מאַמע: וואָס הערט זיכ? זאָגט זי: וואָס זאָל זיכ הערנ, מײַנ ליבע יידענע? ס'איז שלעכט! דער דאָקטער זאָגט, אַז איר קאָנט נישט פאָרנ קיינ אמעריקע... מײַנ שווּעגערנ בראָכע, ווייכט איר דאָכ, האָט א טעווע פונ כאַלעשנ, איז זי באַלד געפאַלנ כאַלאָשעס. מײַנ ברודער עליע איז געבליבנ שטיינ אָנ א טראָפנ בלוט אינ פּאָנעמ. די מאַמע אליינ איז געבליבנ א פאַרשטיינערטע. זי קאָנ שוינ אפילע נישט וויינענ... דאָס מיידל (פרײַלנ זײַטשיק) האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ נאָכ וואַסער. זי האָט אָפּגעמינטערט בראָכענ, געטרייסט עליענ, אויסגערעדט דאָס האַרצ דער מאַמע אונ געהייסנ קומענ מאָרגנ. אפנ וועג זאָגט איר מײַנ ברודער עליע מוסער, לעמײַ זי האָט געוויינט די גאַנצע צײַט, אונ ער דערמאָנט איר, וויפל מאָל ער האָט איר געזאָגט, זי זאָל נישט וויינענ!.. די מאַמע וויל אימ ענטפערנ, האָט זי נישט קיינ ווערטער... זי קוקט ארופ אונ בעט גאָט: „טו מיט מיר, ריבוינע-שעל-אוילעמ, א כעסעד אונ מיט מײַנע קינדער אונ נעמ מיכ צו פונ דער וועלט!"... אונדזער כאַווער פיניע דרינגט, אַז אינגאַנצנ איז דאָ שולדיק אָט דער לינגער, אָט דער פעלדשער ביבער. א גאַנצנ טאָג מיט א גאַנצע נאַכט הערט מענ נישט אופ צו עסנ איינס דאָס אַנדערע, ביז עס קומט מאָרגנ. אפ מאָרגנ גייענ מיר ווידער צו דער „עזרע". גיט אונדז די „עזרע" אנ אייצע, אַז מיר זאָלנ זיכ כרוווּנ פאָרנ איבער לאָנדאָנ. עפשער וועט לאָנדאָנ דורכלאָזנ די מאַמע מיט אירע פאַרווײַנטע אויגנ קיינ אמעריקע. אָדער אויב נישט קיינ אמעריקע, איז כאָטש קיינ קאַנאַדע... ווו איז קאַנאַדע — ווייסנ מיר נישט. מע זאָגט, אַז ס'איז נאָכ ווײַטער פונ אמעריקע... מײַנ ברודער עליע אונ אונדזער כאַווער פיניע האָבנ דערווײַל איבער וואָס צו קריגנ זיכ. עליע פרעגט אימ: „פיניע! זאָג נאָר, ווו איז דאָס אָט דאָס קאַנאַדע? ביכט דאָכ עפעס אמאָל געוועןנ א מענטש פונ געאָגראַפיע"... זאָגט אימ פיניע, אַז קאַנאַדע איז אינ קאַנאַדע, דאָס הייסט, נישט אינ קאַנאַדע, נאָר אינ אמעריקע. דאָס הייסט, ער וויל זאָגנ, אַז קאַנאַדע איז טאַקע דאָס אייגענע, וואָס אמעריקע, נאָר פאָרט נישט אמעריקע. פרעגט אימ עליע: „ווי קאָנ דאָס זײַנ?" זאָגט אימ פיניע: „נו, זעסטו דאָכ!"...

דערוויַיל דאַרף מען גיין צום שיף באַגלייטן גוטע פרײַנט, אונדזער שכיינע פעסיע מיט איר מאַן דעם אײַנבינדער (מוישע הייסט ער) מיט איר גאַנצער כאַליאַסטרע. ווײַ-וויי וואָס סע טוט זיך באַם שיף! ייִדן, ווײַבער, קינדער, קלומקעס, פעקלעך, קישנס, זעק מיט בעטגעוואַנט. דער לויפֿט. דער שרײַט. דער וויינט. דער שוויצט. דער עסט. דער שעלט. פּלוצעם הערט זיך אַ קאָל פֿון אַ ווילדע כײַע, פֿון אַ וויזל-טיר[1]: ה-ה-ה-ה-ה ו-ו-ו-ו!!!

דאָס הודעט מען פֿון שיף, מע זאָל זיך שוין געזעגענען. עס ווערט אַ לויפֿערײַ מיט אַ קושערײַ מיט אַ געוויין — אַ טעאַטער און געװוגו! אַלע געזעגענען זיך. מיר געזעגענען זיך אויך. אַלע קושן זיך. מיר קושן זיך אויך. מיר קושן זיך מיט דער כאַליאַסטרע. די מאַמע קושט זיך מיט אונדזער שכיינע פעסיע. פעסיע רעדט איר אויס דאָס האַרץ, בעט, זי זאָל גאָרנישט זאָרגן, זיי וועלן זיך, אימירצעשעם, זען אינ-גיכן אין אַמעריקע... די מאַמע מאַכט מיט דער האַנט און שלינגט די טרערן... די לעצטע צײַט וויינט זי אַ סאַך ווינציקער, ווי פֿריִער. זי האָט עפּעס אײַנגענומען אַזעלכעס אַף נישט וויינען... דער גאַנצער אוילעם איז שוין אַפֿן שיף. מיר זײַנען אין דרויסן. אײַ, זײַנען מיר זיי מעקאַנע! אײַ, בין איך מעקאַנע „וואַשטינ"! אַמאָל האָט ער מיר מעקאַנע געווען. הײַנט בין איך אים מעקאַנע!.. און „וואַשטי" שטייט מיט אַ צעריסן מיצל אַפֿן שיף. ער האַלט די הענט אַרונטער און ווײַזט מיר אַ צונג. דאָס הייסט, ער וויל מיר געבן אָנצוהערעניש, אַז ער פֿאָרט און איך נישט. פֿאַרדריסט דאָס מיך זייער, נאָר איך נעם מיך אָן מיט האַרץ און שטעל אים אַרויס אַ פֿײַג: „נאַ דיר!"... דאָס הייסט אַזוי גרויס, ווי איך וואָלט אים זאָגן: „וואַשטי"! אַזאַ מאַקע דיר און אַזאַ שטיק גאָלד מיר, ווי איך וועל אינגיכן זײַן אין אַמעריקע!..

אָ! איר זאָלט גאָר נישט זאָרגן — איך וועל אינגיכן זײַן אין אַמעריקע!

---

1 אַ לעגענדאַרישע כײַע.

XX

די כאַליאַסטרע ווערט צעקראָכן

א

וואָס א טאָג, וואָס א טאָג ווערט די כאַליאַסטרע עמיגראַנטן קלענער, און אַנטווערפּן ווערט א פּוסטקע. שאַבעס מיטן שיף פאָרן אָפּ א גרויסע עמיגראַנטן, אַלע קיין אַמעריקע. מיט זיי פאָרט אַוועק אויך מײַן כאַווער מאָטל, דאָס איז מאָטל דער גרויסער, אָט דער, וואָס האָט מיך אויסגעלערנט שטעלן א גובערנאַטאָר, די קונץ פון בויכרעדנערײַ און נאָך אַזעלכע זאַכן. איך ווייס נישט, וואָס האָט אין אים דערזען אַזעלכעס מײַן ברודער עליע, וואָס ער האָט אים פײַנט. איך מיין, אַז דאָס וואַקסט פון בראָכע. מײַן שוועגערן בראָכע האָט א טעווע זיך אונטערהערן, וואָס מע רעדט, און צוקוקן זיך, וואָס מע לאַכט. ס׳איז איר אייסעק, וואָס מיר לאַכן. עפּשער לאַכן מיר פון אונדזער פּיניען, עליעס כאַווער, וואָס ער שלעפּט לעקעך פון די קעשענעס מיט צוקערקעס און עסט? און עפּשער גאָר פון ביבער דעם פעלדשער, ווי׳אַזוי ער באַרימט זיך פאַר דער כאַליאַסטרע עמיגראַנטן, האַקט אַזעלכע שקאָרים, אַז מע קאָן בלײַבן אָן א בויך לאַכנדיק?

מאָלט אײַך, איצטיקס מאָל איז זי גערעכט געווען. מיר האָבן געמאַכט א גאַנצע קאָמעדיע פון איר מאַמע, ריוועלע די בעקערן מיט דער רעטאָנדע. טאָג ווי נאַכט רעדט זי פון דער רעטאָנדע, וואָס מע האָט בא איר אַוועקגעגאַנוועט אָפּ דער גרענעץ, דאָס מויל מאַכט זיך איר נישט צו!

מאָלט אײַך, אַז מײַן מאַמע קאָן זיך שוין נישט אײַנהאַלטן און זאָגט צו איר:

— אוי, מעכוטענעסטע! ווען איך זאָל וועלן אַזויפיל ריידן פון מײַן בעטגעוואַנט, פון מײַנע קישנס, וואָס מע האָט בא מיר צוגענומען אָפּ דער גרענעץ, ווי איר פון אײַער רעטאָנדע!..

זאָגט ריוועלע די בעקערן מיט איר מאַנצבלשער שטים:

— זאָגט כאָטש לעהאַוודל!

זאָגט איר די מאַמע:

— בא מיר איז דען גנייוּוישע קישנס?

זאָגט ריוועלע די בעקערן:

— גנייוּוישע נישט גנייוּוישע, איך בין צוקאָפּנס נישט געשטאַנען.

זאָגט איר די מאַמע:

— איך פֿאַרשטיי נישט, מעכוטענעסטע, וואָס איז באַ אײַך פֿאַר א לאָשן?

זאָגט ריוועלע די בעקערן:

— וואָסער א גוט-מאָרגן, אזא גוט-יאָר.

זאָגט איר די מאמע:

— מעכוטענעסטע! מיט וואָס האָב איך דען אָנגערירט אײַער האָנאָר?

זאָגט ריוועלע די בעקערן:

— ווער זאָגט דען, אז איר האָט מיר אָנגערירט דעם האָנאָר?

זאָגט איר די מאמע:

— וואָס זשע זאָגט איר „לעהאוודל״?

זאָגט ריוועלע די בעקערן:

— פֿאַרשטייט זיך, לעהאוודל! אז איך רייד כוּנ מײַנ רעכאָנדע, פֿאָרט איר מיר אַרײַנ מיט אײַער בעטגעוואנט, מיט אײַערע קישנס,

זאָגט איר די מאמע:

— בא מיר איז דען גנייווישע קישנס?

זאָגט ריוועלע די בעקערן:

— גנייווישע נישט גנייווישע, איך בינ צוקאָפּנס ניט געשטאנען. אונ ווידעראמאָל דאָס אייגענע אונ אָבעראמאָל דאָס אייגענע! דארף מען טעאטער?

ב

פֿארשטייט זיך, אז מיר ביידע, דאָס הייסט, איך, מאָטל דער קליינער אונ מײַנ כאָווער מאָטל דער גרויסער, האָבנ זיך דעם זעלבנ אפּדערנאכט אוועקגעזעצט אונ האָבנ געמאכט אזא מינ אָנשטעל: ווייס-טו וואָס? איך וועל זײַנ ריוועלע די בעקערן, אונ דו וועסט זײַנ די מאמע דײַנע, אונ לאָמיר מאכנ די אייגענע שפּיל וואָס זיי. נאָר וואָס דענ? מיטנ אייגענעמ לאָשנ אונ מיטנ אייגענעמ קאָל: איך וועלריידנ גראָב, ווי ריוועלע די בעקערן, אונ דו — מיט א וויינענדיק קאָל, ווי די מאמע דײַנע.

אונ ביידע מאָטלעכ האָבנ זיך פֿארשטעלט. איינער האָט אָנגעטאָנ א פֿאריק, דער אנדערער א פֿאטשיילע. צונויפגעדרופּנ כעווריע: מענדל דאָס בארמיצווע-ייִנגל, אונדזער מעכוטנס טעכטערל אלטע, גאָלדעלע מיט די קאליע אויגנ, אונ נאָכ ייִנגלעכ אונ מיידלעכ פֿונ דער כא-ליאסטרע עמיגראנטנ. אונ מיר האָבנ זיך גענומענ צו דער ארבעט:

מאָטל דער קליינער (מיט א וויינענדיק קאָל): אוי, מעכו-

טענעסטע! ווען איך זאָל וועלן אזויפיל ריידן פון מײַן בעטגעוואַנט און פון מײַנע קישנס, וואָס מע האָט בא מיר צוגענומען אפ דער גרענעץ, ווי איר פון אײַער רעטאָנדע!..

מאָטל דער גרויסער (מיט א גראָבער שטימע): זאָגט כאָטש „לעהאוודל"...

מאָטל דער קלײנער: בא מיר איז דען גנייווישע קישנס?

מאָטל דער גרויסער: גנייווישע ניט גנייווישע, איך בין צוקאָפּנס נישט געשטאַנען.

מאָטל דער קלײנער: איך פארשטיי נישט, מעכוטענעסטע, וואָס איז בא אײַך פאר א לאָשן?

מאָטל דער גרויסער: וואָסער א גוט-מאָרגן, אזא גוט-יאָר.

מאָטל דער קלײנער: מעכוטענעסטע! מיט וואָס האָב איך אָנגערירט אײַער האָנאָר?

מאָטל דער גרויסער: ווער זאָגט דען, אז איר האָט מיר אָנגערירט דעם האָנאָר?

מאָטל דער קלײנער: וואָס זשע זאָגט איר „לעהאוודל"?

מאָטל דער גרויסער: פארשטייט זיך, לעהאוודל! אז איך רייד פון מײַן רעטאָנדע, פאָרט איר מיר אריין מיט אײַער בעטגעוואַנט!

מאָטל דער קלײנער: בא מיר איז דען גנייווישע קישנס?

מאָטל דער גרויסער: גנייווישע נישט גנייווישע, איך בין צוקאָפּנס...

ג

גיי ריכט זיך, אז אקוראַט אפן וואָרט „צוקאָפּנס" וועט זיך עפענען די טיר און עס וועלן זיך באווײַזן געסט: מײַן שוועגערין בראָכע מיט איר מאמע ריוועלע די בעקערן, מיט איר טאַטן יוינע דער בעקער, מיט זייערע „באָנים", מײַן מאמע, מײַן ברודער עליע, אונדזער כאווער פּיניע מיט זײַן ווײַב טײַבל, ביבער דער פעלדשער מיט די געלע ציין און נאָך יידן און ווײַבער — א גאנצע כאליאסטרע! דאָס ערשטע האָט מײַן שוועגערין בראָכע מיר צוגעשטעלט א בענקעלע פאר אלעמען, אז איך מאך נאָך דער גאנצער וועלט. זי האָט געוואָלט, אז די גאנצע וועלט זאָל זיך אין מיר נוקעם זײַן. די גאנצע וועלט האָט זיך אָבער נישט געוואָלט נוקעם זײַן אין מיר. פאר מיר איז געווען גענוג מײַן ברודער עליע אליין. מײַן ברודער עליע האָט א טרוקענע האנט מיט דארע פינגער. אז ער וואָרפט אײַך אוף א פּאַטש

הייַנט פאַרנאַכט, בלייַבט בא אייַך א סימען אַף דער באַק ביז איבערמאָרגן אינדערפרי.

„מע דאַרף אָט די צוויי מאָטלס צעשיידן!" — אַזוי האָט געפּאַטשט בראָכע, און מייַן ברודער עליע האָט מיר אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, אַז טאָמער דערזעט ער אונדז אינצווייען, מאַכט ער פון אונדז א מאָצינקע[1]! איך וואָלט וועלן זען, וויאַזוי ער וועט דאָס מאַכן פון מיר א מאָצינקע? ער פאַרגעסט, אַז ס'איז דאָ א מאַמע אַף דער וועלט, וואָס וועט גיכער לאָזן זיך אַרויסנעמען די קאַליע אויגן, איידער דערלאָזן, מע זאָל פון מיר מאַכן א מאָצינקע.

ד

מיט דער מאַמעס אויגן איז נישט אין בעסטן. דאָס הייסט, נישט גוט. זייער נישט גוט! מע זאָגט, אַז מע וועט זי נישט אַרופלאָזן אַפן שיף פאַר קיין מיליאָנען אפילע. מע דאַרף אַנטלויפן פון אַנטווערפן. אין אַנטווערפן זייַנען דאָקטוירים רעשאָים! זיי קוקן אין די אויגן אַרייַן. וויבאַלד זיי געפינען אַף די אויגן „טראַכאָמעס", אַזוי כאַפּט זיי אַוועק דער רוח. נישטאָ בא זיי נישט קיין קאָוועד, נישט קיין ראַכמאָנעס! מיר וועלן מוזן פאָרן קיין אַמעריקע דורך אַן אַנדער וועג. דורך וואָסער א וועג — ווייסן מיר נאָך נישט. ס'איז דאָ וועגן געווען. האַלעוויי וואָלט נאָר געווען מיט וואָס צו פאָרן. ס'איז א כוואָרע, אַז בא מייַן ברודער עליע אין קעשענע טאָגט שוין. דער גאַנצער מאַיאָנטעק פון אונדזער האַלבער דירע איז בא אונדז אַוועק אַף די דאָקטוירים מיט די פעלדשערס — אַלץ צוליב דער מאַמעס אויגן. איך האָב געכאַפּט א וואָרט פון מייַן ברודער עליע און פון זייַן כאַווער פּיניע: „האַלעוויי מיר זאָלן זיך כאָטש דערשלעפּן ביז לאָנדאָן!"... אַוואַדע וואָלט איך בעכער וועלן גלייַך קיין אַמעריקע, איידער קיין לאָנדאָן. אונדזער שכיינע פּעסיע די גראָבע מיט איר גאַנצער כאַליאַסטרע איז שוין לאַנג אין אַמעריקע. זיי מאַכן שוין דאָרט א לעבן. וואַשטי (הערשל מיט דער גאָליע) גייט שוין דאָרט אַרום שפּאַצירן מיט די הענט אין די קעשענעס איבער אַלע גאַסן און קנאַקט ניסלעך. אונדזערע מעכוטאָנים — יוינע דער בעקער, ריוועלע די בעקערן, מיט די „באָנים", מיט מייַן „קאַלע" אַלטע — האָבן זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אַף מייַן מאַמעס אויגן און זייַנען אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע אָן אונדז. אוי, אוי, אוי, וואָס סע האָט זיך

[1] א לייז איי. „מאַכן א מאָצינקע" — געמיינט: שטאַרק שלאָגן.

אָפּגעטאָן יענעם טאָג אין אנטוועקפֿן! מיר האָבן נישט געלאָזט די באמע, זי זאָל זײַן באם שיפֿ, וואָרעם אז זי וועט זיך דארפֿן גע־זעגענען מיט די מעכותּאָנים, וועט זי וויינען און דערוויַיל באגראָבן דאָס איבעריקע ביסל אויגן. וואָס האָבן מיר געפּויעלט? האָט זי נאָך מער געוויינט. זי טײַנעט, אז מע נעמט צו בא איר דאָס איינציקע שטיקל כּיבוד — כאָטש אויסוויינען זיך די צאָרעס, גרינגער מאכן דאָס הארץ!.. נאָר ווער הערט זי?

ה

ווייסט איר, ווער ס'איז צופרידן מיטן אָפּפֿאָרן פֿון אונדזערע מעכותּאָנים? איר וועט קיינמאָל נישט טרעפֿן — גאָלדעלע! אָט דאָס מיידל, וואָס מיט די קאליע אויגן, וואָס איר פֿאָטער און מוטער זײַנען אין אמעריקע שוין העכער א יאָר און זי זיצט דאָ, אין אנטוועקפֿן, צוליב די אויגן. דערהערט, אז אונדזערע מעכותּאָנים פֿאָרן אוועק, האָט זי געוואָלט גיין טאנצן. וואָס איז די מײַסע? זי האָט פֿײַנט אלטענע, אָט די, וואָס מע האָט זי מיר גערעדט אמאָל פֿאר א קאלע. זי האָט זי פֿײַנט פֿאר איר גאדלעס. גאָלדעלע האָט פֿײַנט א מענטשן, וואָס בלאָזט פֿון זיך.

— דײַן קאלע מיט די רויטע צעפּעלעך קאָן איך נישט אָנקוקן: זי איז א גאדלענטע!

אזוי זאָגט צו מיר איינמאָל גאָלדעלע, און דאָס פּאָנעם ברענט איר ווי אן אויוון.

— פֿונוואנען האָבן זיך גענומען בא אלטען רויטע צעפּעלעך, אז זי האָט גאָר שווארצע?

אזוי זאָג איך צו גאָלדעלען. ווערט זי נאָך מער אין קאס, וויינט און זאָגט צו מיר:

— רויטע! רויטע! רויטע!..

גאָלדעלע, אז זי איז בייז, דארף מען זי לאָזן צורו, ביז עס גייט איר אָפּ דער קאס. און אז עס גייט איר אָפּ דער קאס — איז זי גאָלד און זילבער! מיט מיר איז זי טאקע גאָר ווי א שוועסטער. אלצדינג דערציילט זי מיר: וויאזוי זי האָט געוווינט אפֿ דער סטאנציע, קערט די שטובן, האָט געוואָשן די אויפֿעס, פּאַרוויגט די קינדער (די באלעבאָסטע, ווו זי שטייט, האָט א צײַט נישט געהאט קיין קינדער; איצט האָט זי גאָט געבענטשט מיט א צווילינג). הײַנט דערציילט זי מיר, וויאזוי זי גייט צום דאָקטער אלע טאָג זיך קורירן די אויגן; וויאזוי דער דאָקטער שמירט זי מיטן זעלבן בלוישטיין, וואָס ער שמירט אלע איבעריקע קראנקע.

— אוי, ווען גאָט העלפט מיר אָן אייגענעם בלוישטיין, וואָלט איך עפשער קאָנען אמאָל זען מײַן טאטע-מאמע...

אזוי זאָגט גאָלדעלע מיט טרערן אַפ אירע קראנקע אויגן. עס רײַסט מיר אויס א שטיק הארץ. איך קאָן נישט הערן, ווי זי רעדט פון טאטע-מאמע. איך קאָן נישט זען, ווי זי וויינט. איך זאָג צו איר:

— ווייסטו וואָס, גאָלדעלע? אָט פאָר איך קיין אמעריקע. איך וועל מאכן דאָרט א לעבן, וועל איך דיר צושיקן פון דאָרט א בלוישטיין.

— דו נארטסט מיך נישט אָפּ? שווער מיר בא דײַנע הייליקע נעמאָנעס.

אזוי זאָגט צו מיר גאָלדעלע, און איך שווער בא מײַנע הייליקע נעמאָנעס, אז איך וועל זי נישט פארגעסן. אז גאָט וועט מיר העלפן, איך וועל נאָר אָנהייבן מאכן א לעבן אין אמעריקע, אזוי שיק איך איר באלד ארויס א בלוישטיין.

ו

איך ווייס שוין פאר געוויס, אז מיר פאָרן שאבעס אינדערפרי קיין לאָנדאָן. מיר גרייטן זיך שוין אין וועג ארײַן. מײַן מאמע מיט מײַן שווּעגערן בראָכע מיט אונדזער כאווער פיניעס ווײַב טײַבל גייען פון איין סטאנציע אין דער אנדערער זיך געזעגענען מיט דער כאַליאסטרע עמיגראנטן. נישט אזוי דאָס געזעגענען, ווי אויסריידן זיך דאָס הארץ פאר מענטשן. וואָס לאָזט זיך אויס? מיר זײַנען גאָר מאָנארכן קעגן אנדערע עמיגראנטן. ס'איז פאראן אין דער כאליאסטרע אזעלכע מאָדנע שלימאזלען, וואָס זײַנען אונדז מעקאנע. זייערע צאָרעס איז גאָרנישט איבערצודערציילן. אלע זײַנען געווען אין דער היים שיינע באלעבאטים. אלע האָבן פארמאָגט אלדאָס גוטס. אלע האָבן געהאט שטענדיק א טיש פאר אָרעמעלײַט. אלע ווינטשן זיך פארמאָגן, וואָס מענטשן האָבן בא זיי צוגענומען. אלע האָבן געטאָן די שענסטע שידוכים. הײַנט זײַנען זיי אלע שלעפערס. מאָדנע ברויִם! מיר האָבן זיך שוין צוגעגעסן זייערע מײַסעס. פריִער, אז איך פלעג הערן, מע דערציילט פון א פּאָגראָם, האָב איך אָנגעשטעלט מויל און אויערן. הײַנט, אז איך דערהער דאָס וואָרט פאָגראָם, — אנטלויף איך. איך האָב בעסער ליב פריילעכע מײַסעס. איז אָבער נישטאָ ווער ס'זאָל דערציילן עפּעס פריילעכס. געווען איין פעלדשער ביבער א פריילעכער פארשוין, אפילו א גרויסער ליגנער, איז ער שוין אויך אין אמעריקע.

— ער האקט דאָרט שקאָרים אפֿן פּוד! — אזוי זאָגט אונדזער כאַווער פּיניע.

— מע וועט אים דאָרט לאַנג נישט לאָזן האַקן שקאָרים. האָב קיין מוירע נישט. אין אַמעריקע האָט מען פֿײַנט אַזעלכע... אין אַמעריקע איז אַ ליגנער ערגער פֿון אַ מעשומעד!..

אזוי זאָגט מײַן ברודער עליע, און בראָכע פֿרעגט אים: פֿונוואַנען ווייסטו? הייבט זיך אָן באַ אונדז אַ כאַסענע: איך און פּיניע האַלטן מיט עליען, טײַבל האַלט מיט בראָכען. וואָס איינער זאָגט, דרינגט דער אַנדערער קאַפּויער.

מיר, מאַנצבלען: אַמעריקע איז אַ לאַנד פֿון גאָלע עמעס!..

זיי, די ווײַבער: אַמעריקע איז אַ מעדינע פֿון כאַמע ליגנערס!..

מיר, מאַנצבלען: אַמעריקע איז געבויט אַף עמעס, יוישער און ראַכמאָנעס!..

זיי, די ווײַבער: גנייווע, גזיילע, שאַרלאַטאַנעס!..

אַ גליק, וואָס סע מישט זיך אַרײַן די מאַמע. זי זאָגט:

— קינדערלעך, וואָס דאַרפֿט איר זיך קריגן איבער אַמעריקע, אַז מיר זײַנען נאָך אין אַנטווערפּן?

זי איז זייער גערעכט. מיר זײַנען נאָך אין אַנטווערפּן. אָבער נישט אַף לאַנג. אָט־אָט פֿאָרן מיר אַוועק קיין לאָנדאָן. אַלע צעפֿאָרן זיך פֿונדאַנען, אַלע עמיגראַנטן, די גאַנצע כאַליאַסטרע.

וואָס וועט זײַן מיט אַנטווערפּן??

XXI

זײַ געזונט, אַנטווערפּן!

א

קיין שטאָט האָט מיר אזוי נישט באַנק געטאָן אַוועקצוּוואַרפֿן, ווי די שטאָט אַנטווערפּן. און נישט אזוי די שטאָט, ווי די מענטשן. און נישט אזוי די מענטשן פֿון אַנטווערפּן, ווי די כאַליאַסטרע עמיגראַנטן. און נישט אזוי די כאַליאַסטרע אַליין, ווי מײַנע כאַווייריִם און כאַווערטעס. אַ סאַך זײַנען זיך צעפֿאָרן פֿריִער. וואַשטי, אַלטע, מאָטל דער גרויסער — די זײַנען שוין לאַנג אין אַמעריקע, מאַכן אַ לעבן. געבליבן איז נאָר מענדל דער באַרמיצווע־באָכער (בראָכע האָט אים געשענקט אַ צונעמעניש „דער לאָשעק"). און גאָלדעלע דאָס מיידל מיט די קאַליע אויגן איז געבליבן. ווײַטער קיינער נישט. וואָס וועט

טאָן די „עזרע", די, וואָס העלפֿט די עמיגראַנטן? ווען וועט זי העלפֿן? עס טוט מיר באַנק אַנטווערפּן, איך וועל בענקען נאָך אַנטווערפּן. אַ ווילע שטאָט, ווילע מענטשן. אַלע האַנדלען מיט בריליאַנטן. אַלע טראָגן זיך אַרום מיט שטיינער. אַלע קענען די מלאָכע: שנײַדן, קליוון, שלײַפֿן שטיינער. ווען איר באַגעגנט, איז ער אָדער אַ שטיינשנײַדער, אָדער אַ קליווער, אָדער אַ שלײַפֿער. אַ סך ייִנגלעך פֿון אונדזער כאַליאַסטרע זײַנען דאָ פֿאַרבליבן, געוואָרן שטיינשנײַדער. מיר זאָלן זיך אַזוי ניט רײַסן קיין אַמעריקע, וואָלט מען מיך אויך אײַנגעוועבן צו דער אַרבעט, געמאַכט פֿון מיר אַ שטיינשנײַדער. מײַן ברודער עליען איז געפֿעלן די מלאָכע. אונדזער כאַוועך פּיניע אויך. זיי זאָלן זײַן, זאָגן זיי, אַ ביסעלע ייִנגער, וואָלטן זיי אַליין גענומען זיך צו דער אַרבעט — שלײַפֿן שטיינער. בראָכע לאַכט פֿון זיי. זי זאָגט, אַז שטיינער איז גוט צו טראָגן, נישט צו שלײַפֿן. פּיניעס ווײַב טײַבל האַלט מיט איר. טײַבל איז אויך אַ באַלן אָפּ צו אָנטאָן שטיינער. זיי גייען אַלע טאָג קוקן אין די פֿענצטער און קאָנען זיך ניט אָפּלויבן פֿון די בריליאַנטן מיט די דימענטן, וואָס וואַלגערן זיך אַזוי ווי מיסט. עס דרייט זיך אויך דער קאָפּ. עס שעמערירט זיי אין די אויגן. זיי זײַנען אויס מענטש. פּיניע לאַכט פֿון זיי. ער זאָגט, אַז די אַלע שטיינער האָבן בײַ אים אַ פּאָנעם פֿון כּויזעק, און די, וואָס גיבן זיך אָפּ דערמיט, זעען אויס בײַ אים ווי משוגעים. איר מיינט, ער האָט נישט געמאַכט אָפּ זיי קיין לידל? אַזוי הייבט זיך אָן דאָס לידל:

אַנטווערפּן איז אַ לאַנד
פֿון די בעסטע שטיינער,
מיליאָנערן אַלערהאַנט —
קיין אָרעמאַן נישט איינער.
דימענטן ווי מיסט,
העכער האַלב אומזיסט!
בריליאַנטן האָבן זיי אַ סך! אַ סך!
צירונג? — פֿאַר דער גאַנצער וועלט!
עס פֿעלט זיי נאָר איין זאַך:
— — — — — — — — — — מעזומענע געלט...

און ווײַטער געדענק איך נישט.

ב

אָנגעדענקענ זיך אַלע לידלעך, וואָס פיניע מאַכט, דאַרפ מענ האָבנ א קאָפּ פונ א מיניסטער. מײַנ ברודער עליע קוילעט זיך מיט אים דערפאַר. עליע זאָגט, טאָמער ווערט מענ געוואָר אינ דער „עזרע", אַז מיר מאַכנ לידלעך אַפ אַנטווערפנ, טרײַבט מענ אונדז אַרויס פונ דאָרטנ. אונ מיר קוקנ אַרויס אַפ דער „עזרע" פאַר אונדזער אוועקפאָרנ, זי זאָל אונדז עפּעס העלפנ. מיר גייענ צו איר אַלע טאָג. מיר זײַנענ דאָרט היימישע מענטשנ. דאָס מיידל, וואָס שרײַבט אינ בוך, דאָס פרײַלנ זײַטשיק קענ אונדז אַלע באַ די נעמענ. מיך האָט זי ליב, ווי א קינד. מיט דער מאַמענ איז זי ווי א שוועסטער. איר קאָנט פאַרשטיינ, אַז אַפילע בראָכע זאָגט, אַז פרײַלנ זײַטשיק איז א גילגל[1] פונ א ייִדיש מיידל מיט א ייִדישער נעשאָמע. די גאַנצע כאַליאַכטרע עמיגראַנטנ האָבנ זיך פאַרליבט אינ איר. אונ נאָר דערפאַר, וואָס זי רעדט צו זיי אַפ ייִדיש, נישט אַפ דײַטש. ווײַטער ריידנ זיי אינ אַנטווערפנ אַלע דײַטש, כאָטש גיב זיי א קרענק! פיניע זאָגט אַפילע, אַז דאָס לאַנד געהער נישט צו קיינ דײַטשנ, אונ די ייִדנ וואָלטנ געמעגט ריידנ ייִדיש. נישקאָשע, עס וואָלט זיי גאָרנישט געשאַט. אַלע ייִדנ פונ דער זײַט גרענעצ האָבנ פײַנט ייִדיש, האָבנ ליב דײַטש. אַפילע די קאַפּצאָנים זייערע ריידנ דאָ אויך אַפ דײַטש. ער ווערט אײַך פייגערנ פונ הונגער, אַבי אַפ דײַטש! אַזוי זאָגט בראָכע אונ טרײַבט אונדז אונטער, מיר זאָלנ שוינ פאָרנ קיינ לאָנדאָנ! ס'איז שוינ נימעס געוואָרנ דאָס אַנטווערפנ מיט זייער לאָשנ. אַז וווּ מע גייט אונ וווּ מע שטייט, הערט מענ נאָר: בריליאַנטנ! דימענטנ! אַלע טראָגנ זיך אַרומ מיט פולע קעשענעס, מיט גאַנצע פּעק בריליאַנטנ. עס זאָל זיך דאָס אַפילע צוקלעפּנ צו אונדז א בריליאַנטל! עמעצער פונ זיי זאָל כאָטש ווערנ פאַרלירנ א פאָר דימענטלעך, אונ איך זאָל זיי געפינענ! אַזוי זאָגט בראָכע, אונ די אויגנ אירע ברענענ. איך ווייס נישט, וואָס בראָכע איז אַזוי פאַרקאָכט אינ דימענטנ מיט בריליאַנטנ. איך וואָלט אײַך אוועקגעגעבנ אַלע שטיינער פונ דער גאַנצער וועלט פאַר איינ קעסטל פאַרבנ מיט א בערשטעלע אַפ צו מאָלנ. איך האָב אויסגעמאָלט א שיפ נישט לאַנג מיט א שטיפטל אַפ פּאַפּיר, א שיפ מיט א כאַליאַסטרע עמיגראַנטנ, קעפּ אַפ קעפּ. איך האָב דאָס מאָלעכצ אוועקגעגעבנ גאָלדעלענ, דעמ מיידל, וואָס מיט די

---

1 לויטנ אָבערגלויבנ, א מענטש אָדער אנ אַנדער באַשעפעניש, וואָס אינ אים איז קלוימערשט אַרײַנ די נעשאָמע פונ א פאַרשטאָרבענעמ.

קאליע אויגן. גאָלדעלע האָט דאָס געוויזן דעם פֿרײַלן זײַטשיק. יענע האָט דאָס באַוויזן אין דער „עזרע" פֿאַר דער גאַנצער וועלט. האָט דערזען אויך מײַן ברודער עליע, האָב איך געהאַט פֿון אים: „מענטשעלעך! ווערסט אויפֿהערן אַמאָל מאָלן מענטשעלעך, צי ניין?" מײַן ברודער עליע האָט מיך שוין לאַנג אַזוי נישט געשלאָגן. איך האָב עס דערציילט גאָלדעלען. האָט דאָס גאָלדעלע דערציילט דעם פֿרײַלן זײַטשיק. האָט דאָס פֿרײַלן זײַטשיק פֿירגעהאַלטן מײַן ברודער עליע, פֿאַרוואָס ער שלאָגט מיך. זי האָט אים באַוויזן דאָס מאָלעכץ און האָט איבער אים געטײַנעט און געטײַנעט. מײַן ברודער עליע האָט זי אויסגעהערט, און אַז ער איז געקומען אַהיים, האָב איך ערשט דעמלט פֿון אים געהאַט. מײַן ברודער עליע זאָגט, אַז ער מוז מיר אַרויסשלאָגן דעם שיגאָען פֿון מאָלן מענטשעלעך...

ג

הײַנט זײַנען מיר געווען דאָס לעצטע מאָל בא דער „עזרע". וואָס מיר האָבן דאָרט געטאָן — ווייס איך נישט. מײַן ברודער עליע האָט עפּעס געטײַנעט. פּיניע האָט געמאַכט מיט די הענט. בראָכע האָט זיך אַרײַנגעמישט אינמיטן. די מאַמע האָט געוויינט. די, וואָס זיצן אין דער „עזרע", האָבן עפּעס גערעדט צו אונדז, געווײנטלעך, אַף דײַטש. דרײַ זײַנען דאָרט געזעסן, און אַלע דרײַ האָבן זיך פֿאַרהערט, ווער קען בעסער ריידן דײַטש... פֿרעגט מיך בעכיירעם, וואָס זיי האָבן דאָרטן גערעדט? אַז מײַן קאָפּ איז מיר גאָר דאָרטן, אַפֿן שיף, אַפֿן יאַם, אין לאָנדאָן, אין אַמעריקע. און דאָ קומט צו לויפֿן גאָלדעלע אין איין אָטעם:

— דו פֿאָרסט שוין טאַקע?

— איך פֿאָר.

— ווען?

— מאָרגן.

— וווהין?

— קיין לאָנדאָן.

— און פֿון דאָרטן?

— קיין אַמעריקע.

— און איך בלײַב דאָ מיט מײַנע קאַליע אויגן, און מײַן טאַטע-מאַמע — גאָט ווייסט, ווען אַ ך וועל זיי זען!

אַזוי זאָגט גאָלדעלע און וויינט מיר אָפּ דעם קאָפּ. עס טוט מיר וויי דאָס האַרץ. איך וויל זי טרייסטן, האָב איך נישט קיין ווערטער.

איך קוק אָפּ איר און טראַכט מיר: „ריבונו-של-עולם! וואָס האָסטו צו אָט דעם מיידל? וואָס האָט זי דיר געטאָן?״... איך נעם זי בא דער האַנט. איך גלעט זי:

— וויין נישט, גאָלדעלע. אָט וועסטו זען, איך וועל קומען קיין אַמעריקע און וועל מאַכן אַ לעבן, איז דאָס ערשטע — שיק איך דיר אַרויס אַ בלוישטיינדל אָפּ צו שמירן די אויגן. נאָכדעם וועל איך דיר שיקן אַ שיפסקאַרטע. אַ האַלבע שיפסקאַרטע, ביסט דאָך נאָך נישט אַלט קיין צען יאָר. וועסטו קומען צו פאָרן קיין אַמעריקע. דאָרט וועט אָפּ דיר וואַרטן אין „קעסטל-גאַרטל״ דײַן טאַטע מיט דײַן מאַמע. איך וועל אויך זײַן אין „קעסטל-גאַרטל״. אַז דו וועסט צופאָרן מיטן שיף קיין אַמעריקע, זאָלסטו קוקן אין „קעסטל-גאַרטל״ און זאָלסט מיך זוכן מיט די אויגן. איך וועל האַלטן אָט דאָס בלײַשטיפטל אין די הענט — זעסטו? אַז דו וועסט דערזען אין אַמעריקע אַ ייִנגל מיט אָט אזא בלײַשטיפטל — זאָלסטו וויסן, אַז דאָס בין איך, מאָטל פּייסים. נאָכדעם, אַז דו וועסט אַראָפּ פון שיף, וועסטו זיך צעקושן מיט דײַן טאַטע-מאַמע. אהיים וועסטו נישט גיין מיט זיי. דו וועסט זיי נאָר איבערגעבן די זאַכן דײַנע און בעסער גיין אָנקוקן מיט מיר אַמעריקע. איך וועל דיר ווײַזן גאַנצ אַמעריקע, מאַכמעס איך וועל דאָך שוין זײַן קלאָר אין דעם אָפּ אויסווייניק. נאָכדעם וועל איך דיך ברענגען אהיים צו דײַן טאַטע-מאַמע, וועסטו עסן מיט זיי וועטשערע, אַ פרישע יויך...

גאָלדעלע האָט נישט געוואָלט הערן ווײַטער. זי איז מיר געפאַלן אָפּן האַלדז און געקושט מיך. איך זי אויך.

ד

אָט די בראָכע, הערט איר, האָט אַ טעווע: ווו מע פאַרזייט זי נישט, דאָרט וואַקסט זי אויס. זי דאַרף אָנקומען אַקוראַט אין דער מינוט, ווען איך געזעגן זיך מיט גאָלדעלען! געזאָגט האָט זי מיר גאָרנישט. קיין האַלב וואָרט אפילע. זי האָט נאָר אויסגעצויגן מיט איר מאַנצבלשער שטים עפּשער אָפּ דרײַ קלאַפטער: „אַז-וי-וי-וי?..״

נאָכדעם האָט זי עפּעס מאָדנע צונויפגענומען די ליפּן, פאַרדרייט די נאָז. אַ הוסט האָט זי אויך געטאָן בעשאַס-מײַסע: „ע-העם!״ און איז אוועק גלײַך צו מײַן ברודער עליע. וואָס זי האָט אים געזאָגט, ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דער „עזרע״, האָט מיר עליע אָפּגעשטעקט אַ געשמאַקן פּאַטש. עס האָט מיר געקלונגען אין ביידע אויערן.

— פֿאַר וואָס? — פֿרעגט אים די מאַמע. — פֿאַר ווען?

— ער ווייסט שוין, פֿאַר וואָס!..—ענטפֿערט איר מײַן ברודער עליע, און מיר גייען אַלע אַף דער סטאַנציע. דאָרט איז אַ מעהומע, אַ טאַרעראַם. מע דאַרף זיך פּאַקן. איך האָב ליב זען, ווי מע פּאַקט זיך. אַף פּאַקן זיך איז מײַן ברודער עליע אַ בעריע. אַז עס קומט צו פּאַקן זיך, וואַרפֿט ער אַראָפּ די קאַפּאָטע און הייבט אָן קאָמאַנדעווען: „גיט אַהער דאָס קויטיקע גרעטל.. מאַמע, דעם טשײַניק!.. דאָס היטעלע, בראָכע, דאָס היטעלע, גיכער!.. די קאַלאָשן, פּיניע, דו בלינדער יאַצקאָ, דו סליפּאַק איינער, דו זעסט נישט? אָט שטייען די קאַלאָשן באַ דיר אונטער דער נאָז!.. מאָטל, וואָס שטייסטו, ווי אַ ליימענער גולעם? העלף עפּעס טאָן! ער ווייסט נאָר מאָלן מענטשעלעך! מענטשעלעך!..

דאָס מיינט ער שוין מיך. איך טו מיך אַ וואָרף און הייב אָן העלפֿן טראָגן און וואַרפֿן, וואָס עס קומט מיר אין די הענט. ווערט מײַן ברודער עליע אין קאַס, לעמײַ איך וואַרף, און וויל מיך שלאָגן. שטעלט זיך אײַן פֿאַר מיר די מאַמע: „וואָס ווילסטו האָבן פֿונעם קינד?“... געפּעלט נישט בראָכען, לעמײַ די מאַמע רופֿט מיך „קינד“, און צעקריגט זיך מיט דער מאַמע. דערמאָנט איר די מאַמע, אַז איך בין אַ יאָסעם, און וויל אָנהייבן וויינען. זאָגט איר עליע: וויין, וויין! וויין אויס דאָס לעצטע ביסל אויגן!..

אָט באַלד פֿאַרלאָזן מיר אַנטוועררפּן.

זײַ געזונט, אַנטוועררפּן!

XXII

לאָנדאָן, פֿאַרוואָס ברענסטו נישט?

א

זינט איך לעב, בין איך נישט געווען אַף אַזאַ יאַריד, ווי אין לאָנדאָן. נישט אין לאָנדאָן איז אַ יאַריד, נאָר לאָנדאָן אַליין איז אַ יאַריד. סע קלאַפּט און סע קלינגט און סע פּײַפֿט און סע טראַסקעט, און מענטשן - מענטשן אַזוי ווי מאָן, אַזוי ווי מערעשקעס! פֿונוואַנען נעמען זיך אַזויפֿיל מענטשן, און וווּהין לויפֿן זיי? אַפּאָנעם, זיי זײַנען הונגעריק, אָדער זיי האַלטן באַ אַוועקפֿאָרן. אַניט, וואָס דאַרף מען זיך אַזוי שטופּן, שלאָגן זיך מיט די עלנבויגנס, אומוואַרפֿן אַ

מענטשנ אונ טרעטנ אים מיט די פיס? איכ רייד פונ פיניענ. אונדזער כאווער פיניע, אויב איר געדענקט, האָט א נידעריקע ריִע. דערצו האָט ער א טעווע, ער האלט דעם קאָפּ ארופ אונ פלאָנטעט מיט די פיס. א פארטראָגענער מאלעכ. דער קאָפּ פליט בא אים. דעם ערשטנ באָרעכ-האבאָ האָט ער געכאפּט אפ דער באנ. מיר זײַנענ נאָר ארויסגעקראָכנ פונ וואגאָנ, האָט זיכ שוינ געטראָפנ אנ אומגליק. דער ערשטער איז ארויסגעפלויגנ פיניע. איינ הויז פארקאטשעט, איינ זאָק אראָפּגעלאָזט, דאָס האלדזטיכל פונ יענער זײַט — אזוי ווי טאָמיד. איכ האָב נאָכ פיניענ קיינמאָל ניִשט געזענ אזוי האָפּערדיק, ער האָט געברענט, ווי אפ פּאָקנ. ער האָט אָנגעהויבנ שיטנ מיט מאָדנע ווערטער, ווי זײַנ שטייגער איז: „לאָנדאָנ! ענגלאנד! דיזראעלי! באָקל! היסטאָריע ציוויליזאציע!..” עס איז אומעגלעכ געווענ אים אײַנצושטילנ.

עס האָט ניִשט געדויערט קיינ צוויי מינוט, איז אונדזער כאווער פיניע שוינ געלעגנ אפ דער ערד, אונ מענטשנ האָבנ געשפּאנט איבער אים, ווי מע שפּאנט איבער א שײַט האָלצ. א גליק, וואָס זײַנ ווײַב טײַבל האָט געמאכט א גוואלד: „פיניע, ווו ביסטו?” האָט זיכ מײַנ ברודער עליע געגעבנ א וואָרפ אונ האָט אים ארויסגעשלעפּט א צעקנייטשטנ אונ אנ אָפּגעבליאקעוועטנ, ווי אנ אלטנ קאפּעליוש. דאָס איז געווענ נומער איינס. דעם צווייטנ פּסאק האָט ער געכאפּט דעם זעלבנ טאָג אינ שטאָט, אונ דאפּקע אָפּ דער יִדישער גאס, וואָס מע רופט זי מיט א מאָדנעם נאָמענ „ווײַטשעפּל”, דאָרט, ווו מע פארקויפט פיש אונ פלייש, סידורימ, ציצעס, עפּל, קוואס, טאָרט מיט צוקערלעקעכ, מיט אָנגעשניטענע שטיקלעכ הערינג, טאלייסימ, לימענעס, וולוטשקע, אייער, גלעזלעכ, טעפּ, קאלאָשנ, לאָקשנ, בעזעמער, פײַפעלעכ, פעפּער, שטריק — פּונקט דאָס אייגענע, וואָס בא אונדז. ס׳זאָל פעלנ א האָר. אפילע בלאָטע אויכ, ווי בא אונדז. אונ שמעקנ שמעקט אויכ ווי בא אונדז. אמאָל נאָכ ערגעו. מיר האָבנ זיכ דערפרייט, אז מיר האָבנ דערזענ דעם ווײַטשעפּל. פיניע האָט זיכ שוינ צופיל דערפרייט. „בארדיטשעוו! — האָט ער זיכ צעשריגנ. — גוואלד, יִדישע קינדער! מיר זײַנענ ניִשט אינ לאָנדאָנ, מיר זײַנענ אינ בארדיטשעוו!” אוי, האָט ער געכאפּט א בארדיטשעוו! איכ האָב געמיינט, אז מע וועט אים דארפנ אוועקפירנ אינ שפּיטאָל. פונ דעמלט אָנ לאָזט אים טײַבל אליינ ניִשט גיינ איבער לאָנדאָנ אפילע א טריט. איכ קוק אפּ דעם ווײַטשעפּל אונ טראכט מיר: ריבוינע-שעל-אוילעמ, אז אינ לאָנדאָנ איז אזוי, הײַנט וואָס קאָנ שוינ זײַנ אינ אמעריקע?..



מאָטל פּייסי דעם חזנס

18.

פאַקסימילע פון שאָלעם־אַלייכעמס לעצטן מאַנוסקריפּט (דאָס לעצטע, ניט פאַרענדיקטע קאַפּיטל פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס").

רעדט זשע אָבער מיט בראָכענ, זאָגט זי, אַז לאָנדאָנ וואָלט געמעגט פארברענט ווערנ, נאָכ איידער מיר זײַנענ געקומענ. פונ דער ערשטער מינוט, וואָס מיר זײַנענ געקומענ קיינ לאָנדאָנ, האָט מײַנ שוועגערנ בראָכע געוואָרפנ אַנ אומכיינ אַפ דער שטאָט — סאַקאָנעס! ס'איז דענ אַ שטאָט? — זאָגט זי. — ס'איז נישט קיינ שטאָט, ס'איז אַ גענעמ! עס וואָלט געמעגט קומענ אַפ איר אַ סרייפע נאָכ פאַראַיאָרנ! אַזוי זאָגט בראָכע, אונ מײַנ ברודער עליע פרוּווט זיכ פאַרענטפערנ די שטאָט, זוכנ מײַלעס. נאָר עס העלפט אימ, ווי אַ טויטנ באַנקעס. בראָכע הערט נישט אויפ צו שיטנ פעכ אונ שוועבל אַפ דער שטאָט אונ ווינטשעווענ, זי זאָל אָפברענענ. קיינ אַנדער שטראָפ ווינטשט זי איר נישט, נאָר ברענענ. פיניעס ווײַב טײַבל האַלט זי אונטער. די מאַמע זאָגט: „עפשער וועט גאָט ראַכמאָנעס האָבנ אונ דאָס לאָנדאָנ וועט זײַנ אונדזער לעצט אָפקוב־עגיש?" נאָר מיר אינדרײַענ: איכ אונ עליע אונ פיניע האַלטנ פונ לאָנדאָנ אַנ אוילעמ אומלויע[1]! אונדז איז דאַפקע געפעלנ אָט דער טומל, וואָס סע טומלט, מיט דעמ קאָכעניש, וואָס סע קאָכט.

וואָס אַרט עס אונדז, אַז עס קאָכט? לאָז קאָכנ. אונדז געפעלט נאָר נישט, וואָס מיר גייענ אַרומ אָנ אַרבעט. מיר זוכנ אַ קאָמיטעט אונ קאָנענ נישט געפינענ. ווענעמ מיר פרעגנ, איז אָדער מע ווייסט נישט, אָדער מע וויל נישט ענטפערנ. מע האָט קיינ צײַט נישט. מע איז פאַרטראָגנ. מע לויפט! מיר מוזנ אָבער האָבנ אַ קאָמיטעט. מיר קאָנענ זיכ אָנ אַ קאָמיטעט נישט באַגיינ. נישט מאַכמעס קיינ זאַכ, נאָר מאַכמעס דעמ, וואָס מיר האָבנ נישט מיט וואָס צו דערשלעפנ זיכ קיינ אַמעריקע. מײַנ ברודער עליעס קעשענע האָט זיכ אויסגעליידיקט. דאָס געלט, וואָס מיר האָבנ אָפגעלייזט פאַר אונדזער האַלבע דירע, איז אַוועק ווי אַ רויכ. פיניע לאַכט פונ עליענ: „וואָס וועסטו טאָנ מיט דער קעשענע?"... עליע איז אינ קאַס. ער האָט פײַנט, אַז מע טרײַבט קאַטאָוועס. ער איז פונקט דער היפעכ פונ זײַנ כאַווער פיניע. ער איז אַ פאַרוויינטע נעשאָמע. פיניע רופט אימ: „דאָס פאַרזאָרגטע באַלעבעסל"... איכ האָב פיניענ ליב נאָר דערפאַר, וואָס ער איז טאָמיד פריילעכ. זינט מיר זײַנענ געקומענ קיינ לאָנדאָנ, איז ער נאָכ געוואָרנ פריילעכער. ער זאָגט, אַז דאָרט, אינ קראָקע, לעמבערג, בראָד, אַנטווערפנ, ווינ, מוז מענ ריידנ דײַטש. דאָ אינ לאָנדאָנ איז

---

1 געמיינט: האַלטנ שטאַרק, עס געפעלט זייער.

א מעכײַע. מע קאָן ריידן ייִדיש, ווי אין דער היים. דאָס הייסט: האלב ייִדיש, האלב רוסיש.

דאָס לאָשן זייערס איז ערגער נאָך פון דײַטש. בראָכע זאָגט, אז דרײַ ענגלענדער מעגן זײַן א קאפּאָרע פאר איין דײַטש. זי זאָגט: ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אין דער וועלט, אז א גאס זאָל הייסן ווײַטשעפל, און געלט זאָל הייסן „אייפּעני", „טאפּעני", „טריפּעני"? ס'איז דאָ נאָך א וואָרט, וואָס געהער זיך אָן מיט געלט, הייסט עס „פּײַפּ". מיט דעם דאָזיקן „פּײַפּ" האָט זיך געטראָפן בא אונדז א גאנצע מײַסע. אויב איר ווילט, קאָן איך זי אײַך דערציילן.

ב

איר ווייסט דאָך שוין, אז מיר זוכן א קאָמיטעט אין לאָנדאָן. געפינען אין לאָנדאָן א קאָמיטעט — איז פּונקט, ווי אין א וואָגן שטרוי א נאָדל. נאָר ס'איז דאָך אָבער דאָ א גאָט אף דער וועלט, גייען מיר איינמאָל אזוי איבערן ווײַטשעפּל. פארנאכטלעך איז דאָס געוועזן. דאָס הייסט, נישט פארנאכט, נאָר באטאָג. אין לאָנדאָן איז נישטאָ נישט קיין באטאָג, נישט קיין אינדערפרי. אין לאָנדאָן איז שטענדיק פארנאכט. באגעגנט אונדז א ייִד מיט א קורץ ווײַטיקל, מיט א טשודנעם קאפּעליוש און מיט זוכנדיקע אויגן.

— איך וואָלט געמעגט שווערן, אז איר זײַט ייִדן...

אזוי זאָגט צו אונדז דער ייִד מיטן קורצן ווײַטיקל. און פּיניע ענטפערט אים:

— קאָניעטשנאָ! נאָך וואָסערע ייִדן! פון ייִדנלאנד!..

— ווילט איר עפּשער פארדינען א מיצווע?

אזוי מאכט ווידער דער ייִד, און פּיניע ענטפערט אים:

— לעמאָשל-נאפּרימער?

— איך האָב יאָרצײַט און קאָן נישט אוועקגיין פון דער היים. עס פעלט מיר אויס נאָך א פּאָר מענטשן צו א מיניען... דאָס באָכערל איז שוין בארמיצווע צי נאָך נישט?

דאָס מיינט ער מיך. מיר איז דאָס דאפּקע געפעלן, וואָס ער רופט מיך „באָכערל" און מיינט, אז איך בין שוין בארמיצווע.

ארופגעדראפּעט זיך מיט אים אין דער פּינצטער אף די טרעפּ, זײַנען מיר ארײַן אין א פּינצטערן כיידערל, אָנגעפּאקט מיט קליינע

פארמורזעטע קינדער און אָנגעפילט מיט א געדיכטן רייעך פון „געפרייטע" פיש. קיין מיניען איז נאָך נישט געווען. עס האָבן נאָך געפעלט זיבן. דער ייִד האָט אונדז געבעטן זיצן, און אליין האָט ער געגעבן א שפרונג אַפ דער גאס, טאָמער וועט ער כאַפּן נאָך א צוויי ייִדן. ער האָט געגעבן עטלעכע שפרונג, ביז ער האָט צונויפגעשלאָגן א מיניען. איך האָב מיך דערוויַיל באקענט מיט די פארמורזעטע קינדערלעך און געכאַפּט א קוק אין אויוון. דאָרט האָבן זיך „געפרייט" פיש. בא אונדז אין דער היים זאָגט מען „געפּרעגלט". דאָ דאַרף מען זאָגן „געפרייט". איך ווייס נישט, פארוואָס? עפשער דערפאר, וויַיל ס'איז א פריַי לאנד, הייסט דאָס געפרייטע פיש? אָדער דערפאר, וויַיל די פיש פרייען זיך, בעשאס מע פרעגלט זיי? סיַיווי־סיַי זיַינען געפרייטע פיש גאָר נישט אזוי שלעכט, ווי מיַין שווענערן בראָכע מאכט דעם אָנשטעל. ווען מע גיט מיר איצטער א שטיקל געפרייטע פיש, וואָלט איך זיך מעכיַיע געווען. איך מיין, אז בראָכע אליין וואָלט זיך אויך נישט אָפּגעזאָגט. מיר האָבן אלע א גאנצן טאָג קימאט געפאסט. מיר לעבן שוין עטלעכע טאָג מיט א שטיקל הערינג און מיט רעטעך. אין וויַיטשעפל קריגט איר גוטע שווארצע רעטעכער. דער ייִד וואָלט געטאָן א סייכל, ווען ער בעט אונדז, מיר זאָלן בליַיבן מיט אים עפּעס נעמען אין מויל אריַין. אפּאָנעם, ער הייבט נישט אָן צו פילן, אז מיר ווילן עסן. פונוואנען ווייס איך דאָס? מאכמעס, וויבאלד מיר האָבן אָפּגעדאווענט מינכע, און ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם קאדעש, האָט ער אונדז באלד אָפּגעדאנקט פאר דער טירכע און האָט אונדז געזאָגט, אז מיר קאָנען גיין. מיַין ברודער עליע האָט אָבער געוואָלט האָבן דורך אים א שטיקל טויווע. האָט ער געמאכט א שמועס מיט אים וועגן קאָמיטעט. און געכאַפּט א קוק בעשאס־מיַיסע אַפ די געפרייטע פיש און געגעבן א שלונג אראָפּ. דער ייִד האָט מיט איין האנט געהאלטן בא דער קליאַמקע פון דער טיר, און מיט דער אנדערער האנט האָט ער אונדז דערציילט פונעם קאָמיטעט עפּעס זייער נישט קיין פריילעכע מיַיסעס. ערשטנס, האָט דער ייִד געזאָגט, אז עס הייבט זיך גאָר נישט אָן — גאָר נישטאָ קיין קאָמיטעט. דאָס הייסט, ס'איז דאָ א קאָמיטעט, עטלעכע קאָמיטעטן, נאָר די לאָנדאָנער קאָמיטעטן גיבן נישט אזוי גיך קיין געלט. אויב איר ווילט באהילפיק זיַין פון א לאָנדאָנער קאָמיטעט, מוזט איר פריִער זיך גוט אָנלויפן, ברענגען פאַפּירן און איידעס, אז איר זיַיט אן עמיגראנט און פאָרט קיין אמעריקע. מאכמעס ס'איז דאָ א סאך עמיגראנטן, וואָס זאָגן נאָר, אז זיי פאָרן קיין

אמעריקע, נאָכדעם, אז איר ברענגט שוין אלצדינג, קאָן מען אייַך פון קאָמיטעט געבן צושטייַער נאָר אפ צוריקוועגס, דאָס הייסט, איר זאָלט פאָרן צוריק אהיים. מאכמעס די לאַנדאָנער קאָמיטעטן האלטן נישט פון אמעריקע. דערהערט אזעלכע דיבורים, איז מייַן ברודער עליע באלד געוואָרן אין קאס (איר ווייסט דאָך, אז ער איז א קייַסן). און פיניע איז דאָך אוואדע א היציקער פארשוין, האָט ער אָנגעהויבן צו פייַערן אפ זייַן לאָשן:

— קאק מאָזשנע — וויאזוי איז דאָס מעגלעך? קאקאָי פאָלנע פראוו — ווי האָבן זיי דאָס רעכט אונדז הייסן פאָרן צוריק? קאק אים נע סטידנאָ — ווי שעמען זיי זיך נישט אין א לאנד פון ציוויליזאציע?

שלאָגט אים איבער דער ייִד פונעם מיניען, האלט אָפן די טיר און זאָגט צו אים:

— רייד אהער, רייד אהין! אָט האָב איך אייַך געגעבן אן אדרעס פון א קאָמיטעט, פאָרט זיך דורך אליין צום קאָמיטעט, וועט איר זען, אז ס'איז אָלרייַט.

ג

ארויסגעגאנגענע פונעם יאָרצייַט, איז אונדז נאָכגעלאָפן דער רייעך פון די געפרייַטע פיש. מיר אלע האָבן געקלערט וועגן זיי, נאָר ריידן האָט קיינער נישט גערעדט פון זיי, אכוץ בראָכע. זי האָט זיי אָנגעבענטשט א פולן קאָפּ. זי האָט זיי געווינטשעוועט, זיי זאָלן זיך דערווערגן, ריבוינע-שעל-אוילעם, מיט זייערע געפרייַטע פיש, וואָס זיי אווערן אפ א מייל. מייַן מאמע קאָן נישט לייַדן:

— וואָס האָסטו צו זיי? נעבעך ערלעכע מענטשן! זיצן אין אזא גענעם — פונדעסטוועגן, אז עס קומט צו א יאָרצייַט, זוכט מען א מיניען...

דערויף ענטפערט איר בראָכע:

— שוויגער, לאָזן זיי אייַך ברענען אינאיינעם מיט זייערע יאָרצייַטן און מיט זייערע געפרייַטע פיש! מע שטעלט אָפּ פרעמדע מענטשן, מע רופט זיי אריין צו זיך אין שטוב אריין, — נעם גיב דעם קינד א שטיקל געפרייַטע פיש כאָטש פון יויצע וועגן...

דאָס מיינט זי מיך. אָט ערשט בין איך געווען באם ייִדן א „בארמיצווע-באָכערל", איצט בין איך שוין געוואָרן בא בראָכען א

„קינד"... גוטע יאָרן, אז בראָכע נעמט זיך אָן מײַן קריוודע! אזוי טראכט איך. מיר לאָזן זיך אלע זאלבעזעקסט צום קאָמיטעט. אן איי־צע האָט אונדז דער ייִד געגעבן, א דאנק אים, אז מיר זאָלן נישט גיין צופוס — מיר זאָלן בעסער זיך אופזעצן אפן טראמוויַי און פאָרן גלײַך. האָט אָבער דער לאָנדאָנער טראמוויַי א טעווע — ער האָט פײַנט זיך אָפּשטעלן. וויפל מע זאָל צו אים נישט מאכן מיט די הענט, ער טוט זיך זײַנס — ער לויפט. נאָכלויפן אים וועט אײַך נישט העלפן — איר וועט אים נישט כאפן. א גליק, וואָס איינער האָט זיך אפּ אונדז דערבארעמט, און דאפקע אן ענגלענדער מיט אָפּגעגאָלטע וואָנצעס (טאָמער זעט איר א מענטשן מיט געגאָלטע וואָנצעס, זאָלט איר וויסן, אז ס'איז אן ענגלענדער). דער ענגלענדער האָט געזאָגט, אז מיר מאכן מיט די הענט צו די טראמוויַיען, און די טראמוויַיען לויפן, האָט ער אונדז צוגעפירט צו א קלויסטער און האָט אונדז אָנגעוויזן מיט די הענט, אז דאָ זאָלן מיר שטיין. קאַך-האָווע, עס האָט נישט געדויערט קיין מינוט, איז אָנגעלאָפן א טראמוויַי און האָט זיך אָפּגעשטעלט. זײַנען מיר אלע ארײַן — איך, און מײַן ברודער עליע, און אונדזער כאַווער פּיניע, און די מאמע, און בראָכע, און טײַבל — און מיר פאָרן. גייט צו דער קאָנדוקטאָר און הייסט זיך, מע זאָל נעמען בי־לעטן. שטעלט זיך ארויס פּיניע און פרעגט אים: סקאָלקאָ-וויפל? זאָגט אים דער קאָנדוקטאָר: „פּײַפּ". פרעגט אים פּיניע נאָכאמאָל: סקאָלקאָ-וויפל? זאָגט אים דער קאָנדוקטאָר ווידעראמאָל, שוין מיט קאַס: „פּײַפּ". דרייט זיך אויס צו אונדז פּיניע און זאָגט: טשטאָ טאַקאָיע, איר הערט? ער הייכט מיר פּײַפּן! גייט צו מײַן ברודער עליע און פרעגט אים מיט די הענט: וויפל קאָסט א פאָר? זאָגט אים דער קאָנדוקטאָר, שוין רעכט אין קאַס: „פּײַפּ!" צעלאכט זיך פּיניע, און עליע רופט זיך אָן צום קאָנדוקטאָר שוין אויך מיט קאַס: „פּײַפּ אליין!"... ווערט דער קאָנדוקטאָר מאָלע גאזלען, טוט א ציִ בא א שטריק, שטעלט אָפּ דעם טראמוויַי און ווארפט אונדז ארויס מיט אזא רעציכע, גלײַך ווי מיר האָבן אים געוואָלט קוילען און צונעמען זײַן רײַזע-טאַש מיטן געלט. צום סאָף לאָזט זיך אויס, אז דאָס, וואָס דער קאָנדוקטאָר האָט „גע־פּײַפּט", האָט ער דאָס געמיינט פּינפּ.

— נו? זאָל נישט קומען א סרייפע אפּ לאָנדאָן?

אזוי זאָגט בראָכע, און מיר גייען אין קאָמיטעט ארײַן צופוס.

ד

אין לאָנדאָנער קאָמיטעט איז פריילעך, ווי אין אַלע קאָמיטעטן. אין הויף וואַלגערן זיך עמיגראַנטן, אַזוי ווי מיסט, און אינעווייניק אין שטוב זיצן מענטשן און רייכערן ציגאַרן און זאָגן זיך איינס דאָס אַנדערע: אָלרײַט. דער כילעק איז, וואָס די דײַטשע קאָמיטע-טשיקעס טראָגן די וואָנצעס פאַרדרייט אַרויף און ריידן אַף דײַטש, און די לאָנדאָנער קאָמיטעטשיקעס האָבן אָפּגעגאָלט די בערד מיט די וואָנצעס אינגאַנצן און ריידן: „אָלרײַט!" אַ טעאַטער מיט זיי. די מאַנצבילן גייען געגאָלט, און די ווײַבער טראָגן אַלע פּאַריקן אַף די קעפּ. און נישט נאָר די ווײַבער — אַפילו די מיידלעך טראָגן צוגע-קלעפּטע האָר מיט אויסגעגרײַזלטע בוקלעס, האָבן אַלע גרויסע ציין און זײַנען אַזוי מיִעס, אַז סע שלאָגט צו דער גאַל. פונדעסטוועגן, לאַכן זיי פון אונדז אין די אויגן, טײַטן מיט די פינגער, און קוויטשען אַזוי, אַז ס'איז אַ ביזאָיען פאַר לײַטן. צוויי מיידלעך האָבן אונדז אָפּגעשטעלט אינמיטן גאַס און האָבן זיך צוגעטשעפּעט צו מײַן ברו-דער עליע, ער זאָל גיין אין „באַרבער-שאָפּ". פריִער האָבן מיר נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַטײַט. איצט ווייסן מיר שוין: גיין אין באַרבער-שאָפּ הייסט אָפּשערן זיך און אָפּגאָלן זיך. מאָדנע ברוים. אַליין גייען זיי פאַרדריפּעט ביזן האַלדז, פרעסן אינמיטן גאַס גע-פּרײַטע פיש, וואָס לאָזן זיך הערן פאַר אַ מײַל, און האָבן פּײַנט האָר. שיקורים זײַנען זיי אויך גאַנץ נישקאָשעדיקע, נאָר זיי וואַל-גערן זיך נישט אַף דער גאַס, אַזוי ווי בײַ אונדז. מע לאָזט זיי נישט. אַ לאַנד איז דאָס זייער אַ ווילדס, זאָגט בראָכע, נאָר עס וויל נישט ברענען.

— וואָס וועט דיר אַרויסקומען, אַז ס'וועט ברענען?

אַזוי פרעגט בײַ איר מײַן ברודער עליע און כאַפּט פון איר אַ מיִעסן פּסאָק. בראָכע אַז זי וויל, קאָן זי. אַמאָל, מאַכט זיך, זאָל זי אײַך שווײַגן, נישט ריידן אַ וואָרט צו קיינעם, און אַמאָל עפנט זיך אויף בײַ איר אַ קוואַל פון ווערטער, איז אָדער פאַרשטעלן זיך די אויערן מיט וואַטע, אָדער לויפן אין דער וועלט אַרײַן. איך גיב אײַך איבער אירע רייד, וואָרט בײַ וואָרט:

— וואָס שטעלסטו זיך אַזוי אײַן פאַר דעם געבענטשטן לאָנדאָן מיטן שוואַרצן הימל, מיט די געגאָלטע מאָרדעס, מיט דעם שיינעם ווײַטשעפּל, מיט די געפּרײַטע פיש, מיט די אַלטע מוידן, מיט די געדרייטע בוקלעס, מיט די פאַרדריפּעטע קליידלעך, מיט די קאַפּצאָ-

נים, וואָס טרינקען דזשינדזשער-ביר, מיט די קאָנדוקטאָרן, וואָס הייסן פײַפן, מיט די ייִדן, וואָס האָבן יאָרצײַט און זשאַלעווען אַ טרונק וואַסער? אַזאַ שטאָט מוז ברענען!

אַזוי זאָגט בראָכע אין איין אָטעם, ווי די אַסערעס-בניי-האָמאָן[1], און לאָזט אויס מיט צונויפגעלייגטע הענט:

— לאָנדאָן, פאַרוואָס ברענסטו נישט?!..

ריבוינע-שעל-אוילעם! ווען וועלן מיר שוין זײַן אין אַמעריקע???..

געשריבן אין יאָר 1907

1 האָמאָנס צען זין. אינעם ביבל-בוך „מעגילאַס-עסטער", וועלכן מע לייענט פּורים, ווערט דערציילט, ווי אַזוי די ייִדן האָבן נעקאָמע גענומען אין זייער סון — „האָמאָנען", וועלכער האָט געוואָלט אומברענגען די ייִדן, און האָבן אויפגעהאַנגען זײַנע צען זין. די נעמען פון די צען זין לייענט מען אַפּניכ, מיט איין אָטעם.

אינהאלט

זײַט

I. הײַנט איז יָמטעוו — מע טאָר נישט וויינענ . . . 5
II. מיר איז גוט — איכ בינ א יאָסעמ 22
III. וואָס וועט זײַנ פונ מיר? 28
IV. מײַנ ברודער עליע האָט כאסענע 42
V. איכ האָב א רײַכע שטעלע 50
VI. א שמאלצ-גרוב 57
VII. מײַנ ברודער עליעס געשראנק 63
VIII. מיר פארפלייצנ די וועלט מיט טינט 72
IX. נאָכווייענישנ פונ דער טינט-פארפלייצונג 81
X. א גאס ניסט 86
XI. אונדזער כאווער פיניע 93
XII. שאט, מיר פאָרנ קיינ אמעריקע! 101
XIII. מיר גאנווענענ די גרענעצ 110
XIV. מיר זײַנענ שוינ אינ בראָד 120
XV. קראָקע מיט לעמבערג 129
XVI. מיט די עמיגראנטנ 136
XVII. ווינ איז א שטאָט, אונ גאָט איז א פאָטער 142
XVIII. וווּנדער פונ אנטווערפּנ 150
XIX. די כאליאסטרע 159
XX. די כאליאסטרע וועט צעקראָכנ 168
XXI. זײַ געזונט, אנטווערפּנ! 174
XXII. לאָנדאָנ, פארוואָס ברענסטו נישט? 179

ШОЛОМ-АЛЕЙХЕМ

МАЛЬЧИК МОТЛ

Редактор *А. Фрумкин.* Худ. *Г. Ингер* Техредактор *М. Погостер*

Сдано в производство 10/XI-46 г. Подписано к печати 13/III-47 г. А—00159.
Печ. л. 12. Уч.-изд. л. 9,13. Тип. знаков в п. л. 30.500. Формат 84x108 1/32.
Тираж 15.000. Заказ 122.

Набрано в 13-ой типографии треста „Полиграфкнига" ОГИЗа при Совете Министров СССР, Москва, Денисовский, 30.
Отпечатано в типографии Госэнергоиздата, Москва, Шлюзовая наб., 10.